און דורך דעם (די עבודה פון א אידן) ווערט א איד נתעלה פון "חלק לעולם הבא", צו "בן עולם הבא", ביז צו "מזומן לעולם הבא", ביז ער דערגרייכט די דרגא וואו ער איז העכער פאר עולם הבא, כמבואר[49] דער פירוש אין "אין להם חלק לעולם הבא"[50] (וואס איז לכאורה א סתירה צו "כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב") אז דאס איז דערפאר וואס פאר אים איז עולם הבא ניט קיין שכר, פאר אים איז עוה"ב א ירידה, ווארום ער שטייט העכער דערפון,

ביז נאכמער, אז ער איז יוצר עולמות, ער באשאפט עולם הבא און עולם הזה, און טוט אויף (דורות זיין עבודה בתורה עבודה וגמילות חסדים) אז עס זאל זיין "העולם עומד" (כהמשך הפרק[51]) און "העולם קיים" (כסיום הפרק[52]), און במילא ווערט ער א בעל-הבית אויף עולם הבא און עולם הזה און אויף בני חיי ומזוני רויחי!

וכידוע דער פתגם פון דעם אלטן רבי'ן (איבערגעגעבן דורך נשיא דורנו) אז "זוטרא דבכו מחי' מתים"[53], ד.ה. אז דער כח אויף מחי' מתים האט יעדער איד , אנשים נשים וטף, ביז אז מ'קען אנווייזן - מראה באצבעו ואומר זה [באומרו דברים אלו - הצביע כ"ק אדמו"ר שליט"א לנוכח כל הקהל], אז יעדער איינער פון אייך קען מחי' מתים זיין! אנהויבנדיק פון מחי' זיין (אויפלעבן) זיך אליין, און אויך א צווייטן, ביז אויך - בגשמיות!

וכל זה - אין אן אופן אז מ'דארף ניט אנקומען בינתיים אפילו צו א רגע של צער ועגמת נפש און בלבולים, ווארום כאטש אז מ'קומט סו"ס צו מחי' מתים, דארף מען אבער לפי שעה האבן צער און בלבולים כו',

כולל אויך די וואס גייען (אזא וואס גייט) ארום און איז מבלבל זיך און אנדערע, פארקערט פון דער הוראה "טראכט גוט וועט זיין גוט" בקשר מיט אן ענין פון מחי' מתים.

נאר איצטער איז מען זיך משתדל רעדן נאר אין ענינים פון טוב הנראה והנגלה, איז אויך דא דער ענין פון "מחי' מתים" אין טוב וקדושה - בנוגע צו אזא וואס איז אראפ א מדריגה, וואס "מאן דנפל מדרגי' איקרי" בשם זה[54]. ד.ה. אז ביי אים איז געווען נאר

---

49) עשרה מאמרות מאמר חקו"ד ח"ב פ"ח. וראה לקוטי לוי"צ אגרות ע' שנח ואילך. לקו"ש חכ"ג ע' 102. וש"נ. 50) סנהדרין קח, א. 51) משנה ב. 52) משנה יח. 53) ל' חז"ל - ע"ז י, ב. 54) כ"ה בלקו"ת חוקת נז, רע"א. וראה זח"ג קלה, ב. הובא בע"ח שער ט פ"ב. ועוד.

הנחת הת' בלתי מוגה

א נפילה בדרגא, און "מדרגי'", ניט פון א צווייטן'ס דרגא, נאר דוקא בערך צו די דרגא וואו ער דארף האלטן – איז דאס א נפילה (משא"כ בערך צו א צווייטן איז דאס א הויכע מדריגה און ניט קיין ירידה), אעפ"כ דארף זיין דער מחי' מתים, און ער זאל נתעלה ווערן צו די דרגא וואו ער געהערט.

ובפשטות: ער איז געבארן געווארן בא חסידים און האט זיך אויפגעהאדעוועט צווישן תמימים און באקומען הדרכה פון נשיא דורנו וכו', און אמאל האט ער גע'חזר'ט חסידות ברבים, און געדאוונט באריכות וכו', דערנאך איז ער געווארן א גביר, א בעל עסק, און דאס וואס ער האט אמאל געטאן – איז ביי אים איצטער א דבר למפרע, דאס איז אמאל געווען, אבער איצטער איז ער געווארן "זבולון" און גיט ער א סך צדקה און האלט אויס צענדליקע, הונדערטע תלמידי חכמים, במילא, טענה'ט ער – "שמח זבולון בצאתך"[55]!

ועד"ז אזא וואס איז בדרגת יששכר – איז ער אבער א בעל עסק אין יששכר גופא, ווייל ער האט א סך תלמידים, און ער פארנעמט זיך מיט זיי, און ער פארגעסט אויף זיך אליין – "קשוט עצמך"!

און דאס וואס ער טענה'ט, אז ער דארף זיך פארנעמען מיט זיינע תלמידים און ער האט ניט קיין צייט פאר זיך – האט מען דער סיפור אין גמרא (א סיפור תמוה) בנוגע צו אן אמורא, ר' שמואל בר שילת[56], וואס "קאי בגינתא", ער האט זיך געפארקעט מיט זיין גארטען, האט מען ביי אים געפרעגט וואס וועט זיין מיט זיינע תלמידים, האט ער געענטפערט אז "השתא נמי (אויך ווען ער פארנעמט זיך מיט זיין גארטען) דעתאי עלויהו". דערפון איז פארשטאנדיק במכ"ש בנוגע צו זיין עבודה רוחנית, אז דאס וועט זיכער ניט שטערן די השפעה צו זיינע תלמידים, ווייל אויך דעמולט איז "דעתאי עלויהו".

(כ"ק אדמו"ר שליט"א חייך, ואמר): מ'דארף דאך ניט אנווייזן מיטן פינגער ווען מ'מיינט – מראה באצבעו ואומר זה – ווארום ס'איז א רחמנות אויף א אידן; אבער זאל ער פאר זיך אליין מאכן א חשבון צדק אליבא דאמת: ווען איז געווען דער לעצטער מאל וואס ער האט געהאט התבוננות קודם התפלה?

ער איז ניט מחויב דאס טאן ברבים (ווארום ער שעמט זיך), נאר פאר זיך אליין – זאל ער זיך אוועקזעצן פאר א שפיגל און מראה באצבעו ואומר זה – אויף זיך אליין – און זיך א פרעג טאן:

---

55) ברכה לג, יח. 56) ב"ב ח, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

ווען ער איז דער לעצטער מאל וואס ער האט זיך מתבונן געווען אין חסידות קודם התפלה, ווי ס'איז מבואר אין קונטרס העבודה און אין די צענדליקע מאמרים פון נשיא דורנו בענין עבודת התפלה וואס זיינען צוגעקומען זינט דעמולט!

נוסף צו דער דין וואס ווערט געבראכט אין דעם אלטן רבין'ס שולחן ערוך[57] [וואס ענינו איז צו פארלייגן אלע ענינים באופן פון שולחן ערוך לפניהם כו'], אז חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת קודם התפלה, און אויך לאחרי התפלה, וואס דאס איז דער ענין פון התפשטות הגשמיות (ווי דער אלטער רבי איז דארט מבאר).

זאל ער זיך באטראכטן ווען האט ער דעם לעצטן מאל געדאווענט לאחרי א התבוננות לשעה עכ"פ - א שעה פון זעכציק מינוט, אדער עכ"פ א חצי שעה וכיו"ב?!

און מ'רעדט שוין ניט וועגן א תפלה בימי החול - נאר אפילו ביום השבת!

ואין להאריך בדבר הפשוט, מ'דארף אויף דעם אפילו ניט אנקומען צו תן לחכם ויחכם עוד; אמאל זיינען דא ענינים וואס מ'רעדט ברמז און מ'זוכט וואס איז דער רמז וכו', אבער דער ענין איז מובן בפשטות לכאו"א, מ'דארף אויף דעם ניט אנקומען צו א חכם גדול, נאר אפילו א חכם בינוני אדער א חכם קטן כו' פארשטייט בפשטות וועגן וואס מ'רעדט.

און דאס - קוקן אין שפיגל און מאכן דעם חשבון - קען ער טאן אויך ביום השבת! ובמכ"ש וק"ו דערפון וואס דער סדר בא בעלי בתים איז, אז איידער מ'גייט ארויס פון שטוב ביום השבת, קוקט מען אין שפיגל צי דער גאלסטאק ליגט באמצע הכתונת, און דאס איז לאו דוקא א דבר בלתי רצוי - נאר דאס איז מפני כבוד הבריות. ועד כדי כך איז דאס געווארן א רגילות, אז ער באמערקט גאר ניט אז ער טוט דאס; איז עאכו"כ אז ער קען אויסנוצן דעם שפיגל אויף זיך באקוקן און זען וואו ער האלט בנוגע זיין עבודת ה', כנ"ל.

כולל המדובר לעיל, אז דורך זיין עבודה זאל ער צוקומען צו די דרגא פון "בן עולם הבא", ביז "מזומן לעולם הבא", ביז אז ער איז העכער פאר עוה"ב און ער איז גאר דער מושל ושולט אויף עוה"ב און עוה"ז, כנ"ל.

· ווי מ'לערנט בהמשך הפרק, אז דורך דער עבודה פון א אידן טוט ער אויף (ניט נאר בנוגע צו זיך אליין, נאר אויך) בכל העולם

---

57) או"ח סצ"ח. מטושו"ע שם. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ה.

- אז עס זאל זיין "העולם עומד", און "העולם קיים" (כסיום הפרק), כנ"ל, און קיים ע"פ תורה מיינט א קיום אמיתי.

טז. דערנאך זאגט מען (לאחרי סיום הפרק) "רצה[58] הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות שנאמר[59] ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר".

וואס דער לימוד דערפון איז, אז אפילו לאחרי ווי מ'האט שוין דעם ענין פון "חלק לעוה"ב", און דערנאך די העכערע דרגות וואס קומען צו דורך עבודת האדם כנ"ל, קען ער דאך מיינען אז ער איז שוין א צדיק גמור און א בעל תשובה גמור. דארף ער שוין מער גארניט האבן - זאגט מען אז ערשט איצטער איז "רצה הקב"ה לזכות את ישראל", ד.ה. אז ביז איצטער איז כאילו נאך פאר דעם "לזכות את ישראל", און דוקא איצטער ווערט דער "רצה הקב"ה" - דער אויבערשטער לאזט אפ עליונים ותחתונים און אלע ענינים וכו', ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי כו' (ווי דער אלטער רבי זאגט קלארע דיבורים, בלשון צחה וברורה, אין ספר תניא קדישא[60]), און "רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות", ובאופן פון "יגדיל תורה ויאדיר".

ביז אז "יבוא אדיר זה הקב"ה כו' ויפרע לאדירים אלו ישראל כו'"[61], און "יבוא טוב זה משה כו' ויקבל טוב זו תורה כו' מטוב זה הקב"ה כו' לטובים אלו ישראל"[62], און מ'איז מקבל אין אן אופן אז דאס ווערט זיינער, ביז אין אן אופן פון "נטל[63] (מעצמו[64]) עשר עטרות".

* * *

יז. ע"פ דברי חז"ל אז מזרזין עוד הפעם בשעת מעשה - איז כאן המקום צו נאכאמאל מזרז זיין (כאטש אז ס'איז למותר להאריך בזה) וועגן די פעולות ומבצעים בימי הקיץ, בנוגע צו אנשים נשים וטף.

און אין אן אופן אז דערפון זאל זיין דערנאך א המשך אין די ימי החורף שלאחרי זה, (ביז) פון שנת תשמ"ט.

ובינתיים וועט זיכער קומען משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט זיין די עבודה ביתר שאת וביתר עוז.

---

58) מכות ספ"ג. 59) ישעי' מב, כא. 60) פמ"א. 61) מנחות נג, סע"א. 62) שם, ב. 63) פרש"י ריש פרשתנו. 64) ראה קונטרס משיחת ש"פ ויקרא, ר"ח ניסן שנה זו.

הנחת הת' בלתי מוגה

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ותיכף ומיד ממש, און ממש ממש.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

------ * -------

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בנ״י שליט״א קוממיות לארצנו הקדושה



נדפס ע״י

משפחת נמדר

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-984887

VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213 :בחו״ל

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש"פ תזו"מ
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה

מפתח

ביאור ברפ"ב דפרקי אבות – "רבי אומר איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהיא תפארת לעושי' ותפארת לו מן האדם" – הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א

א. אין דער ערשטער משנה פון היינטיקן פרקי [לויט דעם מנהג צו לערנען פרקי אבות אין די שבתות צווישן פסח און עצרת] זאָגט ער: „רבי[2] אומר איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם כל שהיא תפארת לעושי' ותפארת לו מן האדם".

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) וואָס איז די שאלה (ע"פ תורה) „איזו היא דרך ישרה" — ס'איז דאָך פאַרשטאַנדיק בפשטות אַז „דרך ישרה" איז ווי אָנגעוויזן אין תורה (ובפרט במשנה — ביז אין שולחן ערוך), ומקרא מלא דיבר הכתוב „כי ישרים דרכי ה'"[3], „פקודי ה' ישרים גו'"[4]?!

ב) די קשיא איז נאָך שטאַרקער: דער לשון המשנה איז „איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם"[5]. ולכאורה תמוה: צי דען גיט מען אָפּ אַ מענטשן אַז ער זאָל אַליין מברר („שיבור" מלשון „שיב־רור"[6]) ומחליט זיין בשכלו וואָס איז דער „דרך ישרה"?! אויף דעם האָט מען דאָך געגעבן תורה!

ג) עד"ז איז אויך ניט מובן דער ענטפער אויף די שאלה („איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם") — „כל שהיא תפארת לעושי' ותפארת לו מן האדם", „שיהא נוח לו ויהיו נוחין בני אדם ממנו"[6]: ווי קען די החלטה „איזו היא דרך ישרה" זיין תלוי אין דעם וואָס דער מענטש פילט איז אַ שיינע און גוטע און באַקוועמע הנהגה (פאַר אים און פאַר אַנדערע)?!

ובפרט אַז דער לשון (המדוייק) אין משנה איז „כל שהיא תפארת לעושי'", ד.ה. יעדער זאַך וואָס איז „נוח לו כו'" — איז דאָס דער „דרך ישרה"!

ב. לכאורה וואָלט מען געקענט ענטפערן, אַז די משנה רעדט דאָ ניט וועגן זאַכן אין וועלכע מ'איז אָנגעזאָגט אין תורה, נאָר וועגן דברי רשות[7], און כתוכן פון מסכת אבות וואָס „מאן דבעי למהוי חסידא לקיים . . מילי דאבות"[8], וואָס דאָס האָט תורה אָפּגעגעבן לרשו־תו ובחירתו של האדם, „שיבור לו האדם", אַז ער זאָל אויסקלייבן די וועג. און אויף דעם קומט די „עצה טובה"[9] אַז דער דרך ישרה וואָס ער קלייבט אויס זאָל זיין „כל שהיא תפארת לעושי' כו'", כמבואר אין מפרשי המשנה[10], ובארוכה — אין הל' דיעות[11] און אין שמונה פרקים[12] להרמב"ם, אַז „הדרך ישרה היא מדה בינונית שבכל דעה ודעה מכל הדעות שיש לו לאדם וכו'"[13], „המעלות הממוצעות"[14], וואָס דאָס איז „תפארת לעושי' ותפארת לו מן האדם".

אָבער דאָ שטעלט זיך די שאלה: פאַר־וואָס טאַקע גיט מען אָפּ לדעת ורגש

1) פרק ב' משנה א. וכ"ה בנדרים כב, סע"ב.

2) ולהעיר שבמשנה תיכף לאח"ז נקרא בשם „רבי יהודה הנשיא" (ראה שבת לב, ב (וש"נ) ש„רבי יהודה הנשיא היינו רבי"). ואכ"מ.

3) הושע יד, י.

4) תהלים יט, ט.

5) ועד"ז במאמר רבי בתמיד כח, א.

6) רע"ב לאבות כאן. ועוד.

7) ראה תויו"ט כאן.

8) ב"ק ל, א.

9) תויו"ט שם.

10) רע"ב. רמב"ם.

11) פ"א.

12) פ"ד. נסמן בפיה"מ להרמב"ם כאן.

13) הל' דיעות שם ה"ד.

14) פיה"מ להרמב"ם שם.

האדם דעם בירור והחלטה בנוגע צו דער „דרך ישרה" אין דברי רשות?

און נאכמער: ווי קען מען זיך פאר־לאזן אויפ׳ן אדם ווען ער איז קרוב אצל עצמו[15], און „יצר לב האדם רע מנעוריו"[16], ופשוט אז ער איז ניט אלע־מאל ראוי צו וויסן וואס איז דער „דרך ישרה"?! בכדי אז א מענטש וועלכער איז קרוב אצל עצמו וכו׳ זאל ניט „פאר־בלאנדזשען" (ביז אמאל — אין א דרך וואס איז ניט אויסגעהאלטן אדער גאר פארקערט פון תורה)[17], ער זאל האבן א מורה דרך וואס ווייזט אים אן דער „דרך ישרה" וואוהין צוגיין — האט מען אים געגעבן די תורה (תורה מלשון הוראה[18]).

ווי קען מען זאגן „שיבור לו האדם" — און מ׳טייטשט ניט אפ אז דאס איז דוקא אן אדם א צדיק אדער עכ״פ אן אדם כשר, נאר „האדם" סתם, וואס איז בפשטת כולל יעדער מענטש?!

ג. ויש לומר דער ביאור אין דעם:

הגם אז דער עיקר ויסוד פון גאנץ תורה ומצוות איז קבלת עול מלכות שמים און קבלת עול מצוותיו — זעט מען אז פאר מתן תורה האבן אידן גע־זאגט „נעשה ונשמע"[20], נאכדעם[21] ווי זיי האבן געזאגט „נעשה" — ניט נאר „נעשה", אז זיי וועלן טאן אלץ וואס דער אויבערשטער וועט הייסן (קבלת עול), נאר אויך „נשמע" מלשון הבנה[22].

ולכאורה איז ניט מובן: דער קיום פון אלע מצוות דארף דאך זיין (ניט מצד חיוב השכל, נאר) מצד ציווי הקב״ה[23] — איז פארוואס האבן אידן מוסיף געווען „ונשמע" (מלשון הבנה)?

ובפרט אז די הוספה „ונשמע" איז לכ־אורה גורע און מאכט קלענער דעם עול פון דעם „נעשה" (מקיים זיין ציווי הקב״ה מצד קבלת עול)?

און הגם אז מיט זייער זאגן „נעשה" פאר „נשמע", „הקדימו נעשה לנשמע"[24], האבן זיי מדגיש געווען אז דער עיקר איז דער „נעשה" — אעפ״כ, איז דא אויך הבנה, און נאכמער: מ׳דארף באַ־ווארענען אז נעשה קודם. פארוואס האבן זיי משנה געווען און מוסיף גע־ווען „נשמע"?

15) סנהדרין ט, ב. י, א. יבמות כה, ב.

16) נח ח, כא.

17) וראה ר״ן לנדרים שם (בעין יעקב) שמטעם זה נאמר גם „תפארת לו מן האדם" — „שגם אחרים מפארים ומשבחים אותו", כי „אם היא ישרה רק בעיניו גם דרך אויל ישר בעיניו". אבל לפי״ז צריך ביאור: א) למה נאמר „תפארת לעושי״ז ב) ועיקר: ההכרעה איזו דרך הישרה תלוי׳ בדעת התורה ולא בדעת בני אדם, שהרי גם אחרים (שמפארים ומשבחים אותו) יכולים לטעות כו׳.

18) ראה רד״ק לתהלים יט, ח. ספר השרשים שלו ערך ירה. גו״א ר״פ בראשית. וראה זח״ג נג, ב.

19) ראה ברכות יג, א במשנה.

20) משפטים כד, ז.

21) שם, ג.

22) כמו „שמע ישראל" (ואתחנן ו, ד) מלשון הבנה: „דבר כי שומע עבדך" (שמואל א ג, ט־י). ועוד.

23) ראה שיעור רמב״ם דיום זה (סוף הל׳ מאכא״ס) „קדושה וטהרה יתירה לנפשו וממרק נפשו לשם הקב״ה". ועפ״ז י״ל: א) מה שמביא גם סיום הכתוב „(והתקדשתם והייתם קדושים) כי קדוש אני" (דלא כבסהמ״צ שורש ד), שה„והתקדשתם גו׳" הוא לשמה — מפני „כי קדוש אני", „לשם הקב״ה". ב) לשון „וממרק נפשו" לאחרי „קדושה וטהרה" (דלכאורה מירוק הוא לפני ומביא לקדושה וטהרה) — כי אפילו במצב של קדושה וטהרה יתרה הרי בערך להעבודה „לשם הקב״ה" עדיין יש צורך במירוק. וע״ד רבב על בגד של תלמיד חכם, שבערך לדרגתו ה״ז פגם כו׳ (אף שבערך לדרגת ע״ה אין זה פגם כלל) — שבת קיד, א. ועוד דוגמאות לזה — נתבארו בארוכה בההתוועדות (ועד לקודש דקד״ק לגבי פרה אדומה — חגיגה יח, ב ואילך).

24) שבת פ״ח א.

והגם אַז אַ איד האָט אַ חיוב צו לערנען תורה בהבנה והשגה (נשמע) און זיך מתבונן זיין אין דעם בשכל האדם „כפי כחו"[25], „כפי מה שהיא יכולה להשיג ולידע"[26], אעפ"כ, וויבאַלד אַז דאָס וואָס ער לערנט תורה בהבנה והשגה איז מצד דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי געהייסן [אַזוי ווי מצוות מעשיות, וואָס זייער קיום איז מצד ציווי הקב"ה], קומט דאָך אויס אַז דער לימוד התורה איז נאָר אַ פרט אין „נעשה" (אויספאָלגן בקבלת עול דוקא נאָך אַ ציווי הקב"ה).

בשעת אָבער אַז נאָכן זאָגן „נעשה" האָבן זיי מוסיף געווען „ונשמע" — איז מוכח, אַז „נשמע" איז (אויך) אַן ענין בפני עצמו[27].

ד. וי"ל דער ביאור אין דעם:

די שלימות העבודה אין קיום התורה ומצוות איז, אַז נוסף צו דעם ענין פון „נעשה" (קבלת עול) זאָל דער מקיים המצוות פאַרשטיין און דערפילן („נשמע") מיט זיין שכל ומדות די גוטסקייט און טייערקייט און נויטיקייט פון תורה ומצוות.

און נאָכמער — אַז (ניט נאָר זיין נשמה, נפש האלקית, נאָר) אויך זיין נפש הבהמית זאָל פאַרשטיין און דערהערן די גוטסקייט פון תורה ומצוות, ווי דאָס איז אין מצות אהבת ה' (וואָס איז דער שרש פון אַלע מצוות[28]) — אַז עס דאַרף זיין „ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך"[29], „בכל לבבך — בשני יצריך"[30].

און דערפאַר האָבן אידן געזאָגט „נעשה ונשמע", אַז זייער מקיים זיין תומ"צ וועט זיין נאָכ'ן אָנהייבן פון „נעשה", טאָן און פאָלגן ציווי הקב"ה (אין אַן אופן וואָס ס'איז ניט פאַרבונדן מיט זייער שכל), אויך „ונשמע", אַז אין זייער שכל וועט זיין פאַרשטאַנדיק דער הכרח און יוקר פון תומ"צ.

אָבער דער ענין (אַז דער שכל פון מענטשן זאָל פאַרשטיין און דערהערן דעם יוקר פון תומ"צ) איז אַ צווייטער שלב אין עבודת ה'. און דערפאַר, איז דעם ערשטן מאָל האָבן די אידן געזאָגט „כל הדברים אשר דיבר ה' נעשה", אַז זיי וועלן טאָן און אויספאָלגן אַלע ציוויים פון אויבערשטן אַלס עשי' אַליין[31], בקבלת עול. און לאחרי זה קומט דער צווייטער שלב „כל אשר דיבר ה' נעשה ונשמע", דער קיום התומ"צ איז אין אַן אופן אַז אויך דער שכל פאַרשטייט דעם עילוי פון תומ"צ.

ה. עפ"ז וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס די משנה זאָגט „איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם": די שלימות העבודה איז, אַז דער קיום המצוות [דער „דרך ישרה", „פקודי ה' ישרים גו'"] זאָל זיין אין אַ אופן פון „שיבור לו האדם", אַז דער מענטש זאָל עס אויסקלייבן. ער זאָל עס טאָן ניט נאָר בדרך קבלת עול נאָר אַז אויך ער, מיט זיין שכל, זאָל פאַרשטיין (און אויסקלייבן). ווי דאָס איז די דרך ישרה.

און דער „דרך ישרה שיבור לו האדם"

---

25) ל' הרמב"ם סוף הל' מעילה. וראה שם סוף הל' תמורה.

26) ל' אדה"ז בהל' ת"ת פ"א ס"ד.

27) וכמובן גם מזה ש„קשרו לו שני כתרים אחד כנגד נעשה ואחד כנגד נשמע" (שבת שם).

28) שרש כל רמ"ח מצוות עשה (תניא פ"ד), גם מצות עשה דיראה שהיא שרש כל שס"ה מל"ת (תניא שם).

29) ואתחנן ו, ה.

30) ברכות נד, א במשנה.

31) כמודגש בברכת המצוות קודם לקיומן: „קדשנו במצותיו וצוונו".

איז — „כל שהיא תפארת לעושי״, אז דער קיום התומ״צ זאל זיין אין אזא אופן, אז עס זאל זיך אנזעהן ווי די תומ״צ איז א תפארת און שיינקייט וואס איז מפאר און באשיינט דעם אידן וואס איז מקיים די מצוה — „תפארת לעושי״.

און דאס איז ניט גענוג, נאר עס דארף זיין אויך „ותפארת לו מן האדם״ — אז זיין חיות און געשמאק אין תומ״צ איז אויף אזוי פיל, ביז אז אויך די מענטשן וואס ארום אים דערזעהן דורך עם די שיינקייט פון תומ״צ.

ו. ויש להוסיף, אז דאס איז אויך פון די רמזים און טעמים פון דעם וואס די משנה איז די התחלה פון פרק שני אין פרקי אבות:

די התחלה פון פרק ראשון איז „משה קיבל תורה מסיני ומסרה כו׳״ — די הדגשה אז קיום ההוראות דארף זיין מצד דערויף וואס אזוי האט משה מקבל געווען מסיני (פון אויבערשטן)[32] — בדוגמת ווי דער „ויען כל העם״ בפעם הראשונה איז געווען „כל הדברים אשר דיבר ה׳ נעשה״, פאלגן און טאן וואס דער אויבערשטער הייסט;

און דערנאך, קומט דער פרק שני, דער צווייטער שלב אין עבודת ה׳, וואס די התחלה אין דעם פרק איז — די הדגשה אז עס דארף זיין (אויך) דער „שיבור לו האדם״, אז דער מענטש זאל עס אויסקלייבן אויך מיט זיין שכל[33] — בדוגמא ווי די אידן האבן געזאגט צום צווייטן מאל „כל אשר דיבר ה׳ נעשה ונשמע״.

ז. ויש לבאר דעם לשון „איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם״ בעומק יותר, אז אין „שיבור לו האדם״ גופא זיינען פאראן כמה ובכללות — צוויי דרכים, און די „דרך ישרה״ אין „שיבור לו האדם״ איז „כל שהיא תפארת כו׳״.

דער ענין אין דעם:

בכדי זיך איינקערן מיטן נפש הבהמית והיצר וואס קען וועלן איינרעדן א אידן צו עובר זיין אויף דעם אויבערשטן׳ס רצון ר״ל, און אויפטאן אז תומ״צ זאל זיין „שיבור לו האדם״ — זיינען פאראן בכללות צוויי וועגן:

איין דרך, אז ער לאזט זיך אריין אין א מלחמה[34] מיט דעם יצר, און מיט דעם חושך וואס דער יצר וויל אריינברענגען, דורך דעם וואס ער פראוועט תעניתים און סיגופים וכיו״ב, ער פייניקט דעם גוף ונה״ב, ביז אז ער שוואכט אפ זייער רצון ותאוה צו תענוגי עולם הזה, ביז אז ער ברעכט זיי. און דאס ברענגט סו״ס א שינוי וזיכוך אין דעם גוף ונה״ב, אזוי אז אויך מצד זיין נה״ב זאל זיין דער ריכטיגער „שיבור לו האדם״ און ער זאל וועלן מקיים זיין תומ״צ.

דער דרך איז אויך א דרך ע״פ תורה, וואס ברענגט סו״ס צו זיכוך הגוף ונה״ב[35], אבער דאס איז ניט קיין „דרך

32) ראה רע״ב לריש מס׳ אבות.

33) ועפ״ז יש לומר הביאור בהמשך המשנה „והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה כו׳״, דלכאורה אין זה מילתא דחסידותא — אלא שתוכן המשנה קאי לא בנוגע ל„נעשה״ (קבלת עול), שמצד זה אין חילוק בין קלה וחמורה, אלא בנוגע ל„נשמע״, שניתן לשיקול דעת והרגש האדם, ויש חילוק (ע״פ שכל כו׳) בין קלה וחמורה, ולכן אומרים (לא שאין חילוק ביניהם, אלא שיש חילוק גדול ביניהם, זו קלה וזו חמורה, ומ״מ) „הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה״, כי שלימות העבודה היא שגם ה„נשמע״ (כפי שהוא ענין בפ״ע) צ״ל חדור עם קבלת עול ד„נעשה״.

34) ובה כמה אופנים כי אין דעותיהם שוות ואין הזמנים שווים.

35) ועפ״ז יש לומר שגם דוד המלך שאמר (תהלים קט, כב) „לבי חלל בקרבי שאין לו יצה״ר כי

ישרה", מצד „אשר עשה האלקים את האדם ישר"[36] — וואָרום דער דרך איז פאַרבונדן מיט און א תוצאה פון חורבן (בית המקדש), ובלשון הרמב"ם[37] — אַז די ימי התעניות („שכל ישראל מתענים בהם") זיינען „מפני הצרות שאירעו בהן כדי לעורר הלבבות לפתוח דרכי התשובה כו'" אויף די חטאים וועלכע האָבן געבראַכט דעם חורבן, ועד"ז בנוגע צו אַ תענית פרטי, איז דאָס „בזמן שתבוא צרה" ר"ל וואָס קומט „בגלל מעשיהם הרעים כו'"[38], וואָס דאָס ברענגט צו תשובה און צו תיקון החטא, אָבער ניט בדרך ישר [וואָס דערפאַר[39] איז דער תכלית לעתיד לבוא, ווען אַלע ענינים וועלן זיין ב(תכלית ה)שלימות, אַז „כל[40] הצומות האלו עתידים ליבטל לימות המשיח ולא עוד אלא שהם עתידים להיות יום טוב וימי ששון ושמחה כו'"[41]].

וכידוע אַז ע"פ עבודה הרגילה איז די הנהגה „שלא יאכל בשר ולא ישתה יין ולא ישא אשה ולא ישב בדירה נאה כו'", איז ווי דער רמב"ם פסק'נט[42] — איז דאָס אַ „דרך רעה ואסור לילך בה", און „המהלך בדרך זו נקרא חוטא שהרי הוא אומר בנזיר וכפר עליו מאשר חטא על הנפש, אמרו חכמים[43] ומה אם נזיר שלא פירש אלא מן היין צריך כפרה המונע עצמו מכל דבר ודבר על אחת כמה וכמה, לפיכך צוו חכמים שלא ימנע אדם עצמו אלא מדברים שמנעתו התורה בלבד כו', לא דייך מה שאסרה תורה כו'".

[און דאָס וואָס מ'געפינט בא כמה צדיקים (וואָס בא זיי איז די עבודה בדרך ישרה) אַז זיי האָבן זיך פורש געווען פון כמה ענינים וכו', יש לומר איינער פון די טעמים בזה, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס זיי האָבן דערגרייכט אַ דרגא וואָס די פרישה פון די דברים גשמיים איז בא זיי ניט קיין צער, נאָר דאָס איז אַ חלק פון זייער טבע].

דער אַנדער דרך, וואָס דאָס איז „דרך ישרה", איז — אַז אַ איד פאַרנעמט זיך מיט צוגעבן אין אור וטוב וקדושה פון תומ"צ, און ניט ער טוט נאָר אין שובר זיין דעם גוף ונפש הבהמית, נאָר ער איז זיי גופא מסביר די גוטסקייט פון תומ"צ פאַר זיי עצמם („תפארת לעושי' ותפארת לו מן האדם"), ביז אַז אויך מצד זיי אַליין זאָלן זיי דאָס פאַרשטייען און פילן, און ער נוצט זיי גופא אויף צו־געבן אין תומ"צ, עסן און טרינקען לשם שמים וכו'. וואָס דעמולט ווערט בדרך ממילא „אוועקגעשטופט" דעם חושך

הרגו בתענית" (תניא פ"א) הי' לו העבודה ד„ואהבה גו' בכל לבבך, בשני יצריך" (דפשיטא שלא חסר לו במצוה זו) — כי גם ע"י עבודה בדרך תענית נעשה זיכוך בנה"ב.

אלא מ"מ הי' אברהם בדרגא נעלית יותר ש„עשה מיצר הרע טוב" (ירושלמי ברכות פ"ט ה"ה), משא"כ דוד (ש„לא הי' יכול לעמוד בו והרגו בלבבו"), אף שהי' לו אהבה „בכל לבבך בשני יצריך", אמר „לבי חלל בקרבי", כי לא הפכו לטוב (כמו אברהם), כי אם כפה אותו לטוב, „שיש בידי לכופו" (רש"י ד"ה ולבי — ברכות סא, ב), „כפה אותו לעשות רצון בוראו" (פני משה בירושלמי שם). ואכ"מ.

36) קהלת ז, כט.

37) הל' תעניות רפ"ה.

38) שם רפ"א.

39) וראה שמונה פרקים להרמב"ם פ"ד.

40) רמב"ם סוף הל' תעניות. דבפשטות (ובפרט — ע"פ טעמא דמילתא) האלו המפורשים בקרא וכש"כ שאר תעניות.

41) אבל אין זה דרך ישרה, מכיון שמקודם היו הצרות והצומות ורק לאח"ז הם נהפכים לששון ושמחה. ודרך הישרה היא — שהעבודה מלכתחילה היא שגם נה"ב מרגשת ה„תפארת" דתומ"צ, כדלקמן בפנים.

42) הל' דיעות רפ"ג. וראה גם שמונה פרקים להרמב"ם שם.

43) תענית יא, סע"א. וש"נ.

ורע פון נפש הבהמית, ביז אַז ער ווערט נתברר.

און דאָס איז דער „דרך ישרה" — ווי אונטערשטראָכן ספּעציעל לויט שיטת החסידות, ובפרט חסידות חב"ד — אַז בדורות אלו איז ניט דער דרך פון פּראַווען ריבוי תעניתים[44], נאָר דוקא „עזב תעזוב עמו"[45], און חסידות חב"ד איז מסביר די טייערקייט און נויטיקייט פון תומ"צ באופן פון „יתפרנסון מיני", אַזוי אַז אויך דער נפש הבהמית קען דאָס פאַרשטיין, ווי גערעדט מערערע מאָל בארוכה.

און דעריבער, זאָגט חסידות, איז דער דרך ישרה פאַר אַ איד, אַז שטייענדיק אין זיין מעמד ומצב (מיט אַ גוף ונפש הבהמית אע"פ וואָס זיי זיינען נאָך ניט איבערגעמאַכט) זאָל ער זיי לערנען תורה, כולל — לערנען חסידות, בתחלה שלא לשמה, און דערנאָך וועט ער צוקומען „מתוך שלא לשמה בא לשמה"[46], און דאָס לערנען חסידות וועט אים געבן די ריכטיקע הסברות און הרגשים אַז אויך זיין גוף ונה"ב זאָל מרגיש זיין ווי תומ"צ איז גוט פאַר אידן, ביז אַז ער וועט דורך דעם איבערמאַכן דעם נה"ב.

ח. ע"פ הנ"ל בנוגע דעם חילוק פון פרק ראשון (פון פרקי אבות) און פרק שני — יומתק, וואָס דעם פרק הראשון לערנט מען (בכל שנה) אין (דעם לעצטן שבת פון) חודש הראשון (חודש ניסן), און דעם פרק השני אין (דעם ערשטן שבת פון) חודש השני (חודש אייר):

די נקודה פון חודש ניסן איז — יציאת מצרים, וואָס יציאת מצרים איז געקומען ניט ע"י עבודת האדם („ואת ערום ועריי"[47]) נאָר מלמעלה. און די נקודה פון חודש אייר — ספירת העומר, ספירת (ועבודת) האדם, ביז צו בירור וזיכוך פון נפש הבהמית[48].

און דאָס איז אויך מתאים מיט די צוויי פּרקים הנ"ל: די הדגשה אין פרק ראשון (וועלכן מען לערנט בחודש הראשון) איז — משה קיבל תורה מסיני, קיום המצוות מצד הציווי שמלמעלה; און די הדגשה אין פרק שני (וועלכע מען לערנט בחודש השני) איז — „דרך ישרה שיבור לו האדם", עבודת המטה.

ט. ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער רמז ושייכות מיט היינטיקער פּרשה, תזריע (מצורע), וועלכע מ'לייענט בכלל אין חודש אייר, און בכו"כ שנים (ווי בשנה זו) אין דעם שבת ווען מ'לערנט פרק שני פון פרקי אבות:

דער תוכן פון „(אשה כי) תזריע"[49] (לשון נקבה) באַדייט די עבודה מלמטה למעלה, ובלשון החסידות — אתערותא דלתתא, ווי דער אַלטער רבי איז מבאר[50] דעם מאמר[51] „אשה מזרעת תחלה יולדת זכר", אַז „איש" און „אשה" זיינען מרמז כביכול אויף דעם אויבערשטן און אידן: און ווען „אשה מזרעת תחלה", די עבודה הויבט זיך אָן פון אתערותא דלתתא, דאַן איז „יולדת זכר", די עבודה איז אַ בת קיימא, ווייל

44) ראה אגה"ת פ"ג.

45) ל' הכתוב — משפטים כג, ה. וכתורת הבעש"ט עה"פ (כתר שם טוב הוספות סט"ז). וראה הוספות לאו"ת להה"מ סקצ"א.

46) פסחים נ, ב. וש"נ. וראה רמב"ם סוף הל' תשובה.

47) יחזקאל טז, ז.

48) ראה קונטרס משיחת ש"פ שמיני. וש"נ.

49) שם הפרשה, שמורה על תוכן כל הפרשה.

50) לקו"ת ריש פרשתנו.

51) ברכות ס, א. נדה לא, א. וש"נ.

דאָס קומט פון דעם אידן עצמו, „שיבור לו האדם".

ולהוסיף, אַז „אשה" גייט אויך אויף דרגת מקבל וואָס איז דאָ אין יעדער איד, אפילו אין אַ תינוק שנולד (כולל אַ תינוק בידיעות), וואָס ביי אים לייכט נאָך ניט זיין כח ההשפעה, איז ער אָבער גלייך אַ מקבל: און (אויך) אַלס מקבל האָט ער בכח צו אויפטאָן „תזריע"[52].

י. ובפרטיות יותר:

אויף „אשה כי תזריע" איז רש"י מפרש: „א"ר שמלאי כשם שיצירתו של אדם אחר כל בהמה חי' ועוף במעשה בראשית, כך תורתו נתפרשה אחר תורת בהמה חי' ועוף".

דאַרף מען פאַרשטיין: תורה איז פאַר מעשה בראשית, ביז אַז מעשה בראשית איז באַשאַפן געוואָרן דורך תורה, „אסתכל באורייתא וברא עלמא"[53] — איז ווי קומט עס אַז דאָ איז דער סדר פאַרקערט, אַז „כשם שיצירתו כו' כך תורתו"[54]?

ועפ"י הנ"ל יש לומר הביאור בזה:

דער סדר הבריאה (ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן) איז דרך מלמעלה למטה, אַז פריער קומט תורה און דורך „אסתכל באורייתא" איז „ברא עלמא".

ועד"ז איז אויך אין עבודת האדם, ווי די עבודה איז אין ערשטן שלב אַז מען האַלט נאָר בא „נעשה" אַליין (אַז זיין קיום התומ"צ איז נאָר בדרך קבלת עול) אָבער ער מצד עצמו, פילט נאָך ניט בשכלו ובמדות לבו וכו' דעם עילוי פון תומ"צ — אַז די מעשי האדם („שטאַמען" ניט פון אים, פון דעם מענטשן, נאָר זיי) זיינען מיוסד און „ווערן באַשאַפן" פון די ציוויי ודיני התורה.

די תכלית השלימות אין עבודת האדם איז כנ"ל — „נעשה ונשמע", אַז אויך מצד זיין מציאות (שכל מדות וכו') זאָל זיך אַנהערן און לייכטן דער אמת פון תורה.

און דערפאַר זאָגט רש"י (אין פרשת תזריע, וואָס ענינה איז עבודה מלמטה למעלה, כנ"ל) „כשם שיצירתו של אדם כו' כך תורתו כו'", אַז פון זיין יצירה (מציאות) גופא לערנט (קומט) ער צו תורה[55]. ועד"ד מ"ש[56] „ומבשרי אחזה אלוקה".

און אע"פ אַז סדר הנ"ל איז דער צווייטער שלב אין עבודת ה' — איז עד"ז דאָ בא יעדער אידן בכל יום. „מיד" גלייך ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף: בכדי צו לערנען תורה דאַרף מען פריער אָפּגיסן נעגל-וואַסער („אסור להוציא דברי תורה מפיו בידים מטונפות"[57]), נוסף צו דעם דאַרף מען מאַכן ברכת התורה וכו'. און אעפ"כ איז „מיד כשניעור משנתו"[58] — איז

52) משא"כ „וילדה" (התוצאות ופירות מפעולות שלו) שייך רק לאחרי זמן. ועאכו"כ השלימות ד„וילדה זכר", שמעלתו דאיש דרכו לכבוש (יבמות סה, ב. קידושין לה, א) תהי' רק כשנעשה בן עשרים (איש צבא), או עכ"פ בן י"ג.

53) זח"ב קסא, סע"א ואילך. ועוד.

54) ואף שלא נאמר „מפני שיצירתו כו' לכן תורתו כו'" — הו"ל לשנות הסדר ולכתוב „כשם שתורתו כו' כך יצירתו כו'".

55) להעיר גם מזה שבפרק ראשון דאבות — ההתחלה היא „משה קבל תורה כו'" ולאח"ז „על שלשה דברים העולם עומד": משא"כ בפרק שני דאבות — ההתחלה היא „דרך ישרה שיבור לו האדם", ולאח"ז „דע מה למעלה ממך" כפירוש הידוע דמה שלמעלה הוא ממך (לקו"א להה"מ סקצ"ח. או"ת שלו קיב, ב. וראה ס' השיחות תשי"ד ע' 23).

56) איוב יט, כו.

57) טושו"ע ושו"ע אדה"ז או"ח ס"א ס"ז.

58) סידור אדה"ז בתחלתו.

"מבשרי" גופא, פון דעם וואס ער איז מרגיש אז ער לעבט, רופט עס ביי אים ארויס צו דאנקען דעם אויבערשטן, "מודה אני לפניך כו' שהחזרת בי נשמתי".

יא. עס שטעלט זיך די שאלה: ווי־באלד אז א איד געפינט זיך אין עולם מלשון העלם והסתר (וואו די תורה שטייט נאך ניט בגלוי), און דארט גופא — איז "יצירתו של אדם אחר כל בהמה חי' ועוף", ביז אז "יתוש קדמך"[59] — ווי האט ער בכח אז פון "יצירתו" זאל ער קומען צו "תורתו"?

א איד וואס דעם ערשטן שלב אין עבודת ה' ("נעשה") האט ער שוין בשלימות, און ער האלט שוין בא דעם צווייטן שלב ("נעשה ונשמע") — איז מובן ווי פון "יצירתו" קען ער קומען צו "תורתו". אבער די הוראה "כשם שיצירתו כו' כך תורתו" איז דאך (ווי אלע הוראות פון תורה) צו יעדער אידן, ביז צו אזא וואס האלט פאר נטילת ידים (ברוחניות). איז ווי האט ער דעם כח על הנ"ל?

באווארנט רש"י די שאלה מיט זאגן דעם נאמען פון דעם בעל המאמר, "אמר ר' שמלאי":

ר' שמלאי זאגט אין גמרא[60], אז א תינוק במעי אמו "מלמדין אותו כל התורה כולה". און דאס וואס "בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה", איז ניט מבטל ח"ו וחי"ו די תורה וואס ער האט געלערנט, דאס פאר־דעקט נאר אויף דעם (לפי שעה), און די תורה וואס ער האט געלערנט גיט עס דעם כח צו לערנען תורה בשלימות

לאחרי שיצא לאויר העולם[61] [ווי אויך פארשטאנדיק בפשטות: בשעת איינער האט פארגעסן א זאך וואס ער האט אמאל געלערנט, קען ער זיך דערמא־נען אויף דעם בשעת ער וועט וועגן דעם נאכאמאל לערנען], און נאכמער — מצד זיין נשמה וואס איז א חלק אלוקה ממעל ממש[62], רירט דארט ניט אן שכחה, דאין שכחה לפני כסא כבודך[63].

דעריבער האט ער בכח, אין וועלכן מצב ער זאל זיך געפינען, אפילו אין העלם פון וועלט, צו מגלה זיין דעם אמת פון תורה, פון מציאות העולם און פון זיין שכל ומדות.

יב. איינע פון די הוראות וואס מ'לערנט דערפון ארויס:

בשעת מ'באטראכט זיך אליבא דאמת און מ'זעט וואו מ'האלט אין עבודת ה', קען מען אמאל ווערן שטארק אראפגע־פאלן בא זיך.

ועד"ז ווען מ'גייט ארויס רעדן וועגן אידישקייט און די מעניות התורה מיט א אידן וואס געפינט זיך און "חוצה", אין עולם הזה הגשמי והחומרי, ביז אזא איד וואס איז לכאורה אלעמאל געווען אין "חוצה", ווארום ער האט באקומען א שוואכן אידישן חינוך (אדער בכלל ניט) ר"ל. קען מען טראכטן, ווי קען מען מיט אים אויפטאן.

לערנט די משנה פון היינטיקן פרק, אז יעדער איד, אין וועלכן מעמד ומצב ער שטייט, קען מען אים מסביר זיין די גוטסקייט און טייערקייט און נויטיקייט פון די תומ"צ, באופן אז ער זאל עס

59) ויק"ר ריש פרשתנו. סנהדרין לח, א.
60) נדה ל, ב.

61) ראה לקו"ת שלח מד, א. ראה יח, ג.
62) תניא רפ"ב.
63) ראה ברכות לב, ב. וראה הל' ת"ת לאדה"ז פ"ב ס"י.

פאַרשטייִן און דערפילן מיט זיין שכל ומדות, „דרך ישרה שיבור לו האדם״.

יג. ויהי רצון אַז פון לימוד פרק שני אין פרקי אבות, זאָל מען גיין אין אַ „דרך ישרה״, אָן קיינע מלחמות און אָן קיינע מניעות פון דעם חושך הגלות, צו דעם בית המקדש השלישי,

און פון „אשה כי תזריע״, מעשינו ועבודתינו בזמן הגלות, ווערט[64] דער „וילדה זכר״[65], דער שיר חדש דלע״ל[66] בלשון זכר[67], דורך דעם וואָס דאָס איז אַ גאולה נצחית שאין אחרי׳ גלות[68],

ובמהרה בימינו ממש, ובעגלא דידן.

---

64) ראה תניא רפל״ז.

65) ראה אוה״ח הק׳ ריש פרשתנו. הובא באוה״ת פרשתנו ע׳ תצא ואילך. ע׳ תתט ואילך.

66) אוה״ת שם ע׳ ע. ע׳ תצה ואילך. ע׳ תתט ואילך.

67) מכילתא בשלח טו, א.

68) ראה תוד״ה ה״ג ונאמר — פסחים קטז, ב.

א. מ'האלט אין איין שטורעמען ועגן "והחי יתן אל לבו"[1], ומובן אז דאס דארף ארויסקומען במכ"ש וק"ו אין א הוספה אין דברים טובים ומשמחים, בטוב הנראה והנגלה, לימוד התורה (כמובן ופשוט ואין צורך להאריך בזה), וואס "אין טוב אלא תורה"[2], און "פקודי[3] ה' ישרים (וואס גייט אויף תורה[4]) משמחי לב", און תורה נקרא חיים[5], כמ"ש[6] "ראה חיים" זו תורה[7].

דאס הייסט, אז מצד דעם "והחי יתן אל לבו" דארף צוקומען א הוספה אין תורה שנקרא חיים כו'.

וואס דאס איז במיוחד דורך דעם ענין פון "עשרה שיושבין ועוסקים בתורה"[8] [וואס דאס איז אויך דער מאמר וואס דער בעל הגאולה האט ארויסגעגעבן בקשר לחגיגת הגאולה שלו[9], וואס איז געווען א גאולה באופן אז "לא אותי בלבד גאל הקב"ה כו' כי אם את כל מחבבי תורתנו הק' כו' וכל אשר בשם ישראל יכונה"[10]]:

וויבאלד אז כל ישראל בחזקת כשרות[11], איז פארשטאנדיק אז א איד איז מקיים מצות תלמוד תורה, און איז דאס מקיים בשלימותו, אז ער נוצט אויס יעדער רגע פנוי שלו אויף לערנען תורה [ווי דער אלטער רבי שרייבט בתחלת ספר תניא קדישא[12] וועגן דעם גודל הענין שבזה], ביז אז ער זוכט נאך רגעים, ביז אז ער "גנב'ט" צו רגעים פון משך היום (וואס זיינען מצ"ע פארבונדן מיט אנדערע ענינים) אויף מוסיף זיין בלימוד התורה.

אעפ"כ קען אויך אזא איד מוסיף זיין נאכמער אין לימוד התורה (מצד "והחי יתן אל לבו"), דורך דעם וואס עס קומט צו דער "עשרה שיושבים ועוסקים בתורה", וואס יעדערער פון די עשרה מישראל לערנט תורה אויך ווען ער געפינט זיך אליין (ניט נאר בשעת ער זיצט מיט די אנדערע צייו), און לערנט אין אן אופן פון עוסק בתורה (כנוסח ברכת התורה (לפי כמה נוסחאות) "לעסוק בדברי תורה"[13], וכמבואר הדיוק אין "לעסוק" אין ב"ח[14], געבראכט אין חסידות[15]), און ער קען לערנען דער זעלבער ענין אין תורה וואס ער לערנט במעמד פון עשרה שיושבים ועוסקים בתורה - אעפ"כ, לערנט די משנה אז אין דעם קומט צו א הוספה בשעת ער איז זיך מצרף מיט

---

1) קהלת ז, ב. וראה רמב"ם הל' אבל ספי"ג. 2) אבות פ"ו מ"ג. 3) תהלים יט, ט. 4) תענית ל, סע"א. טושו"ע או"ח ר"ס תקנד. 5) אדר"נ ספל"ד. 6) קהלת ט, ט. 7) ראה פרש"י עה"פ. וראה אגרות כ"ק אדמו"ר שליט"א ח"ח ע' רסו. 8) אבות פ"ג מ"ו. 9) נדפס בסה"מ תרפ"ח ע' קמח ואילך. תש"ח ע' 265 ואילך. ועוד. 10) כלשון מכתב ההקדמה למאמר הנ"ל. נדפס בתרפ"ח ותש"ח שם. 11) רמב"ם הל' קידוש החודש פ"ב ה"ב. 12) פ"א. 13) ראה טושו"ע ודאדה"ז או"ח סמ"ז ס"ד. 14) או"ח שם (ד"ה ונוסחא). 15) ראה סה"מ תרפ"ח ע' קג. קיב. קכז. סה"מ קונטרסים ח"ג רנח, א ואילך. ועוד.

נאך נייע אידן און עס ווערט "עשרה שיושבים ועוסקים בתורה",

וואס די הוספה איז טאקע ניט בכמות, ווארום אויך לפני זה לערנען די זעלבע מענטשן די זעלבע תורה און אין דעם זעלבן אופן, אבער בשעת עס ווערט "עשרה שיושבים ועוסקים בתורה" אלע צוזאמען דעם זעלבן ענין בתורה [וכמבואר באגה"ק פון דעם אלטן רבי'ן[16] בענין "עשרה שיושבין ועוסקים בתורה", אז "כל יחיד אל יפרוש עצמו מן הציבור אפילו ללמוד ענין אחר כ"א בדבר שהציבור עסוקין בו"], ווערט א הוספה באיכות, ביז א הוספה שבאין ערוך[17].

ב. וואס דאס איז דער טעם און די הסברה אויף דער התוועדות שלא ע"ד הרגיל – ווארום היות אז ס'איז צוגעקומען אן ענין בלתי רגיל כו' וואס ברענגט ארויס "והחי יתן אל לבו", דארף מען זיך משתדל זיין אז דערפון זאל ארויסקומען באופן בלתי רגיל נאר אין תכלית הטוב, וואס דאס איז לכל לראש אין תורה – דורך דעם וואס מ'מאכט א התוועדות און ס'קומט צו די מעלה פון "עשרה שיושבין ועוסקים בתורה", כנ"ל, ובפרט פון כמה עשיריות מישראל.

ובפרט אז מ'שטייט אין שנת תישמח און תשמח, און אויך – שנת הקהל, וואס אין דעם איז אויך מודגש ע"ד הנ"ל: וויבאלד אז כל ישראל בחזקת כשרות, איז פאר דעם "הקהל" איז אויך יעדערער פון די אנשים נשים וטף בחזקת כשרות, ביז נאכמער – בחזקת קדושה, פונדעסטוועגן קומט אין דעם צו א הוספה, ביז שבאין ערוך, דורך דעם וואס עס ווערט "הקהל את העם האנשים והנשים והטף גו'"[18].

ג. ונוסף לזה קומט צו די מעלה אין א התוועדות פון כו"כ מישראל אז דאס גיט צו אין אהבת ואחדות ישראל, וואס דאס איז מבטל סיבת הגלות[19], וכשבטל הסיבה, ווערט בדרך ממילא בטל דער מסובב (דער גלות).

און אע"פ אז כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געזאגט[20] אז בא חסידים איז ניטא קיין בדרך ממילא – אבער ס'איז מובן, אז בשעת א דבר בלתי רצוי (גלות) ווערט בטל בדרך ממילא, קען מען אויסנוצן די צייט און די כחות נאר אויף מוסיף זיין ביתר שאת וביתר עוז אין מעשינו ועבודתינו באופן של יגיעה (ניט בדרך ממילא), ואדרבה – דורך דעם (וואס מ'דארף זיך ניט פארנעמען מיט מבטל זיין דברים בלתי רצויים) קומט צו א הוספה אין די ענינים טובים בעבודת אדם, וואס פאדערן יגיעה.

---

16) סו"ס כג. 17) ראה אגה"ק שם. 18) וילך לא, יב. 19) יומא ט, ב. 20) ספר השיחות תש"ב ע' 119.

הנחת הת' בלתי מוגה

ד. און דאס אלעם וועט נאכמער מגלה זיין דער "שפע רב בכל העולמות"[21] וואס ווערט נשפע דורך ספירת העומר בימים אלו.

והגם אז מ׳ציילט ספירה באנאכט, ווערט עס נמשך אויך ביום שלאחרי זה, כמובן מזה אז מ׳קען משלים זיין די ספירה אויך ביום, ועי״ז קען מען דערנאך ציילן (בלילה שלאחרי זה) מיט א ברכה[22]. ועד״ז איז מובן בנוגע צו די תוצאות פון ספירת העומר, כולל די השפעת "שפע רב כו׳", אז דאס ווערט נמשך אויך ביום.

און דאס וועט נאכמער צוהיילן דעם קיום היעוד "קהל גדול ישובו הנה"[23], "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו"[24], לארץ הקודש, ביז באופן פון "ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך"[25], די עשר ארצות, און דארטן גופא – אין ירושלים עיר הקודש, ביז ווי זי שטייט בשלימותה באופן פון "רחבה"[26], און דארטן גופא – אין ביהמ״ק השלישי, ביז אין קדש הקדשים.

און מ׳וועט דארטן האבן די לוחות הברית, די לוחות אחרונות, און אויך די לוחות ראשונות, ויש לומר (מצד מילתא בטעמא – כאטש אז כ׳האב נאך ניט געפונען בפירוש), אז וויבאלד אז לעתיד לבוא וועלן אלע זאכן נתתקן ווערן ביז זיי וועלן שטיין בשלימות, מיט ביידע פירושים שבזה, אז ס׳איז משלים דער חסרון, און אז ס׳איז בשלימות – וועט אזוי אויך זיין בנוגע צו די לוחות הראשונות, אז כאטש ס׳איז געווען שבירת הלוחות, וועלן זיי לע״ל נתתקן ווערן, און נאכמער – אין זיי וועט צוקומען א שלימות שלא בערך. ועד״ז איז אויך מובן בנוגע צו די תוצאות פון שבירת הלוחות וכו׳.

וכל זה וועט זיין תיכף ומיד ממש, ולא עכבן אפילו כהרף עין[27], ווארום ס׳איז שוין "כלו כל הקצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה"[28], און תשובה איז בשעתא חדא וברגעא חדא[29], ועד״ז וועט אויך זיין כביכול למעלה, ווארום "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל"[30], ובפרט אז "אלקיכם כהן הוא"[31], און כהנים זריזין הם[32] – ברענגט ער די גאולה בזריזות, תיכף ומיד ממש.

און די אלע ענינים וועלן זיין בגלוי ממש, לעיני בשר, ועאכו״כ בנוגע דער ענין העיקרי פון "ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך"[33], בגלוי לעיני בשר ממש, ולמטה מעשרה

---

21) נוסח ה"רבונו של עולם" בברכת ספירת העומר. 22) שו"ע אדה"ז או"ח סתפ"ט סכ"ד. 23) ירמי׳ לא, ז. 24) בא י, ט. 25) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. ובפרש"י שם מספרי שם. ועוד. 26) יחזקאל מא, ז. 27) ע"פ מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 28) סנהדרין צז, ב. 29) זח"א קכט, א. 30) תהלים קמז, יט. 31) סנהדרין לט, א. 32) ראה שבת כ, א. וש"נ. 33) ישעי׳ ל, כ.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

טפחים, ותיכף ומיד ממש ובעגלא דידן.

* * *

ה. דער "יתן אל לבו" (בעניני תורה כנ"ל) דארף זיין לכל לראש אין פרשת השבוע, כתורת אדה"ז[34] אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט, מיט פרשת השבוע.

וואס בשבת זו איז די פרשה מחובר פון צוויי חלקים, וואס בשנים אחרות זיינען זיי צוויי באזונדערע פרשיות.

וואס דער ענין פון פרשיות מחוברות איז בכלל א חידוש, ווארום מצד עצמן זיינען זיי צוויי באזונדערע פרשיות, ווי פארשטאנדיק פון דעם וואס בכמה שנים לייענט מען זיי באזונדער, און אין צוויי באזונדערע וואכן, וואס דאס באווייזט אז דער תוכן והוראה פון די צוויי פרשיות איז פארבונדן מיט באזונדערע זמנים.

[אע"פ וואס זיכער האט איין פרשה בזמן אחד א השפעה אויף דער צווייטער פרשה און זמן: די ערשטע פרשה האט א השפעה אויף די פרשה אין דער וואך שלאחרי זה, ועד"ז די צווייטע פרשה האט א השפעה אויף די פרשה אין דער וואך שלפנ"ז (כמובן פון די דיני הכנה ע"פ תורה, אז נאך איידער דער זאך אליין קומט, איז ער שוין משפיע אויף די טעג שלפנ"ז, וואס דערפאר דארף מען זיך דעמולט מכין זיין צו דעם טאג וואס קומט שפעטער) – אבער בפועל זיינען די צוויי פרשיות אין (און פארבונדן מיט) צוויי באזונדערע זמנים].

און דעריבער איז דא א חידוש אין א יאר ווען די צוויי פרשיות קומען צוזאמען און ווערן נתחבר – אז ביידע פרשיות (און די הוראות שבהן) זיינען פאראן אין איין זמן, אין איין וואך, ווי אן איין און איינציקע פרשה. כמדובר כמ"פ, אז דער פשט אין פרשיות מחוברות, איז ניט אז א חלק פון דער וואך איז פארבונדן מיט איין פרשה און א חלק מיט דער צווייטע פרשה, נאר אז די גאנצע וואך, אנהויבנדיק פון מוצאי שבת, ווערט אנגערופן און איז פארבונדן מיט ביידע פרשיות.

און דער חידוש איז נאך שטארקער בנוגע צו די פרשיות מחוברות פון דעם שבת, וואס זיי רעדן וועגן צוויי (ניט נאר באזונדערע, נאר) הפכיות'דיקע ענינים, ווי מרומז אין שמות הפרשיות [כמדובר כמ"פ, אז אע"פ וואס אין יעדער פרשה זיינען פאראן א ריבוי ענינים עד א"ס, איז אבער כללות תוכן הפרשה מרומז

---

34) "היום יום" ב' חשון. ספר השיחות תש"ב ע' 29.

הנחת הת' בלתי מוגה

אין שם הפרשה]:

"תזריע" (דער נאמען פון די ערשטע פרשה) איז אן ענין וואס ברענגט צו ישוב העולם, "לשבת יצרה"[35] - לידת האדם. און אין דעם גופא - די שלימות שבזה, כהמשך הכתוב - "וילדה זכר", וואס איש דרכו לכבוש[36], ער טוט אויף שלימות הענין פון "לשבת יצרה" (כיבוש העולם).

משא"כ דער נאמען פון די צווייטע פרשה איז פארבונדן מיט מוציא שם רע[37], וואס דאס איז דער היפך פון ישוב העולם, ווייל בריאת העולם איז פארבונדן מיט דעם וואס "הלך הקב"ה מהלך ה' מאות שנה לקנות לו שם"[38], דוקא א שם טוב. איז דערפון מובן אז מוציא שם רע - וואס דער ווארט ("רע") זיינען די לעצטע צוויי אותיות פון דער נאמען פון דער פרשה - איז דער היפך פון בריאת (וישוב) העולם.

און דאס איז נאכמער בהדגשה ווען מ'לערנט ווייטער אין דער פרשה דער דין פון אזא וואס איז מוציא שם רע, אז "בדד ישב"[39], "חוץ לשלש מחנות"[40] - דער היפך בתכלית פון לשבת יצרה.

און אע"פ וואס די (נעמען פון די) צוויי פרשיות זיינען ענינים הפכיים ("תזריע" ווייזט אויף שלימות אין לשבת יצרה, און (דער נאמען פון) די צווייטע פרשה ווייזט אויף תכלית ההיפך פון לשבת יצרה) - קומען זיי בשנה זו צוזאמען אין דער זעלבער וואך, אלס איין פרשה!

און וויבאלד אז דאס איז אן ענין אין תורה, וואס איז געגעבן געווארן צו יעדער איד - דארף דאס זיין פארשטאנדיק צו אלע אידן, אנשים נשים וטף. און אין אן אופן אז ער קען דערפון ארויסנעמען א הוראה במעשה בפועל, און ניט לאחר זמן - נאר "היום לעשותם"[41], "ולא למחר לעשותם"[42].

ו. דער ענין אין דעם:

עבודת ה' טיילט זיך בכללות אויף צוויי אופנים - "עשה טוב" און "סור מרע"[43]. ד.ה. אז ביידע אופנים זיינען וועגן ע"פ תורה צו דינען דעם אויבערשטן. דער אונטערשייד צווישן זיי איז - אז "עשה טוב" באשטייט פון א פעולה חיובית, משא"כ "סור מרע"

---

35) ישעי' מה, יח. 36) יבמות סה, ב. קידושין לה, א. 37) ראה ויק"ר טז, א. וראה פרש"י פרשתנו (תזריע) יג, מו. 38) קהלת רבה פ"ז, ב. 39) פרשתנו (תזריע) יג, מו. 40) פרש"י עה"פ. 41) ואתחנן ז, יא. 42) עירובין כב, א. 43) תהלים לד, טו.

הנחת הת' בלתי מוגה

באשטייט פון שלילה – צו זיך דערווייטערן און שולל זיין רע.

ובכדי געבן כח א אידן צו טאןביידע עבודות (דאיני מבקש כו׳ אלא לפי כחן[44]) – האט מען אין תורה די צוויי פרשיות, און צוויי ציווים אויף טאן די ביידע עבודות:

די ערשטע פרשה וואס הייסט "תזריע", וואס איז אויך א לשון ציווי (און ניט נאר א לשון סיפור), און לשון הבטחה ונתינת כח – צו טאן די עבודה פון עשה טוב, לשבת יצרה, ביז די שלימות שבזה – "וילדה זכר";

און די צווייטע פרשה, וואס איז אויך בלשון ציווי, "זאת תהי׳ תורת גו׳ והובא וגו׳", וואס ווייזט אז דאס איז א סדר העבודה בתורה, און ניט ווי א גזירה, וואס "גזירה עבידא דבטלה"[45], בטל טעם בטל הגזירה כו׳[46], נאר בלשון ציווי, וואס איז אויך א לשון הבטחה ונתינת כח – צו טאן די עבודה פון סור מרע.

און וויבאלד אז די צוויי ענינים שטייען בתורה (בלשון ציווי כו׳), גיט דאס יעדער איד דעם כח צו טאן די עבודות (פון עשה טוב און סור מרע), ווארום כל התורה כולה און יעדער ענין שבה איז געגעבן געווארן צו יעדער איד, אנשים נשים וטף, כמובן אויך דערפון וואס אפילו על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן[47], די נשמה פון יעדער איד, אנשים נשים וטף, וואס איז געווען במעמד הר סיני, און אויך דערנאך – ווערט (ניט פרחה נשמתן, נאר) א "יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו כו׳ נמצא כלל כו׳"[48] צווישן דעם לומד התורה מיט די תורה וואס ער לערנט.

וכאמור, דאס איז סיי בנוגע צו אנשים, סיי בנוגע צו נשים (און סיי בנוגע צו טף) – וואס אויך זיי זיינען מחוייב בלימוד התורה במצוות דידהו, כמבואר בהל׳ תלמוד תורה לאדה"ז בסוף פרק ראשון[49], נוסף לזה וואס בא זיי איז דא דער נטרייהו לבעלייהו ולבניהם כו׳[50], כמדובר כמ"פ.

ואדרבה: "תזריע" בנדו"ד איז במיוחד געזאגט געווארן אויך בלשון ציווי והוראה (כנ"ל) בנוגע צו אן אשה, "אשה כי תזריע" –

---

44) במדב"ר פי"ב, ג. 45) כתובות ג, ב. 46) ראה שיחת י"ט כסלו תשי"ב. ושי"נ. 47) שבת פח, ב. 48) תניא פ"ה (ט, ב). 49) וראה גם ספר חסידים סי׳ שיג. ב"י או"ח סמ"ז. רמ"א יו"ד סרמ"ו ס"ו. לקו"ש חכ"ו ע׳ 376. ועוד. 50) ראה סוטה כא, א.

אז זי האט א הוראה ונתינת כח אין דעם ענין פון "תזריע וילדה גו׳".

ובעבודה רוחנית איז דאס שייך צו יעדער איד - מצד דרגת המקבל (אשה) שבו, וואס דאס איז דא בא יעדער איד, ביז אויך א תינוק תיכף כשנולד, איידער מ׳זעט בגלוי זיין כח ההשפעה, איז ער שוין בדרגת המקבל; און אויך במצב זה קען יעדער איד אויפטאן אין ועשה טוב - "תזריע".

בנוגע צו די תוצאה "וילדה" - וועט דאס זיין ערשט לאחרי זמן, ובפרט די שלימות פון "וילדה זכר" (איש דרכו לכבוש), וועט ערשט ארויסקומען בגלוי ווען ער ווערט אן איש צבא (לבן עשרים), וואס דעמולט גייט ער כובש זיין ארצות, אדער עכ״פ - א בן י״ג למצוות, און אפילו דער ענין פון מעשה קטן (וואס איז אויך משפיע) - איז אן עשי׳ בתוקף ערשט כמה שנים לאחרי שנולד. משא״כ דער ענין פון "אשה כי תזריע", אלס א מקבל - האט יעדער איד תיכף משנולד, ווי מ׳זעט עס בגלוי, ובדידי׳ הוה עובדא.

ז. והנה, דער סדר הרגיל אין עבודת ה׳ בסדר מסודר איז, אז די ביידע ענינים פון ועשה טוב און סור מרע, זיינען צוויי באזונדערע עבודות, וואס קומען אין באזונדערע זמנים, פריער ועשה טוב, און דערנאך סור מרע (ווארום בשעת מ׳הויבט אן מיט ועשה טוב גיט דאס כח צו דערנאך טאן כדבעי דער סור מרע). וואס דערפאר זיינען די צוויי פרשיות אפגעטיילט בכמה שנים, אין צוויי באזונדערע וואכן, פריער פ׳ תזריע (כנגד די עבודה פון ועשה טוב) און די וואך נאכדעם - די צווייטער פרשה (כנגד די עבודה פון סור מרע).

משא״כ בשנה זו׳ זיינען מחובר, וואס דאס לערנט, אז עס זיינען דא זמנים, ובמיוחד - בזמן זה דדרא דעקבתא דמשיחא, ווען מ׳דארף נאר פארענדיקן די לעצטע פכים און אט אט קומט די גאולה, ובמילא איז ניטא קיין צייט צוווארטן אויף עבודה מסודרת כו׳ - אז די ביידע עבודות פון "ועשה טוב" און "סור מרע" קומען צוזאמען בבת אחת.

אז סיי בנוגע צו זיך אליין און סיי בנוגע צו די עבודה מיט א זולת - טוט מען בבת אחת ביידע עבודות בב׳ הידים - ימין מקרבת ושמאל דוחה[51], ע״ד ווי מ׳געפינט בא משה רבינו, אז ער האט סומך געווען יהושע׳ן בשתי ידיו ("ויסמוך את ידיו עליו")[52] [אע״פ וואס דארטן זיינען ביידע ידים געווען אויף חסד והשפעה], וואס

51) ראה סוטה מז, א. ועוד. 52) פינחס כז, כג ובפרש״י.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

דערפון באקומט יעדער איד כח, אז מצד בחי' משה שבקרבו[53] זאל ער קענען טאן די עבודה בב' הידים (ימין ושמאל) בבת אחת.

ח. ויה"ר אז דורך "אשה כי תזריע", מעשינו ועבודתינו איצטער, זאל בקרוב ממש זיין דער "וילדה זכר". דער שיר לשון זכר בגאולה האמיתית והשלימה, דורך דעם וואס די גאולה איז א גאולה נצחית שאין אחרי' גלות[54], ושמחת עולם (לשון נצחיות) על ראשם[55], וואס דעמולט וועט זיין די שלימות פון איש דרכו לכבוש - כיבוש כל העולם, באופן של נצחון גמור, "נצח ישראל לא ישקר כי לא אדם הוא להנחם"[56].

וואס נצח מלשון נצחון איז די זעלבע אותיות ווי נצח מלשון נצחיות - דער נצחון לע"ל וועט זיין אין אן אופן נצחי, און אין אן אופן אז עס וועט ניט בלייבן קיין רושם פון מלחמות (אין וועלכע מ'האט מנצח זיין), עס וועט נאר בלייבן די מעלה שבזה, ולכל לראש - דעם ענין פון די בזבוז האוצרות וואס מ'איז מבזבז צוליב נצחון המלחמה, כמבואר בהמשך ההילולא[57], אז צוליב נצחון המלחמה איז דער אויבערשטער "מבזבז" די אוצרות שלמעלה מעלה עד אין קץ ולמטה למטה עד אין תכלית, און איז דאס מבזבז טאקע ע"י הפקידי ושרי הצבא, ביז נשיא דורנו, אבער דאס קומט אן צו די אנשי צבא, אז דאס ווערט זייער זאך.

ומעין זה האט מען שוין איצטער - כל הענינים בשלימות, ברוחניות ובגשמיות וברוחניות גם יחד.

ובפרט אז ס'איז דא די הוספה אין "שבת אחים גם יחד"[58] (אהבת ישראל), וואס איז אויך פארבונדן מיט ל"ג בעומר[59], וואס האט אין זיך ביידע קצוות: פון איין זייט איז דאס הוד שבהוד, וכמבואר בחסידות[60], אז דאס ווייזט אויף א דרגא וואו עס לייכטן ניט שכל ומדות, נאר מערניט ווי דער ענין ההודאה, און הודאה שבהודאה, וביחד עם זה איז דאס יום שמחתו של רשב"י[61], ועל ידו - ווערט עס זמן שמחתנו פון אלע אידן.

און ל"ג בעומר (הוד שבהוד) איז אויך כולל אין זיך שלימות בענין ספירת העומר, כמבואר בחסידות[60], כולל דער ענין פון ספירה

---

53) תניא רפמ"ב. 54) ראה תוד"ה ה"ג ונאמר - פסחים קטז, ב. 55) ישעי' לה, י. נא, יא. 56) שמואל א טו כט. 57) ד"ה באתי לגני ה'שי"ת פי"א ואילך. וראה גם ד"ה בעצם היום הזה פר"ת. ובכ"מ. 58) תהלים קלג, א. 59) ראה זח"ג מס, ב. וראה גם ד"ה איתא בזהר זמנא חדא תשמ"ב. ובכ"מ. 60) ראה סידור שער הל"ג בעומר שג, ג ואילך. אוה"ת נ"ך ח"ב ע' תתקכא. המשך מים רבים ע' סא. ד"ה להבין ענין הילולא דרשב"י תרע"ח. 61) שער הכוונות ענין ספה"ע דרוש יב. פע"ח שער ספה"ע פ"ז. ועוד.

מלשון אבן ספיר, כמובן בפשטות (ווי דער אפטייטש פון ספירה אין קורקנדנצי' און אין דרושי חסידות וכו')[62].

וואס איצטער האלט מען שוין נאך דריי וואכן פון ספירת העומר, ד.ה. אז מ'האט שוין תלתא זימני דהוה חזקה[63] אין די שבועות פון ספירה (וואס מצוה למימני יומי ומצוה למימני שבועי כו'[64]).

ט. וואס דאס וועט אלץ נאכמער ממהר זיין די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמולט וועט זיין דער גילוי פון די אלע ענינים דא למטה, אין עוה"ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, דארטן וואו ס'איז דא עבודת ה',

ולמטה מעשרה טפחים, בגלוי לעיני בשר, בגאולה האמיתית והשלימה, ובעגלא דידן ממש.

* * *

י. מאמר (כעין שיחה) ד"ה אשה כי תזריע גו'.

* * *

יא. ס'איז אויך רגיל רעדן אן ענין אין פרש"י בפרשת השבוע, און אויך ארויסנעמען אן ענין אין "והחי יתן אל לבו" פון התחלת הפרשה; אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו; און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

בנוגע צו פרש"י האט מען מעורר געווען אויף דעם וואס רש"י איז מפרש עה"פ[65] "לכל מראה עיני הכהן" - "פרט לכהן שחשך מאורו".

און מ'האט געפרעגט: עס שטייט שוין פריער (און אויך שפעטער) א פאר מאל אין חומש "וראה הכהן", "והובא אל הכהן" - איז פארוואס שטעלט זיך רש"י דוקא דא און איז מפרש "פרט לכהן שחשך מאורו", משא"כ פריער שטעלט ער זיך גאר ניט אפ אויף דעם?

דערצו איז דא א שאלה וואס מ'האט פארזעצן, וואס דערמיט וועט מען פארשטיין דער ביאור בפרש"י (כדלקמן): פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק די אלע ווערטער "לכל מראה עיני הכהן"? און וואס איז בכלל דער פירוש אין די ווערטער?

---

62) ראה לקו"ת אמור לה, ב ואילך. ובכ"מ. 63) ב"מ קו, ריש ע"ב. וש"נ.
64) מנחות סו, א. וש"נ. 65) תזריע יג, יב.

און דערצו: א) מאי קמ"ל בפרש"י - ס'איז דאך מובן מעצמו אז "מראה עיני הכהן" איז שולל אזא כהן וואס קען ניט זען? ב) פארוואס נוצט רש"י דעם לשון "חשך מאורו" און ניט "סומא", דער לשון הרגיל בכגון דא בהלכה (כאטש ניט בנדו"ד)?

יב. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו שטעלט ער זיך[66] אויף דעם מאמר הזהר[67] "ר' יהודה פתח ואמר אל תראוני שאני שחרחורת ששזפתני השמש[68] כו' דאתיין מסטרא דדינא קשיא", און ער איז מבאר ווי דאס גייט אויף גבורות ודינים כו'.

וויבאלד אבער אז מ'רעדט איצטער ווי אלץ איז פארבונדן מיט חסדים בטוב הנראה והנגלה[69] (ראה לעיל בהמאמר) - איז פארשטאנדיק אויך אין דעם איז פאראן אן ענין של חסדים. וכמדובר לעיל (בהמאמר) פון לקו"ת פרשתנו, אז אויך גבורה איז כולל אין זיך חסד וכו'.

ויש לבאר זה ע"פ המבואר בלקו"ת (שה"ש) עה"פ "אל תראוני שאני שחרחורת" (ווי געבראכט אויך אין דער הערה שלאח"ז אין לקוטי לוי"צ), וכפי שיתבאר לקמן.

יג. אין היינטיקן שיעור רמב"ם איז מען מסיים הל' מאכלות אסורות. וואס לאחרי ווי ער רעדט וועגן די דינים פון "בל תשקצו גו'", איז ער מסיים "וכל הנזהר בדברים אלו מביא קדושה וטהרה יתירה לנפשו, וממרק נפשו לשם הקב"ה שנאמר[70] והתקדשתי והייתם קדושים כי קדוש אני".

וואס די הלכה איז מלא קושיות, וכרגיל אז אויף ענינים שבספר של רמב"ם וואת זיינען געשריבן בלשון אגדה - שטעלן זיך ניט מפרשים. מ'צייכנט דא נאר צו - צו ספר המצוות להרמב"ם שורש ד, וואס דארטן ברענגט דער רמב"ם אויך דער פסוק ("והתקדשתם גו'").

אבער מ'דארף פארשטיין די כמה שינויים וואס זיינען פאראן צווישן ספר המצוות און די הלכה דא:

א) פארוואס ברענגט ער ניט אין שורש ד' פון סהמ"צ דער סיום הכתוב "כי קדוש אני", אזוי ווי ער ברענגט עס דא?

ב) לאידך: אין ספר המצוות ברענגט ער כמה פסוקים פארבונדן מיט קדושה, משא"כ דא ברענגט דער רמב"ם נאר דער איין פסוק

---

66) לקוטי לוי"צ לזח"ג ע' עדר. 67) מה, ב. 68) שיר השירים מ, ו.
ועאכו"כ שיש לנצל ה"יום-סגולה" דל"ג בעומר, יום שמחתו של רשב"י[90], מתוך "שטורעם" הכי גדול, בתכלית השלימות — שבכל מקום ומקום, בכל קצוי תבל, יקהלו רבים מישראל, אנשים ונשים (בנפרד כמובן), ובמיוחד — ילדי ישראל[91], כדי לעודד ולזרז בכל עניני יהדות, תורה ומצוותי', ע"פ תורתו דרכיו ואורחותיו של רשב"י, החל מהענינים האמורים לעיל — הדגשת החיוב והמעלה הן בנוגע לישראל ("קדושים תהיו כי קדוש אני"), והן בנוגע למציאות העולם ("בכל דרכיך דעהו"), אשר, בודאי יסבירו תוכן הדברים באופן וסגנון המובן לכאו"א (למגדול ועד קטן) לפי שכלו והבנתו, ע"פ דרכו.

וההחלטות טובות בכהנ"ל — ביום הש"ק זה, כהוראת חז"ל[92]

---

86) אבות פ"ב מי"ב. וראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג.

87) משלי ג, ו. וראה רמב"ם שם. שו"ע אדה"ז או"ח סקנ"ו ס"ב. וראה לעיל הערה 39.

88) ולהעיר מהידוע (סד"ה וספרתם תרס"ו) של"ג בעומר מרומז ב"עד הגל הזה" (ויצא לא, נב), "לרעה אי אתה עובר אבל אתה עובר לפרקמטיא" (פרש"י עה"פ) — שה"גל" שבין יעקב (יהודי) ללבן (עניני העולם) אינו באופן שפורש מהעולם, אלא שעסקו בעולם הוא באופן (שהעולם אינו פועל בו ירידה, ח"ו, "לרעה", ואדרבה) שעל ידו מתעלה עוד יותר — "פרקמטיא", ריוח, עי"ז שרואה שגם העולם הוא אלקות.

89) זח"ג קנב, א.

90) ראה שער הכוונות ענין ספה"ע דרוש יב. פע"ח שער ספה"ע פ"ז. מ"ח מס' אייר וסיון פ"ו מ"ו. ושם מ"ז: שמחה גדולה.

91) כמנהג ישראל ע"ד הנהגות מיוחדות בל"ג בעומר בקשר לילדי ישראל — ראה שער הכוונות ופע"ח שם. בני יששכר מאמרי חודש אייר מאמר ג ס"ד-ה. ספר "בין פסח לשבועות" (אה"ק, תשד"מ) פי"ח סל"ג-ד. פי"ט ס"ח-ט. ושי"נ (וראה "היום יום" ל"ג בעומר).

92) ראה שבת קנ, א. רמב"ם הל' שבת פכ"ד ה"ה. שו"ע (ואדה"ז) או"ח סש"ו ס"ו (סי"ב).

ש"מפקחין[93] על צרכי ציבור בשבת", ועאכו"כ "צרכי ציבור" בקשר ובשייכות לעניניו של רשב"י, שאמר, "יכול אני לפטור את כל העולם כולו (ציבור הכי גדול) מן הדין", ו"בהאי חיבורא דילך דאיהו ספר הזהר . . יפקון בי' מן גלותא ברחמים"[94].

יב. ויה"ר שהפעולה בכל ענינים אלו תהי' באופן ד"אמור גו' ואמרת"[95] (כפי שקורין בתפלת מנחה), "להזהיר גדולים על[96] הקטנים"[97], כולל גם "להזהיר" מלשון זוהר ואור[98].

ועוד לפנ"ז — יהי' כבר הענין ד"המשכילים יזהירו כזהר הרקיע"[99], מכיון ש"בהאי חיבורא דילך דאיהו ספר הזהר (ע"ש המשכילים יזהירו כזהר הרקיע[100]) יפקון בי' מן גלותא ברחמים" — תיכף ומיד ממש,

ובמילא, יהיו כל עניני ל"ג בעומר, יום שמחתו של רשב"י, יחד עמו ("הקיצו ורננו שוכני עפר"[101]), בארצנו הקדושה, בירושלים עיר הקודש ובבית המקדש, שאז תהי' ה"הילולא" (שמחה) בתכלית השלימות — "שמחת עולם על ראשם"[102].

---

93) להעיר משני הפירושים ב"מפקחין" — מלשון פקחות שכלית, ומלשון וא"י כפשוטה (לפקוח עינים).

94) זח"ג קכד, ב — ברע"מ. הובא באגה"ק רסכ"ו.

95) ר"פ אמור.

96) וגם "להזהיר גדולים על ידי הקטנים", ע"ד "והשיב לב אבות על (ידי) בנים" (מלאכי בסופו ובפרש"י).

97) תו"כ ופרש"י עה"פ. יבמות קיד, סע"א. וש"נ.

98) ראה צוואת הריב"ש בתחילתו: פי' זהיר מלשון והמשכילים יזהירו, ר"ל הנשמה תזהיר ותאיר כו'. ועד"ז בסה"מ תרפ"ח ע' קנד ואילך. אג"ק אדמו"ר מוהריי"צ ח"ג ע' קכט ואילך. וראה לקו"ש ח"ז ע' 2-151.

99) דניאל יב, ג.

100) ראה זהר ח"א טו, א. ח"ג שם.

101) ישעי' כו, יט.

102) שם לה, יו"ד. נא, יא.



בס"ד. שיחת ש"פ אחרי קדושים, י"ג אייר ה'תשמ"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

א. לכל לראש איז היינט שבת קודש, און אין דעם גופא - א שבת אין די ימי הספירה, ובזה גופא - דער סיום פון דער פערטער וואך פון ספירת העומר, וואס די מעלה בזה איז מובן פון המדובר כמ"פ אז בשנה זו האט זיך ספירת העומר בכלל אנגעהויבן במוצאי שבת, "ממחרת השבת"[1] כפשוטו, וואס דעמולט איז דא שלימות התמימות אין די "שבע שבתות תמימות"[1], ווייל דעמולט איז "השבתות תמימות כששת ימי בראשית"[2], און דעריבער איז מובן אז ס'איז דא א מעלה אין דעם וואס בשבת זו ענדיקט זיך א שבוע שלימה (דער פערטער וואך) פון ספירת העומר.

נוסף לזה - האט אין זיך דער שבת אן ענין מיוחד מצד די קריאה בתורה, ובפרט אז אין דעם שבת לייענט מען פרשיות מחוברות, וואס דאס איז דאך א חידוש, כמדובר בשבת שעברה[3].

ועד"ז אויך מצד די ימי החודש - איז דער שבת י"ג אייר, ערב פון פסח שני, וואס פסח שני איז איינער פון די טעג אין מגילת תענית[4] ווען מ'טאר ניט פאסטן. ומזה איז אויך מובן די מעלה פון ערב יום זה. און כאטש אז בטלה מגילת תענית[5], ביז אז אויך בזמן הזה זאגט מען תחנון בערב פסח שני (ווי דער אלטער רבי שרייבט אין סידור[6] אז "בערב פסח שני נופלין") - קען מען אבער ניט זאגן אז ס'איז בטל געווארן די מעלה פון דעם טאג ח"ו.

ובפרט אז י"ג (בחודש) איז אויך בגימטריא אח"ד [וכידוע אז ע"פ הלכה לערנט מען אפ כמה ענינים פון א מספר וגימטריא], און ווי חסידים זיינען מדגיש דער ענין פון אחד, כפתגם הידוע בנוגע צו דער הילולא פון דעם צ"צ און פון דעם רבי'ן מהר"ש בי"ג ניסן און בי"ג תשרי, אז "אחד באחד יגשו ורוח לא יבוא ביניהם"[7], דער אח"ד פון ניסן און דער אח"ד פון תשרי - מצד זייער פארבונד, וואס דער רבי מהר"ש איז ממלא מקומו פון דעם צ"צ [אע"פ וואס אלע ששה בנים פון דעם צ"צ זיינען געווען ראוי לזה, כידוע די טיטולן וואס כ"ק

---

1) אמור כג, טו. 2) קה"ר פ"א, ג ובמת"כ שם. וראה בארוכה לקו"ש חי"ב ע' 96 ואילך ובהערות שם. 3) שיחת ש"פ תזו"מ ס"ה. 4) פרק שני. 5) ר"ה יח, ב. שם יט, ריש ע"ב ובפרש"י (ד"ה תנאי היא). 6) לפני "למנצח גו' יענך". 7) לשון הכתוב - איוב מא, ח.

מו״ח אדמו״ר האט אויף זיי געגעבן אין ״הקריאה והקדושה״[8]].

ועד״ז איז פארשטאנדיק די מעלה אין י״ג שבכל חודש (ווי אין חודש אדר), און אזוי אויך בנוגע צו י״ג אייר.

ב. וע״פ תורת הבעש״ט אז פון יעדער זאך דארף מען ארויסנעמען א הוראה אין עבודת ה׳[9], איז פארשטאנדיק אז פון די אלע ענינים הנ״ל שביום זה - דארף מען (זוכן און זיכער וועט מען געפינען און) ארויסנעמען א הוראה אין דער עבודה לשמש (אדער לשרת) את קוני, וואס אני נבראתי לשמש את קוני[10].

און דאס איז שייך צו יעדער איד, אנשים נשים וטף, ביז אויך א תינוק שנולד, ווארום יעדער איד, אפילו א תינוק שנולד, ווערט באווירקט פון עניני העולם כולל שינויי הזמן וכו׳ [משא״כ ווען ער איז נאך אן עובר במעי אמו, האט ער נאך ניט אזא השפעה בעולם און די עולם איז אויף אים ניט משפיע], אויך פון דעם שינוי הזמן און די מעלות פון יום זה (כנ״ל), און וויבאלד אז אני נבראתי לשמש את קוני (וואס דאס גייט אויך אויף א תינוק שנולד) - דארפן די מעלות פון יום זה ארויסברענגען א הוספה אין עבודת האדם לשמש את קוני בקיום התורה והמצוות,

כולל ובמיוחד - אין דער שליחות וציווי פון נשיא דורנו, צו טאן אין הפצת המעינות חוצה, בתוך הפצת היהדות בכלל.

ובפרט אז אין דעם שבת קומט צו נאך אן ענין - וואס מיני׳ מתברכין כולהו יומין[11], כולל דעם טאג פון ל״ג בעומר, יום הילולא פון רשב״י, וואס ער האט אראפגענומען די מחיצה (״מחצתי ואני ארפא״[12]) צווישן נגלה דתורה און פנימיות התורה[13].

און פון אים באקומט יעדער איד דעם כח צו מחבר זיין נגלה דתורה און פנימיות התורה.

ג. און דאס וועט נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה -

---

8) ועד״ז גם ב״היום יום״ ב״שלשלת היחס וכו׳ מתולדות בית רבינו״ ס״ג.
9) כתר שם טוב סקכ״ז ואילך. וש״נ. 10) משנה ובריי תא סוף מס׳ קידושין. 11) זח״ב סג, ב. פח, א. 12) לשון הכתוב - האזינו לב, לט. 13) ראה המשך חייב אדם לברך תרל״ח פכ״ה.

מ׳קאכט זיך דאך בזמן האחרון (און ניט נאר בזמן הכי אחרון) און מ׳איז זיך משתדל אלץ פארבינדן מיט דער גאולה - וועלכע קומט דורך מעשינו ועבודתינו בכלל[14], כולל די ענינים הנ״ל, וואס קומען ארויס פון די דיבורים אין מעשה,

ביז די מעשה בפועל העיקרי - די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט זיין גילוי פנימיות התורה, ועיקר עסק התורה וועט זיין בפנימיות התורה, ביז אז ״ידעו מפנימיות התורה כל גופי התורה הנגלית״, כמבואר באגה״ק[15]. ועוד והוא העיקר - אז עס זאל אזוי זיין במעשה בפועל, ובפשטות למטה מעשרה טפחים, ולא עכבן אפילו כהרף עין[16], נאר תיכף ומיד ממש.

* * *

[שיחות דלקמן (ביאור בפרש״י ר״פ אחרי ור״פ קדושים) - הוגהו ע״י כ״ק אדמו״ר שליט״א, ונדפסו לעיל. להלן באות השלמות לשיחות אלו].

[בענין הלימוד מפרש״י ר״פ קדושים (״מלמד שנאמרה פרשה זו בהקהל מפני שרוב גופי תורה תלויין בה״) בנוגע לשנת הקהל, וסיום שיחה ב׳]:

ד. וואס דאס איז א יסוד והסברה אויף דעם וואס מ׳שטורעמ׳ט וועגן שנת הקהל, און ס׳איז פאראן די וואס תואנה הם מבקשים: מצות הקהל איז געווען בזמן שביהמ״ק הי׳ קיים, און דעמולט גופא דוקא בחול המועד סוכות - איז וואס שטורעמט מען וועגן דעם אויך בזמן הזה ובכל השנה כולה?

איז אפילו אויב דאס איז א שאלה בשאר ימי השנה (וואס באמת איז דאס קיין שאלה ניט), אבער בשעת מ׳קומט צו דער פרשה און מ׳לערנט פרש״י בריש הפרשה, פאלט אפ די גאנצע שאלה - ווייל פון רש״י איז מובן אז ״הקהל״ גיט צו בתוקף הקיום פון תומ״צ (״גופי תורה״);

און וויבאלד אז איצטער נויטיקט מען זיך ספעציעל אין א הוספה במעשינו ועבודתינו, און מ׳דארף אויף דעם קיין ראיות ניט האבן - ווייל דאס גופא וואס אע״פ אז ״כלו כל הקצין״[17] געפינט מען זיך נאך אין גלות, איז א הוכחה אז עס פעלט נאך עפעס אין עבודה

---

14) ראה תניא רפל״ז. 15) סוף סכ״ו. 16) מכילתא ופרש״י בא יב, מא. 17) סנהדרין צז, ב.

און דאס איז די סיבה אויף דעם וואס מ׳איז נאך אין גלות,

[דאס גופא איז טאקע ניט פארשטאנדיק, און אע״פ וואס עס דארף טאקע זיין הקדמת נעשה לנשמע[18], איז אבער לאחרי וואס ס׳איז דא דער נעשה, דארף זיין נשמע ונבין[19], און כל זמן א איד פארשטייט עפעס ניט, דארף ער מאכן דעם גרעסטן שטורעם, ועאכו״כ אז ער דארף טאן כל התלוי בו צו ברענגען די גאולה] -

ווערט לפי״ז די שאלה לאידך גיסא: (ניט פארוואס מ׳שטורעמט וועגן הקהל בשנה זו, נאר) פארוואס האט מען פאר-א-יארן ניט געשטורעמט וועגן דעם ענין פון הקהל, וויבאלד אז דורך דעם קומט צו א הוספה אין תומ״צ (גופי תורה)?!...

ויש לומר הביאור בזה בדוחק (פארוואס מ׳מאכט וועגן דעם א שטורעם דוקא בשנה זו און ניט פאר-א-יארן) - לאחרי ההקדמה אז אין צועקין על העבר - ווייל בשנה זו האט מען אויך א נתינת כח פון דעם זמן גרמא, וויבאלד אז שנה זו קומט לאחרי שנת השמיטה, ווען אידן האבן מוסיף געווען בלימוד התורה מצד דעם וואס מ׳איז געווען פנוי ממלאכת האדמה[20], דעריבער איז דער שנה לאחרי זה אויך מסוגל לזה, וויבאלד מ׳קומט נאך א שנה שלימה פון רגילות בהוספה בתורה כו׳, כמדובר כמ״פ.

דעריבער איז מובן, ווי מ׳דארף אויסנוצן יעדער געלעגנהייט בשנה זו, ניט נאר ביום השבת ויו״ט וזמנים מיוחדים, נאר כל זמן וזמן - אויף מאכן כינוסי הקהל, פון אנשים נשים וטף, אויף מוסיף זיין אין ״למען ישמעו ולמען ילמדו ויראו את ה״א ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת גו׳״[21].

ה. און דאס וועט נאכמער צואיילן דעם הקהל הגדול - ״קהל גדול ישובו הנה״[22], דורך דעם מקהיל האמיתי, ״ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל״[23], ״בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[24],

און מ׳וועט אלע גיין אין ארץ הקודש, ״ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה״[25], און דארטן גופא - אין

---

18) ראה שבת פח, א. 19) ראה בארוכה קונטרס משיחות ש״פ תזו״מ שנה זו ס״ג. 20) ראה ספורנו ר״פ בהר. 21) וילך לא, יב. 22) ירמי׳ לא, ז. 23) ישעי׳ כז, יב. 24) בא י, ט. 25) עקב יא, יב.

ירושלים עיר הקודש, אין ביהמ״ק השלישי, ביז אין קדש הקדשים, ווארום יעדער איד איז פון ״ממלכת כהנים״[26] (ווי אנגעזאגט נאך פאר מתן תורה, עאכו״כ ווי דער מצב איז לאחרי זה), און ווי מפרשים טייטשן אז דאס מיינט כהנים גדולים[27], דעריבער וועט בא אלע אידן זיין (ע״ד ווי) כניסת הכהן גדול לקדש הקדשים.

והגם אז ס׳איז דא די הגבלה פון ״אל יבוא בכל עת אל הקודש גו׳״[28], האט מען אמאל גערעדט[29] אז ס׳איז דא א דיעה (אין אחרונים אדער ראשונים, ווי מ׳וויל זיי אנרופן), אז דער כהן גדול קען אריינגיין אל הקודש בכל עת, אויב ער ברענגט די קרבנות כו׳, ביז אז ס׳איז דא א דיעה אז ער קען אריינגיין אפילו אן קרבנות כו׳.

ויה״ר אז פון דעם רעדן און לערנען וועגן די ענינים, וועט מען קומען צו לערנען וועגן דעם ניט ווי דאס איז פארבונדן מיט א צווייטן, נאר מיט זיך אליין וואס דעמולט איז דער לימוד באופן אחר לגמרי - כמבואר בהמשך תרס״ו[30] אז דער לימוד איז באופן נעלה יותר בשעת דאס איז נוגע צו א מעשה בפועל, ועאכו״כ בנוגע צו זיך אליין.

און עס וועט זיין ״אמור גו׳ ואמרת״[31], ״להזהיר גדולים על הקטנים״[32], די גדולים טוען אויף אין די קטנים, וואס כהונה גייט איבער פון דעם אב (גדול) לבן (קטן)[33], ועד״ז טוען אויף די קטנים אין די גדולים, אז עס זאל זיין ״להזהיר״[34], ע״ד ״והשיב לב אבות על בנים[35] - על ידי בנים״[36].

ועוד והוא העיקר, אז אזוי זאל זיין בפשטות ובפועל, ותיכף ומיד ממש, למטה מעשרה טפחים.

* * *

---

26) יתרו יט, ו. 27) בעה״ט עה״פ. 28) פרשתנו (אחרי) טז, ב. 29) ראה יחידות הרבנים הראשיים בארץ הקודש - אור לכ״ז אד״ש ה׳תשמ״ו סי״ג (ספר השיחות תשמ״ו ח״ג ע׳ 68) ואילך. וראה גם שיחת ש״פ תזו״מ ה׳תשמ״ז סי״ב ואילך. 30) ע׳ שצ ואילך. 31) ר״פ אמור. 32) פרש״י עה״פ. 33) ראה רמב״ם הל׳ כלי המקדש והעובדים בו פ״ד ה״כ. 34) ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 151 ואילך. 35) מלאכי ג, כד. 36) פרש״י עה״פ.

[בשיחה ג' - בענין הגישה חיובית באופן ד"עשה טוב", שמצליח יותר]:

ו. און ווי מ'זעט בפועל ובפרט בימינו אלו:

בשעת מ'וועט צוגיין צו איינעם און אים סטראשען אז אויב ער וועט זיך ניט פירן באופן מסויים וועט מיט אים זיין כך וכך לאחרי מאה ועשרים שנה כו' - איז גלייך ווי יענער הערט די ערשטע פאר ווערטער, וויל ער שוין מערניט הערן און ער זאגט: א גוטן טאג!

דאס איז אויב ער איז אן איידעלער מענטש; אויב ער איז ניט קיין איידעלער - זאגט ער: וואס ביסטו בעסער פאר מיר, ווער האט דיר געמאכט א בעה"ב איבער מיר אז דו קענסט מיר זאגן דיעות, ס'איז א פרייע מדינה, גיי זיך געזונטערהייט פון וואנעט דו ביסט געקומען!

וואס דורך דעם איז ער נאך אים (דעם צווייטן) אויך מכשיל אז ער זאל אים מבזה זיין! וואס דאס איז א חסרון אפילו אויב ער איז מוחל אויף בזיון עצמו, וואס אזא מציאות דארף מען אויך זוכן!...

ז. [סיום השיחה - בנוגע הפעולות בקשר עם ל"ג בעומר]:

די הכנות לזה הויבן זיך שוין אן בשבת זו (באופן המותר בשבת), שמיני' מתברך דער טאג פון ל"ג בעומר, כולל אויך אז בשבת זו הויבט זיך אן די שמחה פון יום שמחתו של רשב"י בל"ג בעומר[37], ובפרט אז מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה[38], וכפתגם הידוע[39] - טראכט גוט וועט זיין גוט.

און אין שבת עצמה - איז דאס נאכמער בהדגשה בזמן רעוא דרעוין, וואס איז פארבונדן מיט פנימיות התורה (אן ענין עיקרי פון רשב"י), וכידוע דער מנהג בא חסידים צו חזר'ן חסידות (אדער לערנען חסידות ביחידות) בזמן רעוא דרעוין דיום השבת.

---

37) שער הכוונות ענין ספה"ע דרוש יב. פע"ח שער ספה"ע פ"ז. ועוד. 38) ראה קידושין מ, א. ועוד. 39) ראה אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' תקלז. ובכ"מ.

און דאס זאל נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, אז זי זאל קומען נאך פאר ל"ג בעומר, און עס וועט גלייך זיין "הקיצו ורננו שוכני עפר"[40], און דער רשב"י בקרבם ובתוכם,

און עס וועט זיין "אמור גו' ואמרת", "להזהיר גדולים על הקטנים", "להזהיר" אויך פון לשון "והמשכילים[41] יזהירו כזהר הרקיע"[42], ווי די התחלה פון תקו"ז וכו' (ספרו של רשב"י).

און מ'גייט טאנצן אין א ריקוד בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

וכל זה - תיכף ומיד ממש.

* * *

ח. מאמר (כעין שיחה) ד"ה כי ביום הזה יכפר עליכם גו'.

* * *

ט. ס'איז אויך רגיל צו רעדן אן ענין אין פרש"י בפרשתנו, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר, אן ענין אין פרקי אבות, און אין דעם שיעור היומי ברמב"ם.

בנוגע צו פרש"י האט מען שוין גערעדט פריער בארוכה (לפי ערך) דער ביאור ע"ד הפשט פאר א בן חמש למקרא. אבער וויבאלד אז פרש"י איז דאך אויך א לימוד פאר גדולים, כהדין בשו"ע בנוגע צו שנים מקרא ואחד תרגום, אז מ'קען דאס יוצא זיין מיט פרש"י[43], ובפרט ע"פ הוראת נשיא דורנו בנוגע צו לימוד חת"ת, כולל חומש מיט פרש"י, און דערצו זיינען פאראן "ענינים נפלאים" אין פרש"י[44] - קען א גדול טענה'ן, אז דער ביאור הנ"ל בפרש"י ר"פ אחרי איז ניט משביע רצון, און וואס זיינען אין דעם די נפלאות.

[הביאור - נכלל בשיחה המוגהת הנ"ל.

בענין חולת אהבה, כפי שמובן גם לבן חמש - אמר:]

י. אויך ביי א קינד איז שייך דער ענין פון חולת אהבה, מצד דעם

---

40) ישעי' כו, יט. 41) דניאל יב, ג. 42) וראה גם לקו"ש ח"ז שם בהערה 25) שיחה המוגהת דשבת זו הערה 99. 43) ראה טושו"ע ודאדה"ז או"ח סרפ"ה ס"ב. 44) של"ה במס' שבועות שלו (קפא, א).

וואס ער קען ניט מרווה זיין זיין צמאון והשתוקקות צו דעם נאהב (דער אויבערשטער), ווערט ביי אים א מצב פון חולת אהבה [דער חילוק איז נאר אז ביי א קינד איז די אהבה וחולת אהבה לפי ערך קטנות שכלו, משא״כ ביי א גדול איז דאס לפי ערך שכלו של הגדול]. ע״ד דער סיפור הידוע מיט דעם רבי׳ן נ״ע[45], אז זייענדיק נאך א קליין קינד האט ער זיך באוויזן צו אברהם אבינו (״וירא אליו ה׳״[46]), וואס בכי׳ איז ע״ד ענין החולי.

[בענין חולת אהבה, שחולה בגימטריא מ״ט, ״לפי שחסר ממנו שער הנו״ן (הערה 30)]:

יא. דערפון איז מובן אז אין חולת אהבה גופא זיינען פאראן (בכללות) צוויי דרגות: די דרגא פון חולה בגימטריא מ״ט, ״לפי שחסר ממנו שער הנו״ן״; א העכערע דרגא - ווי דער שער הנו״ן איז נכלל אין די מ״ט שערים [כמובן מזה וואס בכל לילות הספירה, אנהויבנדיק פון לילה הראשון, זאגט מען ״שבע שבתות תמימות תהיינה...תספרו חמישים יום״[47]] - וואס דאס איז ווי חולה עם הכולל איז בגימטריא נו״ן - ווייל ער איז נאך ניט צוגעקומען צו דער גילוי שער הנו״ן ווי ער שטייט מצד עצמו, שלא בערך העכער פאר די מ״ט שערים און די דרגא אין שער הנו״ן וואס איז בערך און נכלל אין די מ״ט שערים[48], וואס דאס וועט נתגלה ווערן בעיקר לע״ל.

יב. ויש לקשר זה מיט די הערות פון טאטן אויפן זהר[49], וואו ער איז מבאר מאמר הזהר[50] ״רבי יצחק פתח עבדו את ה׳ ביראה[51]...וכתיב[52] עבדו את ה׳ בשמחה כו׳״.

וואס דער כללות הענין בזה איז - אז עס דארף זיין די התכללות פון אהבה ויראה (וואס זיי זיינען דער שרש פון אלע מצוות[53]), חסד וגבורה.

ווי דאס איז בהדגשה במ״ט ימי הספירה, אז די מ״ט ימים באשטיין פון התכללות המדות ז׳ פעמים ז׳ - חסד שבחסד, גבורה שבחסד כו׳, חסד שבגבורה, גבורה שבגבורה כו׳.

---

45) נדפס (בקצרה) ב״היום יום״ ט׳ חשון. לקו״ש ח״א ע׳ 23. וראה לקו״ש ח״ה ע׳ 56 ואילך. 46) ר״פ וירא. 47) אמור כג, טו-טז. 48) ראה לקו״ת במדבר י, ד ואילך. ועוד. 49) לקוטי לוי״צ לזח״ג ע׳ רעו. 50) ח״ג נו, א-ב. 51) תהלים ב, יא. 52) שם ק, ב. 53) תניא פ״ד.

און אין דעם באשטייט דער "**עבדו** את ה׳" - צו אויפטאן התכללות צווישן אהבה ויראה, חסד וגבורה וכו׳, סיי ווי זיי שטייען אין די דרגא פון מ״ט, און דערנאך אויך ווי זיי זיינען פארבונדן מיט דעם שער הנו״ן, ביז ווי דער שער הנו״ן שטייט בפ״ע, כנ״ל.

יג. כאן הזמן אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה המשמח, וואס פנימיות ענין השמחה (און אויך שמחה בפשטות) איז - שמחה של מצוה, בקשר מיט הקמת בתי חב״ד וכיו״ב, אלס הכנה צו דער "בית גדול"[54] לע״ל, ביהמ״ק השלישי -

זאלן זיי ארויפגיין אויבן, לכל לראש - ברוחניות, און דערנאך אויך בגשמיות, און מזמין זיין די מסובים וכל הקהל כאן, ביז כל כלל ישראל, און אויך מאכן א התחלה בזה איצטער, דורך זאגן לחיים, און דער עולם וועט זיי ענטפערן "לחיים ולברכה", אדער "לחיים טובים ולשלום" (נהרא נהרא ופשטי׳[55]).

און דאס וועט נאכמער צואיילן דער "קהל גדול ישובו הנה", "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו", ע״י עצמות ומהות אליין, לארץ הקודש, ולירושלים עיר הקודש, ולביהמ״ק השלישי, "עם ענני שמיא"[56], ולא עכבן אפילו כהרף עין.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות, כולל ההכרזה (ע״פ הוראת כ״ק אדמו״ר שליט״א) של ר׳ י.ב. שיחי׳) התחילו לנגן ניגון רוסית (עך טי זימליאק). ואמר כ״ק אדמו״ר שליט״א: מ׳קען אים געבן אן עצה - אז ער קען איבערהיפן צום דרייצנטן (מספר).

אח״כ נתן בקבוק משקה להר״ר ג.מ.ג שיחי׳. ואח״כ התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

יד. אין היינטיקן שיעור רמב״ם[57] לערנט מען וועגן שבועת העדות.

דער ענין אין "והחי יתן אל לבו" און "לתקן הדיעות"[58] וואס מ׳קען דערפון ארויסנעמען פאר יעדער איד (דלכאורה רעדן זיך די

---

54) ל׳ הכתוב - מ״ב כה, ט. 55) חולין יח, ב. נז, א. 56) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א. 57) הל׳ שבועות פ״ט. 58) רמב״ם סוף הל׳ תמורה.

דינים פון עדות נאר בנוגע צו די וועלכע זיינען עדים בפשטות) - איז פארשטאנדיק ע"פ הידוע אז אויף אידן שטייט[59] "אתם עדי", וכמבואר אין חסידות[60], אז יעדער איד איז אן עד וואס זאגט עדות אויף דעם אויבערשטן.

ד.ה. אז נוסף צו דער עבודה פון א אידן וואס אני נבראתי לשמש את קוני (מתוך קבלת עול), דארף זיין ניכר בגלוי אין דער מציאות פון א אידן ווי ער איז אן עד אויף דעם אויבערשטן.

וואס דאס איז לכל לראש דורך דער עצם מציאות פון אידן - אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס "אתם המעט מכל העמים"[61] במשך כל הדורות, אויך זייענדיק אין מדבר און בזמן שביהמ"ק הי' קיים כו', ועאכו"כ אין זמן הגלות, ביז אויך בזמן הזה - איז עם ישראל קיים באופן נצחי, "בני יעקב לא כליתם"[62], איז דאס מגלה און זאגט עדות אויף "אני ה' לא שניתי"[62]. ד.ה. אז דער עצם מציאות פון א איד, אז ער איז קיים באופן נצחי - איז מעיד אויף דעם אויבערשטן!

ונוסף לזה זיינען אידן עדים אויף דעם אויבערשטן דורך זייער עבודה - וואס זיי ווערן ניט נתפעל פון די נסיונות אין גלות און זיי שטייען שטארק "בקומה זקופה" מיט אידישקייט און תומ"צ.

ביז אז אויך גויים אנערקענען דאס און זעען בגלוי ווי אידן זיינען עדות אויף מציאות ה' - ווי ס'איז געווען נאך אין גלות מצרים (ראש כל הגליות), אז ניט קוקנדיק אויף די גזירות, זיינען אידן געבליבן קיים, ואדרבה - "כאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ"[63], "פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד"[64], ועד כדי כך אז די מצריים אליין האבן געזאגט "ועלה מן הארץ"[65], ווייל די תכלית פון די ירידה אין גלות איז צוליב די עלי' וואס קומט דערפון ארויס ("עלה נעלה"[66]).

ועד"ז אין די גליות שלאחרי זה, אז ניט קוקנדיק אויף די העלמות והסתרים און די גזירות ורדיפות, זיינען זייערע קינדער (וכיו"ב) פון דארטן ארויס, און עם ישראל איז געבליבן קיים. ביז אויך דער גלות במדינה זו, וואס לכתחילה זיינען דא ניט געווען קיינע אידן,

---

59) ישעי' מג, י. שם, יב. וראה זח"ג פו, א. 60) ראה לקו"ש חי"ט ע' 190 ואילך ובהנסמן שם. 61) ואתחנן ז, ז. 62) מלאכי ג, ו. 63) שמות א, יב. 64) שם, ז. 65) שם, י. 66) שלח יג, ל.

און דערנאך (כידוע בתולדות עם ישראל) זיינען זיי אהערצו געקומען פון אנדערע מדינות, און דערנאך - אויך פון רוסלאנד וכו׳, און דערנאך עולה געווען אדער יורד געווען (ווי מ׳וויל טייטשן) במדינה זו, דער גלות בחצי כדור התחתון (ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט מדגיש געווען[67]), און דא איז געווארן אדרבה - ״פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד״, ווי מ׳זעט בפועל.

ביז אז די עדות על הקב״ה פון אידן קומט ארויס אויך אין זייער גשמיות און פרנסה גשמית - כידוע דער ווארט פון דעם רבי׳ן מהר״ש[68], אז פרנסה בזמן הזה (נאך בזמן פון דעם רבי׳ן מהר״ש, ועאכו״כ בזמננו זה) איז אן ענין נסי אזוי ווי ״מן״, ״לחם מן השמים״[69], מיט די אלע מעלות שבזה (כולל דאס וואס לחם מן השמים האט ניט געהאט קיין פסולת[70] וכו׳).

ביז אז ניט נאר וואס די ירידה בגלות רירט ניט אן אין דער קיום ותוקף פון אידן, נאר אדרבה - דאס ברענגט אזא עלי׳ וואס לולא הירידה וואלט מען דערצו ניט געקענט צוקומען,

ביז אז עס ווערט דער שלימות הגילוי פון ״אתם עדי״ ווי ס׳וועט זיין לעתיד לבוא, און עס שטייט בגלוי דער ״בני יעקב לא כליתם״ למעליותא ווי דאס איז פארבונדן מיט ״אני ה׳ לא שניתי״, ווייל אידן און דער אויבערשטער ווערן איין זאך כביכול, [און דאס נעמט אויך דורך אלע פרטים ועבודות פון אידן, אז זיי ווערן איין זאך - ע״ד המדובר לעיל בנוגע צו דער חיבור והתכללות פון ״עבדו את ה׳ בשמחה״ און ״עבדו את ה׳ ביראה״״].

און עס וועט זיין ״קהל גדול ישובו הנה״, ומתוך שלימות בכל הענינים - כמצות רצונך[71], ותיכף ומיד ממש.

* * *

טו. [הביאור ברפ״ג דפרקי אבות - נכלל בשיחה המוגהת הנ״ל.

בסיום השיחה, בענין ההסתכלות בבחי׳ ״הוא״ - הוסיף]:

---

67) ראה סה״מ תש״ח ע׳ 232 ואילך. 68) סה״מ תש״ט ע׳ 21 (השני). לקו״ש חט״ז ע׳ 176 ואילך. ועוד. 69) בשלח טז, ד. 70) ראה יומא עה, ב. 71) לשון תפלת מוסף. וראה תו״א ויחי מו, ד ואילך. תו״ח שם צה, א ואילך. המשך וככה תרל״ז פי״ז ואילך. ועוד.

בחי׳ ״הוא״ (לשון נסתר) איז העכער פאר די דרגות שלפני זה (״הקדוש ברוך״, ועאכו״כ ״מלך מלכי המלכים״), דאס איז א דרגא וואס שטייט מצ״ע בהעלם, און דער אויפטו איז אז עס ווערט ״הסתכל״ אויך בבחי׳ הוא, ד.ה. דער גילוי פון בחי׳ הוא, ע״ד ״הסתר אסתיר פני ביום ההוא״[72], וואס שטייט אויף אסתר (״אסתר מן התורה מנין״)[73], און בימי הפורים ווערט דער גילוי פון די דרגא (״הוא״) - ביז תכלית הגילוי באופן של שמחה (וואס ענינה איז גילוי), און א שמחה ״עד דלא ידע״[74], ד.ה. דער גילוי (שמחה) פון בחי׳ ״לא ידע״[75]. וע״ד הענין פון תכלית הידיעה שלא נדעך[76].

וע״ד ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט דערציילט בשם זיין פאטער, דער רבי נ״ע[77], אז בשעת ער לערנט לקוטי תורה ווערט ״ידעתי הייתיו״.

און כמבואר בלקו״ת בתחלתו, בפ׳ פקודי[78] אז ״ע״י ריבוי הידיעות השלילות (יכולים) להגיע כמעט לציור הדבר כמו שהוא״.

[ולהעיר מהדבר אז אז התחלת הלקו״ת איז מיט פ׳ בשלח, און דערנאך היפט ער איבער ביז פ׳ פקודי - כאטש אז תורה אור ענדיקט זיך מיט פ׳ ויקהל (וכלל הפרשיות פון בשלח ביז ויקהל[79]). ולהעיר, אז עס זיינען דא שורות בלקו״ת וואס זיינען נעתק פון תורה אור].

טז. ויש לקשר זה מיט ״כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ (וואס מ׳זאגט פאר פרקי אבות) - וואס איז פארבונדן מיט דער גילוי ההתקשרות צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן (״הוא״ באופן פון ״המסתכל״).

און אויך מיט ״יגדיל תורה ויאדיר״[80] (וואס מ׳זאגט לאחרי הפרק) - וואס גייט אויף שלימות בלימוד התורה באופן פון ״דרוש וקבל שכר״[81], למעלה מבירור העולם.

און פון פרק שלישי בפרקי אבות, וואס איז ניט קיין באזונדער

---

72) וילך לא, יח. 73) חולין קלט, ב. 74) ל׳ חז״ל מגילה ז, ב. וראה קונטרס משיחות תענית אסתר ופורים שנה זו הערה 46. 75) ראה קונטרס משיחות שם ס״ד. 76) ראה בחינות עולם ח״ח פ״ב. עיקרים מ״ב סוף פ״ל. של״ה קצא, ב. 77) ס׳ השיחות תש״ה ע׳ 85. ועד״ז ס׳ השיחות תש״ג ע׳ 63. 78) ו, ג (ממו״נ ח״א פנ״ז ואילך). 79) וראה גם לקו״ש חכ״ו ע׳ 386 ואילך. ועוד. 80) ישעי׳ מב, כא. 81) סוטה מד, א. סנהדרין נא, ב.

ענין פון די ערשטע צוויי פרקים, נאר א המשך וסך-הכל, ובאופן פון "חוט המשולש"[82] [וכמובן אויך בפשטות, במכ״ש פון חכמת העולם, אז דער לימוד אין אן ענין שלפנ״ז גיט צו תוספת השגה אין דעם וואס מ׳לערנט דערנאך (און ניט אז דאס איז א באזונדער ענין וואס האט קיין שייכות ניט מיט דעם לימוד שלפנ״ז) - קומט מען צו דעם ביהמ״ק השלישי, און דער גילוי פון דער רגל הרביעי - דוד מלכא משיחא [ובפרט אז פון שבת גייט מען אריין אין סעודתא דדוד מלכא משיחא[83]].

און דעמולט וועט זיין די שלימות אין "ידעתיו הייתיו" - "לא יכנף עוד מוריך"[84], "ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו"[85], דא למטה, ותיכף ומיד ממש.

* * *

טז. איידער מ׳איז מסיים וויל מען נאכאמאל דערמאנען וועגן דעם ענין שהזמן גרמא - די הכנות צו ל״ג בעומר, יום שמחתו של רשב״י, אז אלע אידן זאלן דאס פראוועך, אנשים נשים וטף, ובמיוחד - טף, און ניט נאר בעיר זה, נאר בעיירות אחרות, און מדינות אחרות, ועאכו״כ בארץ הקודש. - און זיכער וועלן די רייד אנקומען לכל מקום ומקום.

און פראוועך דאס מתוך שמחה גדולה, בהתאם ליום שמחתו של רשב״י, ועאכו״כ ניט באופן אחר, כידוע דער סיפור בתושבע״פ (בפע״ח[86] וכו׳[87]) אז דורך דעם וואס מ׳האט געזאגט אן ענין של תפלה כו׳ בל״ג בעומר, איז געווארן היפך המציאות.

ואכ״מ להאריך בזה, נאר באווארענען אז עס זאל ניט זיין קיין ענין פון מאן דנפל מדרגי׳ דאיקרי היפך החיים[88], נאר עס זאל זיין חיים ביז חיים ממקור החיים (מחי׳ חיים[89]), ובאופן אז דאס ווערט נמשך למטה מטה ממש.

און דעריבער - בהמשך צו דער שמחה, וועט מען איצטער מסיים

---

82) ל׳ הכתוב - קהלת ד, יב. 83) סידור האריז״ל (לר״ש מרשקוב) במקומו. פע״ח שער השבת ספכ״ד. 84) ישעי׳ ל, כ. 85) שם מ, ה. 86) שער ספה״ע פ״ז. 87) ראה שער הכוונות ענין ספה״ע דרוש יב. ועוד. 88) כ״ה בלקו״ת חוקת נז, ריש ע״א. וראה הערה 39 בקונטרס כ״א אדר שנה זו. 89) ראה יומא עא, א.

זיין, כרגיל, מיט זינגען מתוך שמחה דעם ניגון "שיבנה ביהמ"ק", און דערנאך דער ניגון וואס איז פארבונדן מיט ענינו של רשב"י, וואס דורך אים ווערט אויפגעטאן "בחד קטירא אתקטרנא"[90] בכל העולם כולו - "ניעט ניעט ניקאווא קראמי יעווא אדנאווא".

הש"צ שי' ניגן "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'", ואח"כ "ניעט ניעט ניקאווא".

אח"כ אמר: די וואס דערפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

------ * ------

90) זח"ג רפח, א. רצב, א. וראה לקוטי לוי"צ לזהר שם (ע' תסב ואילך).

הנחת התי' בלתי מוגה

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

ויהי רצון שיראה הרבה נחת משלוחיו, תלמידיו, חסידיו ומכלל ישראל וינהיג את כולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת, ובקרוב ממש נלך, כל בני׳ שליט״א קוממיות לארצנו הקדושה



נדפס ע״י

משפחת נמדר

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-984887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש״פ אמור
ה׳תשמ״ח

●

הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי **ברוקלין, נ.י.**

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

שיחה א':

השלמות לשיחה ב':

בס״ד. משיחות ט״ו אייר (תענית שני תניינא), ל״ג בעומר וש״פ אמור ה'תשמ״ח.

א. ל״ג בעומר איז דער יום הסתלקות[1] און יום הילולא[2] פון רבי שמעון בן יוחאי.

וואס דאס איז איינער פון די טעמים אויף דער שמחה פון ל״ג בעומר, כידוע אז רשב״י האט געזאגט אז ל״ג בעומר (ווען ער איז נסתלק געווארן) איז יום שמחתו[3], און דערפאר איז ״מצוה לשמוח שמחת רשב״י״[4] אין דעם טאג - דער טאג ווען ״כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״ איז עולה למעלה[5], און דאס ווערט נתגלה ומאיר ״בבחי' גילוי מלמעלה למטה כו' ופועל ישועות בקרב הארץ״[6], ועד״ז חזר'ט זיך דאס איבער יעדן יאר אין דעם טאג[7].

ע״פ הידוע אז פון יעדער פאסירונג דארף א איד ארויסנעמען א הוראה אין עבודת ה', ועל אחת כמה וכמה פון א זאך וואס איז פארבונדן מיט אידישקייט, מיט תורה ומצוות (תורה מלשון הוראה[8]) - דארף אויך זיין א לימוד אין עבודת ה' פון ל״ג בעומר, יום הילולא ויום שמחתו של רשב״י ושל כל בני ישראל, אויף א גאנצן יאר.

וואס דאס קען מען זיך אפלערנען פון ״מעשיו ותורתו ועבודתו״ פון רשב״י, וועלכע שטייט בגלוי אין דעם טאג פון ל״ג בעומר.

---

1) פע״ח שער ספה״ע פ״ז. ובכ״מ.

2) אדרא זוטא - זח״ג רצא, סע״א. רצו, ב. וראה גם זח״א ריח, סע״א. וראה ד״ה להבין ענין הילולא דרשב״י - בסה״מ אתהלך לאזניא ע' א. סה״מ תקס״ד ע' קא. מאמרי אדמו״ר האמצעי ויקרא ח״ב ע' תרסו ואילך. סה״מ תרנ״ד ע' רסא ואילך. סה״מ תרע״ח ע' רצא ואילך. ועוד.

3) שער הכוונות ענין ספה״ע דרוש יב. פע״ח שם. וראה זח״ג שם רפז, ב. רצא, סע״א.

4) משנת חסידים מס' אייר פ״א מ״ו.

5) אגה״ק סז״ך (קמז, א-ב). וראה סידור שער הל״ג בעומר דש, ב-ג. ד״ה להבין ענין הילולא דרשב״י שבהערה 2.

6) אגה״ק סכ״ח (קמח, א).

7) ד״הימים האלה נזכרים ונעשים״ (אסתר ט, כח), כפי' האריז״ל (ראה רמ״ז בס' תיקון שובבי״ם, הובא ונת' בס' לב דוד להחיד״א פכ״ט).

8) ראה זח״ג נג, ב. ועוד.

ב. עס ווערט דערציילט אין זהר[9], אז אין דעם טאג פון זיין הסתלקות (ל"ג בעומר) האט רשב"י געזאגט ("פתח רבי שמעון ואמר"): "אני לדודי ועלי תשוקתו[10], כל יומין דאתקטרנא בהאי עלמא בחד קטירא אתקטרנא בי' בקב"ה, נשמתי בי' אחידא בי' להטא בי' אתדבקת"[11].

פון דעם לשון "כל יומין כו'"[12] איז פארשטאנדיק, אז אין דעם איז באשטאנען אן (עיקר) עבודה פון רשב"י כל ימיו "בהאי עלמא" - צו זיין פארבונדן מיט דעם אויבערשטן[13] (נאר בשעת הסתלקותו - האט רשב"י דערגרייכט די שלימות פון דער עבודה).

וויבאלד אז דאס ווערט דערציילט אין תורה (אין זהר), איז פארשטאנדיק אז דערפון איז דא א הוראה צו יעדער איד.

און אע"פ אז רשב"י איז געווען פון די "בני עלי'"[14], ביז אז אם אחד "אנא הוא דכתיב[15] צדיק יסוד עולם"[16], און רובא זיינען אפילו ניט בדרגת רשב"י ("הרבה עשו כר' ישמעאל ועלתה בידם כרשב"י ולא עלתה בידם"[17]) - איז דאך "מי הוא זה ואיזהו"[18] וואס קען זיך גלייכן צו רשב"י, און זיך אפלערנען פון עבודתו, און בפרט די עבודה פון "אתקטרנא בי' בקב"ה, בי' אחידא כו'", וואס אפילו רשב"י האט דערגרייכט די שלימות בזה ערשט בעת הסתלקותו -

פונדעסטוועגן, וויבאלד אז יעדער איד האט אין זיך א כח

---

9) אדרא זוטא - זח"ג רפח, א. רצב, א.

10) שה"ש ז, יא.

11) כן הובא בכ"מ בדא"ח (ראה לקו"ת תבוא מג, סע"א. המשך תרס"ו ד"ה ויכולו (ס"ע מד ואילך). ועוד). והוא חיבור דב' מאמרי רשב"י באדרא זוטא (שבהערה 9) "בחד קטירא אתקטרנא כו'" ו"נשמתי בי' אחידא כו'".

12) וכן מובן ממה שאמר (זח"ג שם) "מסתכל הוינא כל יומא בהאי קרא דכתי בה' תתהלל נפשי ישמעו ענוים וישמחו, והאידנא אתקיים קרא כלא, בה' תתהלל נפשי ודאי דהא נשמתי בי' אחידא בי' להטא בי' אתדבקת" - דאף שדוקא "האידנא (בשעת הסתלקותו) אתקיים קרא כלא", אבל כיון ש"מסתכל הוינא כל יומא בהאי קרא", מובן, שרשב"י השתדל כל ימיו להגיע לדרגא זו, ובודאי הגיע לזה (עכ"פ מעין זה) בחייו (אלא שהשלימות בזה (ו"קרא כלא") נתקיים דוקא "האידנא").

13) והדיוק "בחד קטירא" - ראה לקו"ת ואתחנן יב, סע"ב. סידור עם דא"ח קסג, א. ועוד.

14) סוכה מה, ב.

15) משלי י, כה.

16) זח"א רנה, סע"א.

17) ברכות לה, ב.

18) ע"ד מ"ש בתניא (פמ"ד - סג, א) בנוגע למשה רבינו.

פון רשב"י [כמובן מזה וואס רשב"י איז א ניצוץ פון משה רבינו[19], און יעדער איד האט בחי' משה שבו[20], וואס ווירקט אויף אים ביז אין מעשה בפועל[21]] - קען ער זיך פון אים אפלערנען און נעמען כח צו אויפטאן עכ"פ אן "אפס קצהו ושמץ מנהו"[18] פון דער דרך וצנור חדש וואס רשב"י האט אויפגעעפנט ("פתח[22] רבי שמעון כו' כל יומין דאתקטרנא כו"') - אז ביי אים זאל זיין (מעין פון) "כל יומין כו' אתקטרנא בי' בקב"ה, בי' אחידא בי' להטא בי' אתדבקת", עכ"פ בנוגע צו די תוצאות וואס קומען דערפון ארויס.

ג. ויש לומר דעם ענין אין דעם:

דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט און א מענטשן בפרט אין אן אופן, אז לכתחילה איז ער (בגלוי) א "באזונדער" זאך פון תורה ומצוות. ער דארף ערשט נתחנך ווערן און דערנאך אויסקלייבן ברצונו ובבחירתו דעם דרך התורה והמצוות.

און דעריבער, ווען ער איז שוין בפועל מקיים תומ"צ, קען דאס זיין אין אן אופן אז דער איד איז מקיים תומ"צ בשלימותן, ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות, אבער ער און דער (נותן ה)תורה ומצוות בלייבן צוויי באזונדערע זאכן: ס'איז דא דער "אני" און ס'איז דא "קוני". ד.ה. אז עס הערט זיך אן (אויך בשעת ער איז משמש את קונו) ווי ס'איז דא א מציאות פון א מענטש, "אני", און ער (דער מענטש) איז משמש את קונו.

ועאכו"כ ניט אין דער צייט פון נאכן לערנען און מקיים זיין מצוות, נאר ווען ער פארנעמט זיך מיט משאו ומתנו כו', הערט זיך נאך מערער אן זיין מציאות.

עבודת הרשב"י (באופן פון "כל יומין כו' אתקטרנא בי' בקב"ה כו' בי' אחידא בי' להטא בי' אתדבקת") האט אבער אויפגעטאן א חידוש און אריינגעגעבן דעם כח אין דער עבודה פון

---

19) עמק המלך סב, ד. וראה גם סידור שם דש, ב. שז, ב. ובכ"מ. וראה זח"ג קלב, ב.

20) תניא רפמ"ב. מברכות לג, ב.

21) "ליראה את ה' אלקיך ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבוד את ה"א גו' לשמור את מצוות ה' גו"' (עקב י, יב).

22) ראה ד"ה כי כאשר השמים תרע"ח. ובכ"מ.

יעדער איד, אז נוסף צו עבודת ה' בקיום התומ"צ בתכלית השלימות, קען דאס דורכנעמען זיין גאנצע מציאות, אזוי אז "כל יומין" זאל ביי אים זיין מעין פון "בי' אחידא כו'", ער זאל זיין פארבונדן און פאראייניציקט מיט דעם אויבערשטן [ביז מעין ובדוגמא ווי רשב"י, וואס כל מציאותו האט אנגעוויזן אויף דעם אויבערשטן, ווי רשב"י האט געזאגט[23] - "אנא סימנא בעלמא", זיין גאנצע מציאות איז א סימן אויף דעם אויבערשטן[24]].

ד. וואס דער ענין דריקט זיך אויס צום אלעם ערשטן - אין לימוד התורה פון א אידן:

בא רשב"י איז געווען "תורתו אומנתו"[25] (ביז אז די דוגמא אין ש"ס ופוסקים[26] אויף "תורתו אומנתו" איז פון "רשב"י וחבריו").

מצד סדר העולם (ע"פ תורה) קען א איד לערנען תורה, אבער דאס זאל ניט זיין "אומנתו"[27], "אומנתו" ע"פ תורה קען זיין אין אנדערע ענינים (ניט אין תורה)[28], וואס אויך דעמולט ווערט ער בשעת'ן לערנען פאראייניציקט מיט תורה (און במילא מיטן נותן התורה) אין א "יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו ולא כערכו נמצא כלל כו'"[29]. אבער וויבאלד אז ער פארנעמט זיך אויך מיט אנדערע ענינים, ביז אז אין זיי איז זיין "אומנות" - קען מען ניט זאגן אז דער יחוד איז בשלימות (הגילוי) בכל היום כולו ובכל הענינים (מערניט ווי בזמן הלימוד און אין דער תורה וואס ער לערנט).

משא"כ בא רשב"י איז געווען דער חידוש, אז "תורתו אומנתו": ניט נאר וואס ער האט געלערנט תורה כל היום כולו,

---

23) זח"א רכה, א. וראה סה"מ תקס"ד ע' קי. אוה"ת ויחי שנט, א ואילך. המשך תרס"ו ע' קנט. סה"מ תפר"ח ע' מג. ועוד.

24) ועד שנאמר "מאן פני האדון ה' דא רשב"י" (זח"ב לח, א. נתבאר בסה"מ תקס"ד שם. תרנ"ה ע' נב ואילך. ועוד).

25) שבת יא, א.

26) שבת שם. טושו"ע ושו"ע אדה"ז או"ח סו"ס קו. הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ד-ה.

27) ואדרבה - הרבה עשו כר' ישמעאל ועלתה בידם, כרשב"י (תורתו אומנתו) ולא עלתה בידם, כנ"ל בפנים.

28) ראה קידושין פב, א (במשנה).

29) תניא פ"ה.

נאר זיין ״אומנות״ (וואס איז פארבונדן מיט זיין מציאות) איז תורה.

דעריבער ווערט ער דורך די תורה אינגאנצן נתאחד (אין א יחוד נפלא כו׳) מיט תורה און מיטן נותן התורה[30] - ״אתקטרנא בי׳ בקב״ה, בי׳ אחידא כו׳״[31].

ה. דערפון האט מען דעם ערשטן לימוד וואס יעדער איד קען ארויסנעמען פון עבודת רשב״י, לכל לראש צום אלעם ערשטן - אין לימוד התורה שלו:

אע״פ וואס רוב אידן זיינען ניט בדרגת ״תורתו אומנתו״ במשך כל היום כולו (״הרבה עשו כר׳ ישמעאל ועלתה בידם כרשב״י ולא עלתה בידם״) - גיט אבער דער רשב״י שבכל אחד דעם כח, אז עכ״פ אין די שעות וואס ער לערנט תורה זאל ער אין דעם ליגן אינגאנצן באופן פון ״תורתו אומנתו״, באופן אז ער ווערט דערמיט אינגאנצן פאראייניקט (״בי׳ אחידא״), אזוי אז קיינע זייטיקע זאכן שטערן אים ניט, ווארום בשעת ער לערנט תורה זיינען זיי ניט תופס מקום.

און דער לימוד זאל זיין אין אן אופן, אז ער דערהערט ווי תורה איז ״תורתו״ (בפירוש -) פון דעם אויבערשטן, נותן התורה (ווייל ביי אים איז דא דער ״ברכו בתורה תחלה״)[32].

כולל ובמיוחד - בלימוד תורתו של רשב״י, פנימיות התורה (אנהויבנדיק פון ״האי חיבורא דילך דאיהו ספר הזהר״[33]), ווי דאס ווערט נתבאר אין אן אופן פון ״יתפרנסון״ מיני׳[34] בתורת חסידות חב״ד, און אויך - לימוד נגלה דתורה צוזאמען מיט פנימיות התורה, וואס דערצו האט מען דעם כח פון רשב״י וועלכער האט מחבר געווען נגלה דתורה און פנימיות התורה[35].

---

30) ומטעם זה - גם בתורה עצמה - חיבר רשב״י נגלה דתורה ופנימיות התורה (ראה המשך תרס״ו שבהערה הבאה).

31) ראה המשך תרס״ו שם ס״ע מה ואילך (שמקשר ״בי׳ אחידא״ עם ״תורתו אומנתו״ של רשב״י). וראה גם לקו״ת תבוא מג, א. אוה״ת פינחס ע׳ א׳קכב.

32) ראה נדרים פא, א. ב״מ פה, ריש ע״ב. ב״ח או״ח סמ״ז. וראה רבינו יונה - הובא בר״ן נדרים שם. שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס מז.

33) זח״ג קכד, ב.

34) לשון התקו״ז ת״ו בסופו. וראה הקדמת המקדש מלך לספרו. כסא מלך לתקו״ז שם. ועוד.

35) ראה המשך והחרים תרל״א פכ״ה.

ועד״ז בשעת מ׳איז מקיים א מצוה - ווערט דער איד איין זאך מיט דער מצוה, און מיט דעם נותן המצוות. ד.ה. אז נוסף צו דעם וואס ער איז מקיים א מצוה **בפועל**, איז ניכר אויף אים ווי דאס האט אים אינגאנצן דורכגענומען, ער טוט דאס מיט חיות און תענוג וכיו״ב, ווי א זאך וואס איז א טייל פון זיין לעבן און מציאות.

ו. דערצו האט מען א צווייטן לימוד פון ״בי׳ אחידא כו׳״ דעבודת רשב״י - בנוגע צו די איבעריקע שעות אין טאג, ווען א איד פארנעמט זיך מיט דברי הרשות, אז אויך דעמולט זאל זיין א מעין פון ״בי׳ אחידא כו׳״:

אין דער עבודה בדברי רשות עצמם זיינען פאראן צוויי דרגות (ע״ד ווי די צוויי דרגות הנ״ל אין לימוד התורה וקיום המצוות: אז דער אדם און תומ״צ זיינען באזונדערע זאכן, אדער אז זיי ווערן איין זאך):

(א) ״כל מעשיך יהיו לשם שמים״[36], אז ״כל מעשיך״ (ווי אכילה, שתי׳, שינה, משא ומתן) טוט ער לשם שמים, מיט א כוונה אז דאס זאל ברענגען (דערנאך) צו עבודת ה׳.

(ב) ״בכל דרכיך דעהו״[37], אז אין אלע וועגן פון א מענטשן (״דרכיך״) ווערט ״דעהו״, ניט **צוליב** ״דעהו״[38], נאר אין זיי אליין ״דעהו״[39], אז אין די וועגן אין וועלכע א מענטש גייט אין זיין טאג טעגלעכן לעבן זאל ער אין זיי אליין ״וויסן״ דעם אויבערשטן.

אזוי ווי צום ביישפיל ביי אכילה: נוסף צו דעם וואס זיין עסן איז ״לשם שמים״, **בכדי** ער זאל האבן כח צו דינען דעם אויבערשטן - ווייס ער, אז דאס וואס דורכן עסן באקומט ער כח, איז עס מצד דעם ניצוץ אלקי וואס אין דעם מאכל. [כפירוש

36) אבות פ״ב מי״ב. וראה רמב״ם הל׳ דיעות ספ״ג. טושו״ע או״ח סרל״א.
37) משלי ג, ו. וראה רמב״ם וטושו״ע שם.
38) כפירוש מצו״ד משלי שם: בכל ענינך דע את ה׳, ר״ל תן דעתך לחשוב לעשות מעשיך למען יבוא בדבר תועלת לקיים דבר ה׳. אבל מפשטות לשון הכתוב ״בכל דרכיך דעהו״, מובן שה״דעהו״ הוא ״בכל דרכיך״ עצמם.
39) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 907. ועוד.

האריז״ל[40] עה״פ[41] כי לא על הלחם לבדו יחי׳ האדם כי על מוצא פי הוי׳ יחי׳ האדם, אז דאס וואס דער לחם שפייזט און איז מחי׳ דעם מענטשן איז עס ניט ״הלחם לבדו״, נאר דער ״מוצא פי השם״ וואס איז אין דעם לחם].

ועד״ז אין אלע עניני הרשות, ״בכל דרכיך״, אז אין זיי גופא ווייס ער דעם אויבערשטן.

ובכללות - דורך דעם וואס א איד איז זיך מתבונן (אין תורת הבעש״ט[42]), אז יעדער פרט שבעולם, און יעדער מענטש, און אלע זיינע דרכים וואו ער וועט גיין - ווערן נתהווה בכל ורגע מחדש פון דעם אויבערשטן. און נוסף אויף התהוות כל פרטי הבריאה כולה, איז דער אויבערשטער אויך משגיח אויף זיי בהשגחה פרטית[43], ביז אויך אויף א פרט שבפרט (אפילו ווי א בלעטעלע קערט זיך איבער פון זייט צו זייט).

ובפרטיות - אז אין יעדער פרט פון ״דרכיך״, געפינט ער אן ענין אין ״דעהו״, ידיעת ה׳. וע״ד תורת הבעש״ט[44] אז א מענטש דארף זיך אפלערנען אין עבודת ה׳ - ״דעהו״ - פון יעדער זאך (אפילו א פרט הכי קטן) וואס ער זעט אדער הערט.

אנהויבנדיק פון תחלת היום: מיד כשניעור משנתו[45], גלייך ווען מ׳כאפט זיך אויף פון שלאף, און מ׳קען נאך ניט לערנען תורה[46], איז גלייך ווי מ׳דערפילט אז מ׳לעבט, וואס דאס איז א חלק פון ״דרכיך״ (מציאות האדם) - דאנקט מען אפ דעם אויבערשטן, ״מודה אני לפניך כו׳ שהחזרת בי נשמתי״.

ועד״ז במשך דעם גאנצן טאג, איז יעדער פרט און פרט שבפרט פון ״דרכיך״, אויך בימי החול ווען ער איז פארנומען מיט וואכעדיקייט, בלייבט ניט א באזונדער אפגעטיילטער פרט, נאר דורך יעדעם פון זיי ווערט ״דעהו״.

ז. ויש להוסיף, אז די מעלה אין ״בכל דרכיך דעהו״ אויף ״כל

40) ל״ת להאריז״ל ר״פ עקב.
41) עקב ח, ג.
42) הובא בשעהיוה״א פ״א.
43) ראה כתר שם טוב הוספות סקכ״ו ואילך.
44) ראה כש״ט שם סקי״ט ואילך.
45) סידור אדה״ז בתחלתו.
46) טושו״ע ושו״ע אדה״ז ס״א ס״ו.

מעשיך יהיו לשם שמים" איז (נוסף צו דעם וואס אין "דרכיך" גופא ווייס ער אלקות) אויך בנוגע צו די מדריגה וועלכע ער ווייס: זיין ידיעה איז (ניט נאר אין די דרגא פון "שמים", נאר) דעם אויבערשטן אליין[47]. ווי דער פירוש הפשוט אין "דעהו" - דע אותו[48], עצמותו ית'[49] ("אמיתת המצאו"[50]).

ביז אז "תכלית הידיעה שלא נדעך"[51], כולל דער פירוש אין דעם - אז תכלית הידיעה איז די דרגא וואס "לא נדעך"[52], אז א איד ווי ער שטייט אין זיין מציאות ("דרכיך", **דיינע** דרכים, און דרכים לשון רבים), ווערט ער פארבונדן און פאראייניציקט מיט דעם אויבערשטן.

ולהוסיף, אז דער "דעהו" וואס דארף זיין "בכל דרכיך" איז ניט א ידיעה בעלמא, נאר אין אן אופן פון דעת ("**דעהו**", וואס דעת איז מלשון "**התקשרות והתחברות** (ע"ד "אתקטרנא"), שמקשר דעתו בקשר אמיץ וחזק מאוד ויתקע מחשבתו בחוזק בגדולת אין סוף ב"ה כו'"[53], ד.ה. אז עס נעמט דורך דעם מענטשן אינגאנצן, ביז אז ער ווערט דערמיט איין זאך, "בי' אחידא".

ח. די נתינת כח לכל הנ"ל איז נאך שטארקער ווען מ'שטייט אין דעם שבת וואס קומט נאך ל"ג בעומר, יום הילולא דרשב"י, ווען כל מעשיו ותורתו ועבודתו שטייט בגלוי, ובפרט די עבודה כללית שלו פון "אתקטרנא בי' בקב"ה, בי' אחידא כו'",

וואס ביום השבת ווערט דער "ויכולו"[54] מלשון שלימות און

---

47) ויש לומר, דשני ענינים אלו קשורים זב"ז: "שמים" הוא המדות דז"א (לקו"ת פרשתנו לד, ב. ובכ"מ), ומכיון שלגבי המדות יש נתינת מקום לנבראים לכן נרגשים הם למציאות, ובמילא העבודה היא רק "לשם שמים"; משא"כ לגבי עצמות אוא"ס שלמעלה ממקור לנבראים - מציאות הנבראים עצמה היא אלקות, ולכן העבודה היא "בכל דרכיך דעהו".

48) להעיר ש"בכל דרכיך דעהו" בא בהמשך למש"כ לפנ"ז (פסוק ה) "בטח אל הוי'", דהוי' הוא שם העצם.

49) להעיר מהמבואר לעיל שבכל דרכיך דעהו הוא ע"י ההתבוננות בהחידוש יש מאין בכל רגע - והרי החידוש יש מאין הוא רק בכח העצמות (אגה"ק ס"כ).

50) וכלשון הרמב"ם בריש ספרו: לידע שיש שם מצוי ראשון כו' אמיתת המצאו כו'.

51) ראה בחינות עולם ח"ח פ"ב. עיקרים מ"ב סוף פ"ל. של"ה קצא, ב.

52) ע"ד הפירוש ב"ידעתיו הייתיו" בניחותא (ראה ס' השיחות ה'ש"ת ע' 26 ואילך. וראה סה"ש תש"ה ע' 85. תש"ג ע' 63. שיחת ש"פ אחו"ק בסופה. קונטרס משיחת ש"פ צו תשמ"ו הערה 26).

53) תניא ספ"ג.

54) בראשית ב, א.

מלשון תענוג[55] אין די אלע טעג פון דער פארגאנגענער וואך, כולל ובמיוחד - א יום סגולה ווי ל״ג בעומר.

ובפרט בשנה זו, ווען ל״ג בעומר איז געווען במקמי שבתא*55, און דעמולט גופא - ביום החמישי, בתוך השלשה ימים בלי הפסק פאר שבת.

און דאס איז נאכמער בהדגשה דורך דעם וואס דער תוכן פון שבת איז פארבונדן מיט דער עבודה פון רשב״י, כידוע אז רשב״י במיוחד האט מען אנגערופן בשם ״שבת״[56] (נוסף צו דעם וואס א תלמיד חכם בכלל ״איקרי שבת״[57]):

דער אונטערשייד צווישן שבת און חול איז, אז בימי החול איז די וועלט אין א מצב וואס זי איז מעלים ומסתיר אויף אלקות. זי הערט זיך אן פאר א מציאות בפני עצמה[58]. משא״כ בשבת איז עליית העולם, דער הסתר איז פיל קלענער, עס הערט זיך אן אין וועלט אז זי ווערט באשאפן פון דעם אויבערשטן.

ויש לומר, אז דאס איז דער פירוש הפנימי פון דעם וואס עס שטייט אין חינוך[59] אז דער טעם אויף מצות שבת איז ״כדי לקבוע בנפשותינו אמונת חידוש העולם״ - אז בשבת איז מער בגילוי דער ענין פון חידוש העולם בכל רגע ורגע[60].

דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשבת איז די עבודה פון ״בכל דרכיך דעהו״ א סך לייכטער. [ויתירה מזו: דורך אכילה ושתי׳ בשבת איז מען מקיים מצות עונג שבת[61]. ניט נאר וואס ס׳איז דא אין דעם דער ״דעהו״, אז אין די דברים הגשמיים זעט מען דעם כח

---

*55) ראה פסחים קו, א.

55) ראה אוה״ת בראשית ד״ה ויכולו - מב, ב ואילך. תקח, א ואילך. ועוד.

56) זח״ג קמד, ב.

57) זח״ג כט, א. וראה שבת קיט, א.

58) ראה ספהמ״צ להצ״צ מצות מילה (ח, א), ש״לכן גם האדם נצטווה לעשות מלאכתו בו׳ ימות החול כדי שיהנה מיגיע כפו ויתראה כאילו הוא יש בפ״ע...שזוהי ההעלם דחול״.

59) מצוה לא-לב.

60) ואף שבחינוך שם, שע״י שמירת שבת נקבעה אמונת חידוש העולם - יש לומר, דזה גופא (שע״י שמירת שבת נקבעה האמונה) הוא מפני שבשבת עצמו מאיר ענין זה. וע״ד מ״ש בספהמ״צ מצות חמץ ומצה (כג, ב) בנוגע להטעם על אכילת מצה שבספר החינוך, ש״הגליא שבתורה הוא כפי הסתום״. עיי״ש.

61) ראה טושו״ע ושו״ע אדה״ז או״ח סרמ״ב ובנ״כ. וש״נ. וראה תו״א ר״פ חיי שרה. סה״מ תרס״ג ע׳ ס ואילך. ובכ״מ.

אלקי וואס באשאפט זיי מאין ליש, נאר זיי ווערן א **מצוה**, קיום הרצון פון דעם אויבערשטן אליין ווי ער איז העכער פון ענין הבריאה[62]].

דער אויפטו פון רשב"י איז געווען, כנ"ל, אז "כל יומין", אויך אין ימי החול - זאל נמשך ווערן פון קדושת שבת, אזוי אז אין יעדער פרט אין "דרכיך" ("מלאכתך") פון וועלט[63], אויך אין אכילת חול און אין אלע דברי רשות, זאלן זיי געטאן ווערן ניט נאר לשם שמים, נאר אין איר גופא זאל זיין "דעהו", ביז באופן פון "בי' אחידא כו'", התקשרות מיט עצמותו ית', מצד דעם וואס מ'דערהערט ווי יעדער זאך אין וועלט ווערט נתחדש בכל רגע ורגע פון מהותו ועצמותו ית'.

דעריבער ווערט רשב"י אנגערופן בשם "שבת"[64], ווייל אין עבודה האט ער אויפגעטאן דאס וואס שבת טוט אויף - דער גילוי פון "דעהו" אין כל העולם כולו.

ט. ויש לקשר ענין הנ"ל מיט די ערשטע משנה פון היינטיקן פרק בפרקי אבות - פרק רביעי:

אין דער ערשטער משנה [די התחלה און "ראש"[65]] פון פרק **רביעי**[66] זיינען פאראן **פיר** בבות: "איזהו חכם כו', איזהו גבור כו', איזהו עשיר כו', איזהו מכובד כו'".

שטייט אין כתבי האריז"ל[67], אז די פיר בבות זיינען כנגד די פיר אותיות פון שם הוי'[68]. וז"ל: "פה נרמז יחוד השי"ת בד'

62) להעיר מהמבואר בכ"מ שהבירור דדברי הרשות מגיע בבחי' לבוש מלכות, ועשיית המצוות בבחי' כתר מלכות (סה"מ תרס"ב ע' שלח ואילך. סה"מ תש"ה ע' 78) - והרי גם כשעשיית דברי הרשות היא באופן ד"בכל דרכיך דעהו" היא בכל עבודת הבירורים, כמובן גם מהמבואר שם (סה"מ תש"ה ע' 79) "המצוות הן רק תרי"ג ועם ז' מצוות דרבנן הן תר"ך...בירורים דנוגה אינם בחשבון המצוות" ועצ"ע. ואכ"מ.

63) ובכללות בהג' ענינים שבזהר פרשתנו (צד, א) - "כל שאר יומין (ימי החול) הויתון כל חד וחד בביתי' דא עביד עבידתי' ודא אזיל בסחורתי' ודא אזיל בחקלי'", שהם כנגד ג' עולמות בי"ע (לקוטי לוי"צ לזהר שם). ווי"ל בעבודה - כנגד מחשבה דיבור ומעשה, שבהם נכלל "כל דרכיך" של האדם. ובכל דרגות אלו צ"ל "דעהו" - העלי' דשבת. וראה לקמן בפנים ס"ט ואילך.

64) וזוהי גם דרגת התורה (וכמאחז"ל לכולי עלמא בשבת ניתנה תורה - שבת פו, ב. וראה תו"א יתרו ע, ג. ויקהל פח, א ואילך), ובפרט תורתו של רשב"י "תורתו אומנתו".

65) הכולל כל הפרק, כמו ראש האדם הכולל חיות של כל אברי האדם.

66) וכולל **כב** משניות.

67) שער מאמרי רז"ל ולקוטי הש"ס לאבות כאן.

68) עד שנקרא שם בן **ארבע** (קידושין עא, א. ועוד. וראה מו"נ ח"א פס"א.

אותיות הוי'[69], איזהו חכם הלומד מכל אדם כנגד אות י' שבחכמה[70], איזהו גבור כנגד אות ה' שבבינה שנקראת גבורה בסוד אני[71] בינה לי גבורה[72], איזהו עשיר כנגד אות ו' שבתפארת הנקרא עשיר כו'[73], איזהו מכובד כנגד אות ה' תתאה הנקראת כבוד כנודע"[74]. און ער איז מסיים: "והאדם הקורא משנה זו יכוין ביחוד הזה".

דארף מען פארשטיין:

אפילו בשעת מ'איז מפרש א משנה ע"ד הסוד - איז דאס ניט שולל דעם פירוש ע"ד הפשט און דעם כלל אז "אין ענין יוצא מדי פשוטו". ואדרבה: דער פירוש ע"ד הפשט (כנגד עולם העשי') ווערט נשתלשל פון דעם פירוש ע"ד הסוד (כנגד עולם האצילות[75]). ובנדו"ד, אז די פיר סוגים ותכונות אין שלימות פון מענטשן (חכם, גבור, עשיר און מכובד) ווערן נשתלשל פון די ד' אותיות פון שם הוי'.

עפ"ז פאדערט ביאור: וואס איז די שייכות פון די פיר תכונות בא מענטשן מיט די ד' אותיות פון שם הוי'?

נאכמער: לויט דעם פירוש האריז"ל זיינען די ד' בבות ניט נאר א רמז אויף "יחוד השי"ת בד' אותיות הוי'", נאר "האדם הקורא משנה זו **יכוין** ביחוד הזה". שטעלט זיך די שאלה: וואס

וראה פרדס שער יט הנקרא שער "שם בן ד'").

- ולהעיר שגימטריא הוא דרך הלימוד ע"פ תורה (אף שהלכה אין למדים מגימטריא שלכן לא הובא ברמב"ם (רפ"ג דהל' נזירות - שיעור דיום זה) הלימוד ד"יהי' בגי' תלתין הוו" בנוגע להדין ד"סתם נזירות שלשים יום" - ראה פי' הרדב"ז לרמב"ם שם. - להעיר שבהלכות עצמן - ממונא מאיסורא לא ילפינן (כתובות מ, ב. קידושין ג, ב. וש"נ).

69) ובלקוטי הש"ס שם מוסיף: שהם עולמות אבי"ע.

70) ובלקוטי הש"ס: איזהו חכם שהוא עולם האצילות אשר שם הוא אבא עילאה וז"ש מכל מלמדי השכלתי כי היסוד דאצילות משם חיות כל העולמות בסוד כולם בחכמה עשית (תהלים קד, כד).

71) משלי ח, יד.

72) ובלקוטי הש"ס: דדינין מתערין מינה כו'.

73) ובלקוטי הש"ס: איזהו עשיר שהוא שמח בחלקו כנגד הזעיר שבו ה' חסדים שהם מורים על העושר ושמח בחלקו אע"פ שנותנים בידו חלק הנוקבא שמח בחלקו ונותן לה חלקה. וז"ס ישמח משה במתנת חלקו.

74) ובלקוטי הש"ס: ואיזהו מכובד הוא כנגד הנוקבא בסוד ובהיכלו כלו אומר כבוד, ושם שייך לומר כי מכבדי אכבד ובוזי יקלו ווי למאן דאנהיג וגו'.

75) ראה ע"ח - הובא בנגיד ומצוה בתחלתו. נהר שלום בהקדמת רחובות הנהר בסופו. משנת חסידים מס' חיוב הנשמות פ"א מ"ב. הובא ונת' בלקו"ד ח"ד תשעא, א.

איז די שייכות פון דער כוונה ביחוד שם הוי' מיט דער כוונה פשוטה אין משנה - צו לערנען א מענטשן ווי ער זאל זיין א חכם וגבור וכו'?

איז דער ביאור אין דעם מובן ע"פ המדובר לעיל בנוגע "בכל דרכיך דעהו":

די תכלית פון אלע תכונות ומעלות האדם (שכללותם - חכם, גבור, עשיר ומכובד), איז ניט נאר אז דער **אדם** זאל **דורך דעם** צוקומען לידי שלימות, נאר אז אין דעם זאל זיין "דעהו", א ידיעה אין דעם אויבערשטן, ביז אז מ'ווערט דורך דעם **פארבונדן** מיטן אויבערשטן ("אתקטרנא בי' כו'").

ויש לומר אז דאס איז דער תוכן אין דעם וואס דער אריז"ל זאגט אז "האדם הקורא במשנה זו יכוין ביחוד הזה", ווי די ד' תכונות בשלימות האדם זיינען מרמז אויף "יחוד השי"ת בד' אותיות הוי'":

ס'איז ניט גענוג אז א מענטש זאל זיך אפלערנען פון דער משנה ווי ער זאל צוקומען צו שלימות (אין חכמה, גבורה, עשירות און כבוד), כפירוש המשנה ע"ד הפשט, נאר ער דארף דורך דעם אויך ארויסלערנען אז די פיר מעלות אין אן אדם נעמען זיך (און קיימים) פון דעם וואס דער אדם איז על שם אדמה לעליון[76], און למעלה אין דעם אדם העליון זיינען פאראן די פיר מעלות, (כנגד) די ד' אותיות פון שם הוי', וואס אין זיי[77] שטעלט זיך אויס און פון זיי ווערן נשתלשל גאנץ סדר השתלשלות, די ד' עולמות אבי"ע, ובפרטיות בכל עולם - שטעלט זיך אויס כל העולם אין פיר דרגות (כנגד ד' אותיות דשם הוי'): חכמה, בינה, מדות (וואס עיקר המדות איז - תפארת) און מלכות[78],

ביז אז "נשתלשלו מהן" אין די עשר כחות הנפש פון א מענטשן[79], ביז אין "דרכיך" של האדם, וואס טיילט זיך בכללות אין די פיר דרגות - "חכם", "גבור", "עשיר" און "מכובד", כנגד

---

76) עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח"א פל"ג. של"ה ג, א. כ, ב. ועוד.
77) ראה אגה"ת פ"ד. ובארוכה בכל זה - ראה ספר הליקוטים דא"ח צ"צ ערך הוי', שם ס"ט ואילך. וש"נ.
78) ראה אוה"ת בלק ע' תתקפ ואילך.
79) תניא רפ"ג.

כח החכמה שבהאדם, כח הבינה, מדות, און מלכות.

און די עבודה פון א אידן באשטייט פון "בכל דרכיך דעהו", אז אין יעדערער פון די פיר מעלות שלו (וואס אין זיי איז בכללות נכלל "כל דרכיך") זאל זיין "דעהו" אין דער דרגא למעלה וואס פון אים איז נשתלשל געווארן די מדה.

יא. והביאור בזה - בפרטיות:

עניני האדם טיילן זיך בכללות אויף פיר סוגים: א) ווי א מענטש שטייט פאר זיך, אפגעטראגן אפילו פון התפשטות השכל והכחות שלו. ב) ווי ער האט א שייכות מיט התפשטות השכל והכחות. ג) ווי ער איז משפיע צו אנדערע דורך זיינע (שכל ו)מדות. ד) ווי ער איז מקבל פון אנדערע.

די ערשטע דרגא איז חכמה שבנפש - וועלכע גייט אויף דער דרגא אין א מענטשן ווי ער שטייט פאר זיך, און אפילו ווען ער האט שוין א הברקה בשכל, איז דאס נאר א נקודה כללית, און האט נאך קיין שייכות ניט מיט התפשטות והתרחבות השכל בפרטים באופן של הסברה כו' (פאר זיך און פאר אנדערע), ועאכו"כ אז ער האט נאך קיין שייכות ניט מיט מדות (השפעה אל הזולת) און די אנדערע כחות האדם.

וואס דאס ווערט נשתלשל פון ספירת החכמה למעלה (ובכללות - עולם האצילות), וואס איז אצלו[80], העכער פאר די ספירות שלמטה ממנה, ובפרט די העכערע דרגא אין חכמה (פנימיות החכמה)[81], וואס איז אפגעטראגן פון די עשר ספירות, אויך פון חכמה ווי זי איז ראשית הגילוי וראשית ההשתלשלות; ניט בערך צו די ספירות למטה ממנה. און אויך ווי חכמה איז ראשית הגילוי, איז זי נאר א נקודה (ווי צורת אות י') ניט ווי די ספירות למטה ממנה.

און אויף דעם האט מען דעם לימוד אין משנה - "איזהו חכם הלומד מכל אדם" - ומלמטה למעלה, פריער דער לימוד ע"ד הפשט, דערנאך קומט מען דערפון צו "דעהו", ביז ווי דאס איז אין חכמה למעלה:

---

80) ראה פרדס שער אבי"ע בתחלתו.

81) ראה קונטרס ומעין מאמר כז פ"ב. רד"ה וירד העיט תרנ"ח. ובכ"מ.

שלימות החכמה ביי א מענטשן (אפילו ווי ער שטייט פאר זיך) איז בשעת ער איז "לומד מכל אדם": דער סימן פון אן אמת'ער חכם, אז אפילו ווי ער שטייט פאר זיך אליין, אפילו איידער ער האט פון א צווייטן מענטשן אן ענין בשכל אדער בדיבור בכלל, שטעלט ער זיך אוועק אין אן אופן, אז ער איז "לומד מכל אדם", ער לערנט זיך אפ פון דעם עצם ענין וואס ער (טרעפט און) זעט דעם צווייטן מענטשן בכלל (וואס דאס איז דאך בהשגחה פרטית), און לערנט זיך אויך פון די פרטים וואס ער זעט אין יענעם, כתורת הבעש"ט אז אויך פון יעדער זאך וואס א מענטש זעט (אפילו אויב ער הערט נאך ניט א ווארט פון צווייטן) קען ער ארויסנעמען א הוראה אין עבודת ה' ("בכל דרכיך דעהו").

און די משנה גיט צו א ראי' פון פסוק - "מכל מלמדי השכלתי"[82], וואס דאס איז מוסיף, אז דער לימוד "מכל אדם" דארף זיין ניט נאר בנוגע צו אן ענין של מעשה, נאר אויך בנוגע צו "השכלתי", שכל (וחכמה של) האדם, אז פון "כל אדם" נעמט ער ארויס (און לערנט זיך אפ) חכמה. וי"ל, ע"ד ווי "מתלמידי יותר מכולם"[83].

און דערפון לערנט מען אויך אפ בנוגע צו חכמה שלמעלה, אז שלימות החכמה ווערט נתגלה בשעת (פון איר קומען ארויס בגלוי אלע עשר ספירות און גאנץ סדר השתלשלות, און) מ'איז מגלה און מ'נעמט ארויס בחי' חכמה אין אלע ענינים[84], וואס נעמען זיך אלע פון חכמה, "כולם בחכמה עשית". ע"ד ווי "מתלמידי יותר מכולם"[85].

יב. די צווייטע דרגא אין כחות הנפש איז - התפשטות והתרחבות השכל שבבינה (וואס קומט לאחרי נקודת השכל שבחכמה), וואס דאס איז שוין ווי א מענטש ברענגט אראפ זיין שכל אין אותיות ופרטים של הסברה (פאר זיך און פאר אנדערע).

וואס דאס ווערט נתשלשל פון ספירת הבינה, כנגד דעם אות ה"א פון שם הוי' - ווייל דער ענין פון התפשטות והרחבת השכל

---

82) תהלים קיט, צט.
83) תענית ז, א.
84) ראה תו"א מקץ מ, ד. ועוד.
85) ראה לקוטי הש"ס דלעיל הערה 69.

איז ווי צורת אות ה' (ביחס צו דער נקודה פון אות י').

און אויף דעם קומט די הוראה אין משנה - "איזהו גבור הכובש את יצרו":

ווער איז דער אמת'ער גבור, ווען ווייסט מען אז ער האט א אמת'ע התרחבות בשכל (בינה) - בשעת ביי אים איז דא די התגברות פון שכל, מוח שליט על הלב[86], און ער איז "כובש את יצרו", וואס יצר האדם איז בלבו[87], ובכדי אים כובש זיין, דארף מען אנקומען צו א העכערע דרגא, מוחין, ובזה גופא - התרחבות המוחין בבינה, וועלכע איז שליט על הלב, און דורכן לב - וואס לבא פליג לכולא שייפין[88] - איז ער כובש דעם עיר קטנה זה הגוף[89], ווי די משנה איז ממשיך די ראי' פון פסוק[90] "טוב ארך אפים מגבור ומושל ברוחו **מלוכד עיר**".

און דאס שפיגלט אויך אפ ספירת הבינה שלמעלה, אז די אמת'ע שלימות פון בינה איז בשעת בינה איז גובר און פירט אן מיט די מדות.

יג. דערנאך קומען די מדות האדם, וואס דורך זיי באקומט דער מענטש א שייכות מיט אנדערע מענטשן[91], דורך זיינע מדות איז ער משפיע אל הזולת (משא"כ שכל איז לעצמו און ער דארף אויף דעם ניט קיין זולת)[92].

וואס זיי ווערן נשתלשל פון די מדות שלמעלה. וועלכע זיינען כנגד דער אות ו' - די ו' מדות, און אויך צורת אות ו' איז א קו, וואס ווייזט אויף א המשכה והשפעה למטה פון דעם י' (דער ראש פון אות ו'), אזוי ווי די מדות וואס ווערן נמשך למטה פון מוחין, ביז אז דורך זיי איז מען משפיע אל הזולת.

און דערפאר ווערן די מדות אנגערופן "עשיר", ווייל אזוי

86) ראה תניא פי"ב.
87) תניא פ"ט.
88) ראה זח"ג רכא, ב.
89) נדרים לב, ב. וראה תניא פ"ט ואילך.
90) משלי טז, לב.
91) ע"ד השייכות דלמעלה ועולם, "עולם - חסד יבנה", ז' ימי הבנין (ראה אוה"ת לתהלים (יהל אור) ע' שיד ואילך. סה"מ תש"ח ע' 273).
92) ראה סה"מ תש"ח שם. ובכ"מ.

ווי אן עשיר איז משפיע צו אנדערע, אזוי זיינען די מדות האדם משפיע צו אנדערע (משא"כ מלכות איז בחי' מקבל, וועלכע ווערט אנגערופן "עני").

און דאס איז אויך דער דיוק אז אן עשיר איז שמח "**בחלקו**": מדות זיינען "חלקו" של האדם, וואס "חלקו" ווייזט אז דאס איז ניט דער עצם האדם ווי ער איז לעצמו (אזוי ווי שכל האדם), נאר א חלק בענין שמחוץ ממנו - זיינע מדות וועלכע האבן א שייכות מיט א זולת שמחוץ ממנו.

און אויף דעם קומט הוראת המשנה "איזהו עשיר השמח בחלקו" ווען איז ער אן אמת'ער משפיע לאחרים (עשיר), בשעת ער איז "שמח בחלקו", אז כאטש זיינע מדות זיינען נאר בבחי' "חלק", אעפ"כ, וויבאלד אז דאס איז "חלקו" (זיין חלק), ווארום דאס קומט פון "יגיע כפיך" (ווי די ראי' פון פסוק[93]) - דעריבער איז ער דערמיט "שמח", ובאופן פון "אשריך וטוב לו, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא" - צוויי מאל טוב, ע"ד טוב לשמים וטוב לבריות, ווייל ער איז אן עשיר וואס איז משפיע אל הזולת (בריות), און איז אויך "שמח בחלקו" (ע"ד ווי טוב לשמים).

און דערפון לערנט מען אפ בנוגע צו מדות פון דעם אדם העליון - אז די שלימות המדות צו משפיע זיין איז בשעת זיי זיינען "שמח בחלקו".

יד. די פערטע און לעצטע דרגא איז מלכות, וואס גייט אויף דעם כח המקבל וואס איז דא אין יעדער מענטש - ווי ער איז מקבל פון די ארום אים.

וואס דאס ווערט נשתלשל פון ספירת המלכות שלמעלה, וועלכע איז כנגד דער ה"א האחרונה פון שם הוי', וואס איז כצורת כלי המקבל.

און דערפאר גייט דאס אויף דער ענין פון **כבוד** - "איזהו מכובד": כבוד איז אנדערש פון די ערשטע דריי זאכן (חכמה, גבורה און עשירות) דערמיט - וואס א מענטש דארף **באקומען** (מקבל

93) תהלים קכח, ב.

זיין) כבוד פון א צווייטן, ס׳איז ניט שייך אז ער זאל זיך אליין מכבד זיין, משא״כ חכמה, גבורה און עשירות זיינען מעלות אין דעם מענטשן אליין.

זאגט אויף דעם די משנה - ״איזהו מכובד המכבד את הבריות״, וואס דעמולט באקומט מען כבוד פון דעם צווייטן מדה כנגד מדה[94]. און די ראי׳ לזה איז פון פסוק[95] - ״כי מכבדי אכבד״. און די משנה ברענגט אויך דעם סיום הכתוב בצד השלילה - ״ובוזי יקלו״, ווייל היות אז עס רעדט זיך וועגן דרגת המקבל, בחי׳ עני, דארף מען באווארענען אויך דעם אופן ההיפך[96].

און דערפון לערנט מען אפ בנוגע צו ספירת המלכות שלמעלה, אז די אמת׳ע כבוד פון מלכות איז, בשעת מלכות (דאצילות) איז יורד לבי״ע און משפיע צו די נבראים למטה (״בריות״), דעמולט באקומט מלכות איר אמת׳ע כבוד.

טו. און לאחרי ווי מ׳לערנט אלע פיר בבות - קומט צו נאך א לימוד, אז שלימות האדם איז בשעת ער האט שלימות אין אלע פיר ענינים, סיי חכם, סיי גבור (בינה), סיי עשיר (מדות) און סיי מכובד (מלכות), ד.ה. סיי ווי ער שטייט פאר זיך, סיי ווי זיין שכל ווערט נתגבר ונתפשט און איז שליט על הלב, סיי זיין כח ההשפעה ע״י המדות, און סיי זיין כח המקבל, אַבער כח המעשה.

און דערפון לערנט ער אויך אפ אין ״דעהו״, אז שלימות ההשתלשלות איז בשעת ס׳איז דא אלע ד׳ אותיות פון שם הוי׳, ובכללות - אלע ד׳ עולמות, אצילות בריאה, יצירה, און אויך עשי׳, ואדרבה - ״תכלית ההשתלשלות העולמות כו׳ אינו בשביל עולמות העליונים כו׳, אלא התכלית הוא עוה״ז התחתון כו׳״, וואו מ׳מאכט א דירה בתחתונים[97].

וע״ד המבואר בכ״מ[98] אין דעם חילוק צווישן ג׳ און ד׳: שלימות אין השפעה איז דורך ג׳. ביז אז דאס טוט אויך אויף א תוקף בעמידת העולם - ״על שלשה דברים העולם עומד״ און ״העולם

94) ראה סנהדרין צ, סע״א.
95) שמואל-א ב, ל.
96) ראה לעיל הערה 73. 97) תניא פל״ו.
98) לקו״ש חי״ז ע׳ 202 ואילך. חי״ח ע׳ 322 ואילך. חכ״ו ע׳ 46 ואילך. קונטרס משיחות ש״פ קרח תשמ״ז ס״ב ואילך. - ע״פ צפע״נ עה״ת ר״פ ויצא (ממו״נ ח״ב פ״י).

קיים"[99]; אבער אין עולם עצמו - שטעלט זיך אויס בארבע (ד' דאחד, ד' רוחות העולם); תכלית השלימות איז דוקא בשעת מ'האט אויך די דרגא הרביעית, בחי' המקבל (מלכות, עולם העשי') [ועל דרך משל אין א כסא אדער שולחן גשמי: בדוחק קען א כסא שטיין אויף דריי פיס, אבער שלימות ותוקף העמידה איז דוקא אויף פיר פיס] - די ד' רגלי המרכבה, אויך דער רגל הרביעי[100] פון דוד[101].

* * *

טז. דער סיכום פון כל הנ"ל בנוגע לפועל - אין "והחי יתן אל לבו"[102]:

קומענדיק פון ל"ג בעומר איז כדאי אז מ'זאל ארויסקומען מיט א שטורעם (של קדושה) און מפרסם זיין בכל מקום וואו אידן געפינען זיך - דעם לימוד ונתינת כח וואס יעדער איד האט פון רשב"י אויף דעם ענין פון "בכל דרכיך דעהו", אז אין אלע איינצלהייטן פון דעם טאג-טעגלעכן לעבן זאל מען "וויסן דעם אויבערשטן", און זיך פארבינדן דורך דעם מיטן אויבערשטן, אין אן אופן פון "אתקטרנא בי', בי' אחידא כו'".

יז. און ס'איז זעלבסטפארשטאנדיק, אז די הוראה פון "בכל דרכיך דעהו" איז פאר יעדער איד, מאן פרוי און קינד, ואדרבה - בל"ג בעומר זעט מען א הדגשה מיוחדת אויף די פעולות מיט קינדער,

[ווי מ'האט געזען דעם יאר די גרויסע הצלחה אין דעם, און א גאר גרויסע, ובמיוחד במקומות וואו עס איז געווען "יגעתי", וואס דעמולט איז געווארן "מצאתי"[103]],

וואס אויך זיי קען מען מסביר זיין אין "זייערע" אותיות די הוראה פון "בכל דרכיך דעהו", ווי מ'לערנט עס אפ פון רשב"י, כנ"ל בארוכה.

ויש להוסיף א הדגשה בדבר פון התחלת פרשתנו ובפרש"י:

---

99) אבות ריש וסוף פרק א.
100) ושלימא דאבהן - הוא רגל הג' יעקב (זח"א רמח, ב. ח"ג רסב, ב).
101) ולהעיר שדוד הוא ר"ת וס"ת ד'.
102) קהלת ז, ב. וראה רמב"ם הל' אבל ספי"ג.
103) מגילה ו, ב.

״אמור גו׳ ואמרת״ - ״להזהיר גדולים על הקטנים״,

וואס דורך דעם קומט אויך צו זהירות בא די גדולים[104] בפשטות און כולל אויך ״להזהיר״ מלשון ״והמשכילים[105] יזהירו כזהר הרקיע״[106], אז דורך דעם וואס די ״משכילים״ (די גדולים בידיעת התורה, ״היא חכמתכם גו׳״[107]) זיינען מזהיר די קטנים, ווערט אין זיי (א הוספה אין) ״יזהירו״, און אזא ליכטיקייט וועלכע איז ״כזהר הרקיע״!

יח. צווישן די ענינים שהזמן גרמא פון ״בכל דרכיך דעהו״ וואס מ׳דארף באווארענען ובמיוחד בנוגע צו קינדער - איז:

א) מ׳זאל זיך משתדל זיין אז יעדער אידיש קינד זאל זיין דעם חג השבועות אין א בית הכנסת (לכל הפחות) בעת קריאת עשרת הדברות, ווי גערעדט אין די פריערדיקע יארן בארוכה[108].

ב) שטייענדיק געציילטע וואכן פאר דעם זמן פון (דעם אזוי-גערופענעם) ״חופש״, בזמן הקיץ, ווען קינדער האבן ניט דעם געוויינלעכן סדר אין חדר, תלמוד תורה, ישיבה וכיו״ב - דארף מען שוין גלייך טאן אלץ מעגלעך צו באווארענען אז אידישע קינדער זאלן אויסנוצן דעם חופש פון עניני חול, אויף מוסיף זיין אין קדושה און תומ״צ און כולל בפרט אין ״בכל דרכיך דעהו״, דורך איינווירקן אויף די עלטערן, אז מ׳זאל שיקן די קינדער אין א מחנה קיץ הכשר ועל טהרת הקודש, וועלכער איז דורכגענומען מיט אידישקייט, אהבת ה׳ ויראת ה׳ וכו׳.

און די השתדלות אין דעם דארף זיך שוין אנהויבן איצטער, ווייל וואס נעענטער עס ווערט צו דעם זומער, אלץ מערערע עלטערן האבן שוין מחליט געווען וואו צו שיקן די קינדער, און דעמולט איז שוין שווערער בייטן זייער דיעה, מ׳דארף דערצו האבן מער טירחא און מער הוצאות וכו׳, כמובן ופשוט.

---

104) וע״ד והשיב לב אבות על בנים - ע״י בנים (סוף מלאכי ובפרש״י).
105) דניאל יב, ג.
106) ולהעיר מהשייכות לרשב״י - כמאמר רעיא מהימנא לרשב״י (זח״ג קכד, וראה גם שם קנג, ב. ועוד) והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע בהאי חיבורא דיל דאיהו ספר הזהר. ויש לומר, שזהו גם מהטעמים על זה שהתחלת התקו״ז והזהר היא בפסוק זה דוהמשכילים יזהירו גו׳.
107) ואתחנן ד, ו.
108) לקו״ש חכ״ג ע׳ 249 ואילך. ועוד.

יט. וזכה דורנו אז כל הענינים הנ"ל זיינען לייכטער אויפטאן ווי אין די דורות שלפני זה, ווייל כמה וכמה ענינים באקומט מען בדרך ממילא, אן הארעוואניע כו',

דהגם אז "לפום צערא אגרא"[109], און בא חסידים איז "בדרך ממילא" ניט קיין סדר (כידוע די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[110]) - דארף מען אבער נעמען די ענינים וואס קומען בדרך ממילא, און דעמולט נוצט מען אויס אלע כחות און יגיעה אויף נאך העכערע ענינים. ע"ד דער סיפור מיטן צ"צ[111], אז ער האט איבערגעטראכט אויף דעם וואס ער האט לכתחילה ניט געוואלט נעמען פון אלטן רבי'ן התמדה ושקידה בלימוד התורה בדרך מתנה - נאר אדרבה נעמען וכו', און וויפל ער וועט באקומען בדרך מתנה, קען ער און וועט דערנאך אויסנוצן כל העבודה בכח עצמו אויף מערער און מערער.

כ. ויה"ר אז דורך די הוספה אין דעם ענין פון "בכל דרכיך דעהו", זאל דאס שוין ברענגען דעם "מלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים"[112], ביז אז בכל העולם כולו - וועט מען זען אלקות בגלוי, "ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך"[113], און "כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם"[114], אין דער דירה לו יתברך בתחתונים,

און פון פ' אמור גו' ואמרת, להזהיר גדולים על הקטנים, קומט מען צו תפלת מנחה, וואס "לעולם יהא אדם זהיר בתפלת המנחה כו'"[115], ובפרט מנחה בזמן רעוא דרעוין, און דערנאך - צו סעודתא דדוד מלכא משיחא[116], צוזאמען מיט משיח צדקנו,

והקיצו ורננו שוכני עפר[117], ובתוכם ובראשם - דער רשב"י און כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וכל הנשיאים שבינתיים, ממלאי מקומו, ומתוך שמחה וטוב לבב.

109) אבות ספ"ה.
110) ס' השיחות תש"ב ע' 119.
111) ראה גם לקו"ש חכ"ד ע' 561.
112) ישעי' יא, ט. וראה רמב"ם סוף הל' מלכים.
113) ישעי' ל, כ. וראה תניא פל"ו.
114) ירמי' לא, ג.
115) ברכות ו, ב.
116) סידור האריז"ל (לר"ש מרשקוב).
117) ישעי' כו, יט.



א. "והחי יתן אל לבו"[1] לכל לראש פון התחלת וראש הסדרה [וואס איז כולל כל הסדרה], און מיט פרש"י על זה:

אויף "אמור אל הכהנים ואמרת אליהם" איז רש"י מעתיק די ווערטער "אמור אל הכהנים" און איז מפרש: "אמור ואמרת להזהיר גדולים על הקטנים".

דער דיוק פון פרש"י איז בפשטות פון דעם וואס עס שטייט אמירה צוויי מאל - "אמור גו' ואמרת". און דערפאר איז רש"י מפרש, אז נוסף צו די אמירה אל הכהנים בנוגע לעצמם, קומט א צווייטער אמירה ("ואמרת") צו מוסיף זיין, "להזהיר גדולים על הקטנים".

און דאס וואס רש"י איז מעתיק אין דיבור המתחיל אויף דעם ווארט "אמור", אע"פ וואס דער דיוק איז פון דעם יתור "ואמרת", האט ער לכאורה געדארפט מעתיק זיין נאר דעם ווארט - איז, ווייל מיט מעתיק זיין "אמור" (דער ערשטער לשון של אמירה בפסוק זה) איז דאס נאכמער מדגיש ווי "ואמרת" איז א יתור הלשון.

מ'דארף אבער פארשטיין דער דיוק אין לשון רש"י "להזהיר":

וואס איז דער מקור פון רש"י אויף דעם לשון - אין פסוק שטייט דאך נאר א לשון של אמירה, וואלט דאס לכאורה מער געפאסט צו שרייבן "לומר", "לדבר", "לצוות" וכיו"ב [ווי מ'געפינט אין פסוקים לשון אמירה, דיבור (און אמאל "דבר גו' אמור"[2]), אדער ציווי]? ועוד ועיקר - וואס איז דער תוכן אין דעם "להזהיר"?

ובפרט אז "להזהיר" באווייזט אויף א חומר מיוחד, און דאס שטייט בכלל בנוגע צו אן איסור לאו - ולכאורה בענינגו איז ניטא קיין לאו אדער מעין לאו - איז פארוואס נוצט רש"י דער

---

1) קהלת ז, ב. וראה רמב"ם הל' אבל ספי"ג. 2) ראה פרשתנו כב, ב-ג.

לשון ״להזהיר״.

און אע״פ אז דער מקור אויף דעם לשון ״להזהיר״ איז פון גמרא[3], האט מען אבער גערעדט כמ״פ, אז ענינו של רש״י איז פשוטו של מקרא[4], און ער שרייבט אן ענין ניט ווייל אזוי שטייט אין גמרא, נאר ווייל אזוי איז דער פירוש ע״ד הפשט.

ב. נאך א זאך וואס מ׳דארף פארשטיין אין פרש״י:

דער מקור פון פרש״י איז פון גמרא (כנ״ל), וואס דארטן ברענגט די גמרא די דרשה ״להזהיר גדולים על הקטנים״ בנוגע צו דריי ענינים: איסור שרצים - ״לא תאכלום כי שקץ הוא לכם[5] - לא תאכילום, להזהיר גדולים על הקטנים״. איסור דם - ״כל נפש מכם לא תאכל דם[6] - להזהיר גדולים על הקטנים״, און בא טומאה לכהנים - בריש פרשתנו.

אבער רש״י בפירושו על התורה ברענגט אראפ נאר צוויי פון די דרשות - בא אכילת דם און טומאה לכהנים (בפרשתנו), אבער ניט די דרשה ביי איסור שרצים*.

---

*) ומ״ש רש״י (שמיני יא, יג) ״לא יאכלו, להזהיר את המאכילן לקטנים, שכל משמעו לא יהיו נאכלים על ידך״ - אין זה חיוב על הגדולים **שהקטנים** לא יאכלו אלא שהם (הגדולים) אסורים **להאכיל**.

ועפ״ז מתורצת הקלאץ קשיא בפרש״י בהמשך הענין ״לחייב את המאכיל כאוכל (שם, מא) - דלכאורה, ״אוכל״ מאן דכר שמי״?! אלא, שהאיסור הוא על המאכיל שלא יאכל על ידו, דחשיב כמו שאוכל בעצמו.

וגם מ״ש רש״י (יתרו כ, י) בציווי דשמירת שבת ״אתה **ובנך ובתך**..להזהיר גדולים על הקטנים, וזהו ששנינו (שבת קכא, א) קטן* שבא לכבות** אין שומעים לו מפני ששביתתו עליך״ - אין שייך **כלל** לחינוך (**ובהמתך** יוכיח), ולכן לא חשיב לי׳ (בגמרא) עם הג׳ (דם, שרצים וטומאה).

***) וכן קטנה, כמפורש בקרא ״בנך ובתך״ (משא״כ בטומאה דכהנת (גדולה) מותרת** לכתחילה.

****) בשבת שם: בקטן העושה לדעת אביו. אבל בפרש״י - לכבות סתם, אפילו בהפקר [ולכן קס״ד ״או אינו אלא גדולים״].**

---

3) יבמות קיד, סע״א. 4) ראה פרש״י בראשית ג, ח. ועוד. 5) שמיני יא, מב. 6) אחרי יז, יב.

וואס דאס איז נאכאמאל מדגיש וואס מ׳האט גערעדט כמ״פ, און אויך לעיל, אז ענינו של רש״י איז ניט מעתיק זיין דברי הגמרא, נאר מפרש זיין פשוטו של מקרא, און דערפאר ברענגט ער נאר די דרשות וואס זיינען נוגע אין פשוטו של מקרא, ובנדו״ד - ״להזהיר גדולים על הקטנים״ ברענגט ער נאר בא אכילת דם און בא טומאה לכהנים, ווייל דארטן איז דאס פשוטו של מקרא, משא״כ ביי איסור שרצים.

דארף מען פארשטיין דער ביאור בזה.

ג. איז דער ביאור אין דעם:

דוקא בא טומאה לכהנים און אכילת דם איז דא א הכרח אין פשוטו של מקרא אויף דעם ענין פון ״להזהיר גדולים על הקטנים:

בא טומאה לכהנים איז דער הכרח פון דעם כפל הלשון ״אמור גו׳ ואמרת״ (״שתי אמירות הללו למה״[7]), כנ״ל (ס״א); און בא אכילת דם איז דער הכרח בפשש״מ פון דעם וואס עס שטייט ״**כל** נפש מכם לא תאכל דם״, וואס דערווארט ״כל״ איז איבעריק, דמאי קמ״ל - תורה איז דאך געזאגט געווארן צו אלע אידן?! דערפאר איז רש״י מפרש אז ״כל״ קומט מוסיף זיין ״להזהיר גדולים על הקטנים״, אויך קטנים וואס זיינען ניט מחוייב במצוות התורה.

משא״כ ביי איסור שרצים איז ניטא קיין הכרח ע״ד הפשט אז אין דעם איז דא א לימוד מיוחד - ווייל דער לימוד אין גמרא אז ״קרא יתירה הוא דהא כתיבי אזהרות הרבה בשרצים״[7] איז ניט קיין הכרח ע״ד הפשט, ווארום מ׳קען זאגן אז ע״ד הפשט זיינען די הרבה אהזרות מדגיש דער חומר הדבר, ביז אז דאס איז מרבה לאוין הרבה[8].

ואדרבה - די דרשה אין גמרא (ביי אכילת שרצים) ״לא תאכלום...לא תאכילום״ איז **היפך** פשש״מ, ווייל אין פסוק שטייט ״תאכלום״, וואס מיינט אז איר זאלט זיי ניט עסן, ניט ״תאכילום״, וואס מיינט געבן א צווייטן צו עסן.

---

7) פרש״י יבמות שם. 8) פרש״י שמיני יא, מד.

און דער טעם אויף דעם חומר מיוחד בא טומאה לכהנים און איסור דם איז פארשטאנדיק בפשטות פאר א בן חמש למקרא:

בנוגע צו כהנים - ווייסט דער בן חמש אז זיי האבן א סך דינים והנהגות ואהזרות ומצוות אין תורה, דערפאר האבן זיי אויך דא א אהזרה מיוחדת "להזהיר גדולים על הקטנים"; ובנוגע צו דם - ווי עס שטייט[9] "כי נפש הבשר בדם הוא גו' על כן אמרתי גו' כל נפש מכם לא תאכל דם" (און ווי עס שטייט ווייטער[10] "הדם הוא הנפש"). און וויבאלד אז דם איז אזא ענין עיקרי, דערפאר איז דא א אזהרה מיוחדת "להזהיר גדולים על הקטנים".

און דער טעם פארוואס און פון וואנעט נעמט רש"י דער לשון "להזהיר" - איז פון דעם גופא וואס אין פסוק איז דא א יתור לשון (בפרשתנו - "אמור גו' ואמרת", און ביי אכילת דם - "כל נפש"), איז דאס מכריח אז אין דעם איז דא (ניט נאר נאך אן אמירה, נאר) אן אזהרה מיוחדת ("להזהיר גדולים על הקטנים").

[צי "להזהיר" מיינט אן ענין של לאו (אדער מעין לאו) - איז ניטא קיין הכרח אויף דעם, ווייל אויב יע האט דאס רש"י געדארפט שרייבן בלשון צחה וברורה].

און די אהזרה איז דוקא לגדולים ("להזהיר גדולים על קטנים") - ווייל אלע ציוויי התורה זיינען צו גדולים וועלכע זיינען מחוייב בקיום התורה והמצוות, דערפאר זיינען זיי אנגעזאגט געווארן אויך בנוגע צו די קטנים, ווי דער בן חמש למקרא ווייסט אז "ושננתם לבניך"[11], און אויך פריער האט ער געלערנט[12] "כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו".

ד. דער לימוד דערפון פאר יעדער איד אין "והחי יתן אל לבו":

אלע אידן זיינען בדרגת כהנים, ווי עס שטייט (נאך פאר מתן תורה) "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים (און דאס קומט נאך פאר)

9) אחרי טז, יא,-יב. 10) ראה יב, כג. 11) ואתחנן ו, ז. 12) וירא יח, יט.

הנחת הת' בלתי מוגה

וגוי קדוש"[13].

האט יעדער איד דער לימוד פון פרש"י הנ"ל, אז זייענדיק בדרגת כהן דארף ער האבן א זהירות מיוחדת בהנהגתו.

ועד"ז אויך בנוגע צו איסור דם - איז דא אין דעם א לימוד פאר יעדער איד, ווי ער דארף זיין זהיר אין דעם ענין פון מלבין פני חבירו ברבים, וואס איז פארבונדן מיט סילוק **הדם**[14], וכיו"ב.

ביז אז די אזהרה בזה דארף זיין פון "להזהיר גדולים על הקטנים". אזוי ווי דאס איז בנוגע צו כל עניני חינוך במצוות, אז דער גדול דארף מחנך זיין דעם קטן [ווי דאס איז אפילו אין מצות הקהל, אז אע"פ וואס עס דארף זיין "הקהל גו' האנשים והנשים **והטף**"[15], דארפן די גדולים ברענגען די קטנים ("מביאיהם")].

וואס דורך דעם וועט אויך צוקומען אין דעם "להזהיר" בא די גדולים [ע"ד "והשיב לב אבות על בנים - ע"י בנים". ועד"ז בא הקהל - אז דורך ברענגען די קטנים ווערט נתינת שכר "למביאיהם"[16]], "להזהיר" בפשטות, און אויך "להזהיר" מלשון "והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע", אז בא די "משכילים" (די גדולים בידיעת התורה, "היא חכמתכם גו'") ווערט (א הוספה אין) "יזהירו", ביז אזא ליכטיקייט (זהר) וואס איז "כזהר **הרקיע**", ד.ה. אז ווי די משכילים געפינען זיך למטה בארץ (ותורה לא בשמים היא[17]), ווערט בא זיי "יזהירו כזהר **הרקיע**"!

ה. וואס דאס הייצט נאכמערער צו דעם זמן ווען עס וועט זיין שלימות הגילוי פון "זהר הרקיע" דא למטה בארץ.

און אלע אידן, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[18], וועלן גיין, תיכף ומיד ממש, אין ארצנו הקדושה, ווייל ער איז

---

13) יתרו יט, ו. 14) ראה ב"מ נח, ב. 15) וילך לא, יב. 16) חגיגה ג, סע"א. הובא בפרש"י וילך שם. 17) ב"מ נט, ב. 18) בא י, ט.

הנחת הת' בלתי מוגה

(קדוש מלשון) פרוש ומובדל (כפרש״י בר״פ קדושים) פון שאר הארצות, און דארטן גופא - אין ירושלים עיר הקודש, וואס האט א קדושה יתירה לגבי ארץ ישראל, און להר הקודש, ולביהמ״ק השלישי - קדושה למעלה מקדושה אין די ״עשר קדושות״[19].

און דאס וועט אלץ זיין בזריזות הכי גדולה, ווארום היות אז ס׳אז דא דער ״להזהיר״ איז פארשטאנדיק אז דאס איז אויך באופן פון זריזות, ובפרט אז דאס איז א ציווי לכהנים, וואס כהנים זריזין הם[20], וואס אלע אידן זיינען ״ממלכת כהנים״, ביז ווי דער פירוש בזה - כהנים גדולים[21], און עד״ז איז אויך בא דעם אויבערשטן - ״אלקיכם כהן הוא״[22] - אז ער טוט אויף די אלע ענינים בזריזות גדולה,

במהרה בימינו ממש, ולא עכבן אפילו כהרף עין[23].

* * *

[שיחה השני׳ (ע״ד ההוראה בענין ״בכל דרכיך דעהו״, הלימוד מקביעות שנה זו, והביאור בפרקי אבות רפ״ד) - הוגהה ע״י כ״ק אדמו״ר שליט״א, ונדפסה לעיל. לקמן באים השלמות לשיחה זו].

[בענין פרק רביעי דפרקי אבות]

ו. בשבת זו לערנט מען פרק רביעי (בפרקי אבות) דעם ערשטן מאל בשנה זו, במילא איז מובן אז דאס איז מיט מערער הדגשה. ובפרט ע״פ המבואר באגה״ק[24], אז בכל שנה ווערט נמשך אן אור חדש כו׳.

ואע״פ אז ״יש נוהגין״ צו לערנען פרקי אבות בכל שבתות הקיץ (אויך נאך שבועות), און אזוי איז מנהג חב״ד - איז אבער מובן,

---

19) כלים פ״א מ״ו. רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ז הי״ג. 20) שבת כ, א. וש״נ. רמב״ם הל׳ שבת פ״ג ה״כ. 21) בעה״ט יתרו שם. 22) סנהדרין לט, סע״א. 23) מכילתא ופרש״י בא יב, מא. 24) סי״ד.

אז דעם ערשטן מאל ווען מ'לערנט דאס איז מיט מערער חיות וכו' לגבי דעם צווייטן און דריטן מאל.

[בהמשך לדוד שהוא רגל הרביעי דהמרכבה]:

ז. און דערפאר איז בא דוד מודגש שלימות העבודה (זייענדיק כנגד דער רגל הרביעי שבמרכבה, וואס ווייזט אויף שלימות, כנ"ל) ווי עס שטייט בא דוד "והמלך דוד זקן בא בימים"[25], וכידוע הפירוש אין "בא בימים", אז זיינע ימים זיינען שלימים, אנגעפילט מיט תורה ומצוות[26].

דערפון האט יעדער איד א לימוד ונתינת כח - אז ביי אים זאל זיין "בא בימים", סיי בפשטות - שלימות כל הימים, און סיי ברוחניות - שלימות העבודה אין די ימים, וואס צוליב דעם גיט מען אים די ימים.

און ניט נאר שבעים שנה (ווי ס'איז געווען בא דוד), נאר מאה ועשרים שנה - כמפורש בכתוב, אז נאכן מבול איז דער סדר ע"פ טבע "והיו ימיו מאה ועשרים שנה"[27], **בפשטות הדברים** - אז תורה זאגט אן און איז מבטיח אז א איד לעבט מאה ועשרים שנה!

און ער האט אין דעם "בא בימים" - אז אלע ימים פון די מאה ועשרים שנה זיינען בשלימות מצד זיין עבודה בתומ"צ, וואס דערפאר דארף ער האבן די מאה ועשרים שנה, בכדי זיי אינגאנצן אנפילן מיט תומ"צ.

נאר אמאל איז דא א מציאות אז מ'זאל דאס קענען טאן אין ווייניקער זמן - ווי ס'איז געווען בא רבי אליעזר בן עזרי'[28], ועד"ז בא ר' בון[29].

אבער א איד טענה'ט, אז ער דארף האבן די מאה ועשרים שנה בשלימות.

---

25) מ"א א, א. 26) ראה ד"ה ואברהם זקן תשל"ח. וש"נ. 27) בראשית ו, ג.
28) ברכות יב, סע"ב (במשנה). 29) קה"ר פ"ה, יא (ה).

און בשעת מ׳זאגט אים אז ימים האבן א שיעור וכו׳ - טענה׳ט ער, אז ער איז העכער פאר שיעורים, מ׳קען אים ניט מעסטן לויט די ימים, ואדרבה - ער קומט אראפ למטה אין אן עולם וואו ימים האבן א שיעור, בכדי דארטן ממשיך זיין תומ״צ, ד.ה. אז די ימים דארפן זיין א תוצאה פון וויפל עבודה ער דארף אויפטאן, ניט אז די ימים זאלן מגביל זיין זיין עבודה. און וויבאלד אז ער דארף נאך מערער אויפטאן - דארף מען אים געבן מערערע ימים בכדי קענען אויפטאן!

ביז אז מ׳דארף אים געבן מאה ועשרים שנה, ווי תורה האט אפגעפסק׳נט - ״והיו ימיו מאה ועשרים שנה״, ובאופן פון ״בא בימים״, ימים שלמים.

ובפרט מצד בחי׳ משה שבכאו״א מישראל (וואס ווירקט אויף אים ביז אין מעשה בפועל) - האט יעדער אין זיך דעם ענין פון מאה ועשרים שנה של משה רבינו, ובאופן פון ״מלאו ימי ושנותי״[30], שלימות הימים והשנים.

ביז אז א איד טענה׳ט און מאנט - מאה וארבעים ושבע שנים, אזוי ווי יעקב האט געלעבט, ווארום נשמת יעקב איז כולל אין זיך אלע נשמות ישראל (כמבואר באגה״ק[31]), און פון דארטן ווערט עס נמשך אין יעדער איד, ווייל קדושה לא זזה ממקומה[32].

און דאס ווערט נמשך אויך לאחרי חיי יעקב - ווייל ״יעקב אבינו לא מת״, ״מה זרעו בחיים אף הוא בחיים״[33].

און פון חיים ושלימות החיים בזמן הזה - קומט מען גלייך, בלי הפסק זמן צו חיים נצחיים בעולם הבא, עולם התחי׳[34] וכידוע דברי הרמב״ם[35] אז ״עולם הבא״ איז (ניט לאחרי זמן, נאר) ״מצוי ועומד״ אויך איצטער, נאר דאס הייסט ״עולם הבא״ ווייל דאס קומט לאחרי די עבודה בעולם הזה. און דעריבער קען זיין א המשך אחד פון חיים בזמן הזה אין חיים נצחיים בעולם הבא.

---

30) וילך לא, ב ובפרש״י. 31) ס״ז. 32) ראה ע״ח שער ד פ״ג. של״ד פ״ג. של״ה פ״א. 33) תענית ה, ב. 34) ראה לקו״ש ח״ז ע׳ 344. וש״נ. 35) הל׳ תשובה ספ״ח.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ובפרט אז נשיא דורנו האט מעיד געווען אז ס׳איז שוין ״לאלתר לגאולה״[36], און מ׳האט שוין צוגעפוצט די קנפלעך[37] - במילא דארף שוין גלייך זיין חיים נצחיים.

און אע״פ אז אין גמרא[38] שטייט אז עס דארף זיין ״אל עפר תשוב״[39] - האט מען גערעדט[40], אז איצטער קען מען דאס יוצא דורך דעם ״אל עפר תשוב״ בעבודה רוחנית [ע״ד המבואר[41] אז איצטער איז מען יוצא דעם ״בחומר ובלבנים״ בגלות מצרים דורך לימוד התורה בחומר דא קל חומר וכו׳], ״ונפשי כעפר לכל תהי׳״, ווי אידן זאגן ג׳ פעמים ביום.

ח. ויה״ר אז דאס זאל שוין זיין אלץ בפועל ממש, למטה מעשרה טפחים, ובמהרה בימינו ממש.

און הקיצו ורננו שוכני עפר, ובתוכם ובראשם - דער רשב״י און כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, און אלע נשיאים בינתיים, ממלאי מקומו.

ובפרט אז מ׳האט מוסיף געווען אין הפצת המעינות חוצה, פון ״האי חיבורא דילך דאיהו ספר הזהר״ - וואס ״יפקון בי׳ מן גלותא ברחמים״[42],

און ווי מ׳איז מתפלל בכל יום, און נאכמער ביום השבת - ״ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״,

אז עס זאל שוין זיין דער ״המחזיר שכינתו לציון״, למטה מעשרה טפחים, ותיכף ומיד ממש.

*   *   *

ט. מאמר (כעין שיחה) ד״ה ונקדשתי בתוך בני ישראל גו׳.

*   *   *

---

36) ״קול קורא״ ב״הקריאה והקדושה״ סיון-תמוז תש״א. 37) ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט. 38) שבת קנב, ב. 39) בראשית ג, ט. 40) קונטרס משיחת ש״פ בא שנה זו בסופו. 41) תו״א ר״פ שמות. 42) זח״ג קכד, ב (ברע״מ). הובא באגה״ק רסכ״ו.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

[שיחה האחרונה (ע״ד ההוראות בנוגע לפועל בקשר עם חגה״ש וזמן הקיץ וכו׳, וההוראה מהערות על הזהר) - הוגהה ע״י כ״ק אדמו״ר שליט״א ונדפסה לעיל].

אח״כ צוה כ״ק אדמו״ר שליט״א להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

ואח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

אח״כ אמר: די וואס האבן צוגעשטעלט די פלעשלעך משקה, זאלן איצטער ארויפגיין און נעמען די משקה און זאגן לחיים, און מכריז זיין וועגן וואס עס רעדט זיך, און אויך אויסטיילן א טייל דערפון דא.

אח״כ אמר: מזרזין בשעת מעשה עוד הפעם[43] - אז די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, זאלן מאכן א ברכה אחרונה.

----- * ------

43) ראה מכילתא ופרש״י יתרו יט, כד.

לעילוי נשמת

מרת **פעשע** בת הרה״ח ר׳ **ראובן** ע״ה

נפטרה כ״ג אייר תשמ״ב

*

נדפס ע״י

בעלה הרה״ח הרה״ת ר׳ **ישראל אבא** שיחי׳

לאורך ימים ושנים טובות

פליסקין

בתה מרת **רבקה** תחי׳

ובעלה הרה״ת ר׳ **שלום דובער** ומשפחתם שיחיו

ווישעצקי

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-984887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש"פ בהר-בחוקותי, מבה"ח סיון
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

آ

מפתח

בס"ד. שיחת ש"פ בהר־בחוקותי, מבה"ח סיון ה'תשמ"ח.

א. ענינו העיקרי של חודש סיון — המתברך בשבת זו — מתן תורה, כמרומז גם בשמו של החודש — "חודש השלישי"[1], "ירחא תליתאי", ע"ש נתינת התורה, "אוריאן תליתאי"[2].

ובפרט שב"ראש[3] חודש" סיון (שמכריזים בברכת החודש[4]) נעשו ישראל ראויים לקבלת התורה — כמ"ש[5] "בחודש השלישי גו' ביום הזה (ר"ח[6]) באו מדבר סיני גו' ויחן שם ישראל גו'", "ויחן" לשון יחיד, "כאיש אחד בלב אחד"[7], שאז, "אמר הקב"ה הואיל ושנאו ישראל את המחלוקת ואהבו את השלום ונעשו חני' אחת, הרי השעה שאתן להם את תורתי"[8].

וע"פ הידוע ש"הימים האלה נזכרים ונעשים"[9], היינו, שבכל שנה ושנה חוזר ונעשה הענין דנתינת וקבלת התורה באופן מחודש[10],

— ובהדגשה יתירה בשנה זו, שנת שלשת אלפים ושלש מאות למתן תורה, כמשנת"ל בארוכה[11] —

יש להתכונן כדבעי למתן תורה השתא — החל מעבודת ההכנה במשך כל ימי ספירת העומר[12], ובמיוחד בבוא שבת מברכים חודש סיון, שבו נמשכת ברכה ונתינת־כח לקבלת התורה.

ובפרטיות יותר — צ"ל ההכנה על יסוד הלימוד וההוראה מפרשת השבוע שקורין בשבת מברכים חודש סיון (בשנה זו), פרשת בהר־בחוקותי, כפתגם הידוע[13] ש"צריכים לחיות עם הזמן", "לחיות" עם פרשת השבוע[14], ובלשון הידוע — "והחי[15] יתן אל לבו"[16]. ולכל לראש — ראש והתחלת פרשת בהר (שהיא גם ההתחלה דפ' בחוקותי כשהן

---

1) יתרו יט, א.

2) שבת פח, א.

3) הכולל ומנהיג את כל ימי החודש — בדוגמת ה"ראש" שכולל חיות כל הגוף ומנהיגו כו' (ראה לקו"ת דרושי ר"ה נח, א ואילך. עט"ר שער ר"ה בתחלתו. ובכ"מ).

4) ובפרטיות — בקביעות שנה זו — "ר"ח סיון ביום השלישי"*, ע"ד ובדוגמת כללות הענין דמ"ת — "אוריאן תליתאי בירחא תליתאי כו' ביום תליתאי".

5) יתרו יט, א־ב.

6) שבת פו, ב. פרש"י עה"פ.

7) פרש"י יתרו שם, ב. וראה מכילתא שם.

8) ויק"ר פ"ט, ט. דא"ז פ' השלום.

9) ל' הכתוב — אסתר ט, כח. וראה רמ"ז בס' תיקון שובבים. הובא ונת' בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט.

10) ראה אגה"ק סי"ד.

---

*) נוסף לכך שבכל שנה ה"ה "בשבוע הד' (דספה"ע) ביום ג'" שאז נעשו מוכנים למ"ת (תו"א יתרו סז, ג).

11) שיחת ז' אדר שנה זו.

12) ובפרטיות: (א) התשוקה והגעגועים למ"ת (ראה ר"ן סוף פסחים) — ע"י ההתבוננות בגודל העילוי והיוקר כו' דתורה, (ב) בירור כל פרטי המדות דנפש הבהמית, מחסד שבחסד עד מלכות שבמלכות, כדי שהאדם יהי' מבורר ומזוכך וראוי לקבלת התורה. וראה לקמן סי"ב.

13) "היום יום" ב' חשון. סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך.

14) כולל גם — הפרשה החסידית, דרושי החסידות דפרשת השבוע בלקו"ת וכו', עד לדרושי כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (ראה גם שיחת ליל ד' דחג הפסח שנה זו).

15) קהלת ז, ב.

16) כלומר, המשכת תוספת חיים (ע"י "תורת חיים") — "באור פני מלך חיים" (משלי טז, טו), ועאכו"כ ע"י המלך עצמו (לא רק "אור פני מלך") שהכניס עצמו בתורה — "אנא נפשי כתבית יהבית" (שבת קה, א), ובאופן של נתינה ("יתן אל לבו"), "כל הנותן בעין יפה נותן" (ראה ב"ב נג, רע"א. ושי"נ), עד לחיים גשמיים כפשוטם בטוב הנראה והנגלה למטה מעשרה טפחים.

מחוברין[17]) ופירוש רש״י (פשוטו של מקרא), כדלקמן.

ב. בהתחלת פ׳ בהר מעתיק רש״י התיבות ״בהר סיני״, ומפרש: ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני, והלא כל המצוות נאמרו בסיני, אלא, מה שמיטה נאמרו כללותי׳ ופרטותי׳ ודקדוקי׳ מסיני, אף כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני. כך שנוי׳ בתו״כ. ונראה לי שכך פירושה, לפי שלא מצינו שמיטת קרקעות שנשנית בערבות מואב במשנה תורה, למדנו שכללותי׳ ופרטותי׳ כולן נאמרו מסיני, ובא הכתוב ולמד כאן על כל דיבור שנדבר למשה, שמסיני היו כולם כללותיהן ודקדוקיהן, וחזרו ונשנו בערבות מואב״.

פירוש רש״י זה — נתבאר כבר בארוכה ובפרטיות במק״א[18], ולכן, נתעכב עתה רק על ענינים נוספים שעדיין לא נתבארו:

א) מהו הטעם שלימוד זה — ש״כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני . . כל דיבור שנדבר למשה (ש)מסיני היו כולם כללותיהן ודקדוקיהן״ — אמרה תורה במצות שמיטה דוקא*[18], כלומר, מהו המיוחד במצות שמיטה שדוקא בה נתפרש ש״כללותי׳ ופרטותי׳ כולם נאמרו מסיני״, וממנה למדין שכן הוא גם בכל המצוות?

ב) שאלה בפשטות הכתובים — שלא נתבארה (לכאורה) בפירוש רש״י, שענינו לפרש כל דבר הדורש ביאור בפשוטו של מקרא:

בהמשך הכתוב ע״ד מצות שמיטה — נאמר ״דבר אל בני ישראל גו׳ כי תבואו אל הארץ גו׳ ושבתה הארץ שבת לה׳״. ואינו מובן: מכיון שקיומה של מצות שמיטה בפועל הוא בשנה השביעית, כמפורש בהמשך הכתובים ״שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמור כרמך ואספת את תבואתה״ (ואח״כ) ״ובשנה השביעית שבת שבתון יהי׳ לארץ גו׳״ — מדוע אומר הכתוב[19] ״כי תבואו אל הארץ גו׳ ושבתה הארץ שבת לה׳״, דבר שיהי׳ רק בשנה השביעית, לאחרי העבודה בשדה ובכרם במשך שש שנים[20]?!

ג. ויש לומר, שבשאלת רש״י ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני כו׳״ — נכללת גם השאלה מדוע נאמר ״כי תבואו אל הארץ גו׳ ושבתה הארץ גו׳״.

ובהקדים — הדיוק בסגנונו של רש״י[21] ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני״:

שאלת רש״י, היא, מכיון ש״כל המצוות נאמרו מסיני״, מדוע מדגיש הכתוב ״בהר סיני״ במצות שמיטה דוקא. ואינו מובן: (א) מדוע כותב רש״י ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני״, שמשמעות הסגנון שמצות שמיטה אינה שייכת להר סיני — בה בשעה שתוכן השאלה הוא להיפך, שהשייכות להר

17) וראה לקמן ס״ט ואילך — השייכות להלימוד וההוראה גם מהתחלת פ׳ בחוקותי.

18) לקו״ש חי״ז ע׳ 276 ואילך.

*18) אף שכו״כ מצוות לא נשנו במשנה תורה.

19) דלא ככפ׳ משפטים (כג, י־יא) ״ושש שנים תזרע ארצך גו׳ והשביעית תשמטנה גו׳״.

20) להעיר מלקו״ת ריש פרשתנו: ״משמעות הכתוב כי מיד כי תבואו אל הארץ ושבתה קודם שיתחילו השש שנים״. אבל, בפשוטו של מקרא י״ל שסומך על הפירוט בכתוב שלאח״ז, ״שש שנים תזרע שדך גו׳ ובשנה השביעית שבת שבתון יהי׳ לארץ״. אלא שאעפ״כ אינו מובן (וגם מיותר): מדוע הקדים הכתוב ״ושבתה הארץ שבת לה׳״, כבפנים. וראה לקמן ס״ח.

21) ואף שכן הוא הלשון בתו״כ — הרי מצינו בכו״כ מקומות שרש״י משנה מלשונות חז״ל בהתאם לפירושו שהוא דוקא בפשוטו של מקרא, כידוע בכללי פירוש רש״י על התורה.

סיני אינה חידוש במצות שמיטה, מכיון ש״כל המצוות נאמרו מסיני״? (ב) מדוע משמיט רש״י תיבת ״מצות״ — ״מה ענין שמיטה (ולא מצות שמיטה) להר סיני״, ואין זה מתאים עם המשך הלשון ״והלא כל המצוות נאמרו מסיני״?

וי״ל, שרש״י נקט סגנון זה כדי לרמז שאלה נוספת — כמשמעות הלשון ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני״:

ענין שמיטה הוא ביחס לעבודת האדמה (לאחרי ״כי תבואו אל הארץ״), ובמילא, אין זה שייך ל״הר סיני״ — הן מצד ריחוק הזמן כפשוטו, לאחרי ארבעים שנה, ולאח״ז י״ד שנה דכיבוש וחלוקה (ועוד שש שנים דעבודת האדמה), והן מצד תוכן המקום: ב״הר סיני״, הר, ולא מקום מישור, ועאכו״כ הר שהוא במדבר סיני — לא שייך עבודת האדמה.

ועפ״ז נשאלת השאלה: ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני״, מהי השייכות ד״ענין שמיטה״ ל״הר סיני״ (לא רק מצות שמיטה, אלא ״ענין שמיטה״): ״ענין שמיטה״ קשור עם עבודת האדמה, ואינו שייך בזמן ובמקום ד״הר סיני״, אלא בזמן ובמקום אחר, ״כי תבואו אל הארץ״, ולאחרי ריבוי שנים.

ובזה נכללת גם השאלה מדוע נאמר ״כי תבואו אל הארץ גו׳ ושבתה הארץ גו׳״ (אף שתחלה צ״ל ״שש שנים תזרע שדך״) — מכיון שרש״י שואל יתירה מזה (ויש בכלל מאתים מנה[22]) — לא רק מדוע מקדימים ״ושבתה הארץ״ שיהי׳ בשנה השביעית, אלא יתירה מזה, מדוע אומרים בהר סיני ענין שמיטה (בכללותו) במקום ״הפכי״ מהר סיני, והרבה הרבה שנים לאח״ז!

ד. ועפ״ז י״ל שגם תירוץ השאלה מדוע נאמר ״כי תבואו אל הארץ גו׳ ושבתה הארץ גו׳״ מרומז בתירוצו של רש״י על השאלה ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני״ — ש״נאמרו כללותי׳ ופרטותי׳ ודקדוקי׳ מסיני״:

ההוספה ד״פרטים״ ו״דקדוקים״ לגבי ״כללות״ המצוה היא — בפשטות — לצורך קיום המצוה במעשה בפועל, היינו, שכדי לקיים המצוה במעשה לא מספיק לומר כללות המצוה, אלא בהכרח לבאר גם פרטי המצוה, עד לדקדוקי המצוה (דקדוקים בהפרטים עצמם, פרטי פרטים[23]), שעל ידם יודעים כיצד צ״ל קיום המצוה במעשה בפועל.

והנה, בנוגע לכללות המצוות מובן בפשטות (ואין צורך לחדש) שהציווי על כל המצוות — גם אלו שקיומם לאחרי משך זמן רב — צ״ל (והי׳ בפועל) בסיני[24] (וכמ״ש כמה פעמים, ומהם בסיום וחותם פ׳ בחוקותי[25] ״אלה המצוות אשר צוה ה׳ את משה אל בני ישראל בהר סיני״);

אבל בנוגע לפרטי ודקדוקי המצוה — יש מקום וסברא לחלק ולומר שבסיני נאמרו רק פרטי ודקדוקי המצוות שצריכים לקיימם במעשה בפועל תיכף ומיד (כמו: עשרת הדברות, פרטי הדינים

22) ע״ד ב״ק עד, א. ב״ב מא, ב.

23) להעיר משינויי הלשונות בפירוש רש״י, כולל גם שינויי הדפוסים כו׳ (ראה גם לקו״ש שם ע׳ 276), ואכ״מ.

24) ולכן, בפסוק ״שש שנים תזרע ארצך גו׳ והשביעית תשמטנה גו׳״ (שבפ׳ משפטים), אין מקום לשאלה ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני״ (כמ״ש רש״י בר״פ משפטים ״ואלה המשפטים . . אף אלה מסיני״) — מכיון שמדובר אודות כללות המצוה.

25) ולפנ״ז (כו, מו) — ״אלה החוקים והמשפטים והתורות אשר נתן ה׳ בינו ובין בני ישראל בהר סיני ביד משה״, ובפרש״י: ״והתורות, אחת בכתב ואחת בעל פה, מגיד שכולם ניתנו למשה בסיני״.

ד"משפטים" בנוגע לאופן ההנהגה בין אדם לחבירו וכו'), משא"כ בנוגע למצוות שקיומם במעשה בפועל אינו אלא לאחרי משך זמן (רב), כמו מצות שמיטה, שקיומה אינו אלא לאחרי ש"תבואו אל הארץ" (כולל כיבוש וחלוקה כו') — נאמר בסיני רק כללות המצוה, ואילו פרטי' ודקדוקי' נאמרו (לא בסיני, אלא) "בערבות מואב", בסמיכות זמן (ומצב) ל"כי תבואו אל הארץ".

וזהו החידוש (שבפ' בהר) "וידבר ה' גו' בהר סיני גו' כי תבואו אל הארץ ושבתה הארץ וגו'" — ש"נאמרו (לא רק) כללותי' (אלא גם) ופרטותי' ודקדוקי' מסיני", היינו, שגם הפרטים והדקדוקים שצריכים לידע כדי לקיים במעשה בפועל לאחרי משך זמן, "נאמרו .. מסיני".

ה. וביאור הענין:

בהציווי להאדם לעשות איזו מצוה — בהכרח לומר לו הפרטים איך לקיים את המצוה. ומכיון שבכללות המצוה לא יודעים (עדיין) איך לקיים את המצוה, מובן, שעיקר גדרה של כללות המצוה הוא (לא הציווי להאדם שיקיימנה, אלא) מצות הקב"ה. משא"כ פרטי ודקדוקי המצוה שענינם הוא הציווי להאדם איך לקיים המצוה.

[וע"ד המבואר במק"א[26] החילוק שבין תורה למצוות — שהמצוות הם ציוויים להאדם איך להתנהג בעולם, משא"כ התורה (כולל גם המצוות כפי שהם בתורה[27]), שהיא רצונו וחכמתו של הקב"ה שלמעלה מגדר שייכות לעולם, ובלשון הגמרא[28] — "חמודה גנוזה שגנוזה לך .. קודם שנברא העולם"].

בסגנון אחר קצת: בכללות המצוה — מודגש בעיקר גדרי המצַוה (נותן התורה ומצוה המצוות), ובפרטי ודקדוקי המצוה — ההדגשה היא על גדרי האדם שמקיים המצוה וגדרי העולם שבו מקיימים המצוה.

וזהו גם החילוק שבין "הר סיני" ל"ערבות מואב" — ש"הר סיני" קשור עם גדרי העליון, היינו, לא רק "מדבר סיני", מדבר למעליותא, שלא ישב אדם שם, למעלה מ"ציור" אדם[29], אלא, בזה גופא ה"ז באופן של "הר", הגבהה והתנשאות כו'; ואילו "ערבות מואב" קשור עם גדרי התחתון.

ולכן, יש מקום וסברא לומר שרק כללות המצוה (שבה מודגש בעיקר רצון העליון) נאמרה מסיני, ואילו פרטי' ודקדוקי' — מכיון שהם קשורים עם הקיום בפועל ע"י האדם (שהקיום בפועל מוכרח להיות בפרטים ודקדוקים[30]), לכן נאמרו (לא בסיני, מצד גדרי העליון, אלא) ב"ערבות מואב" (גדרי התחתון).

והחידוש שבפרשתנו — "נאמרו כללותי' ופרטותי' ודקדוקי' מסיני"[31]

---

26) "הדרן" על הש"ס (קה"ת תשמ"ח) סכ"ו.

27) להעיר, שהמענה דמשה למלאכים על הטענה "תנה הודך על השמים" (שבת פח, ב) הי' שאצלם לא שייך קיום ציוויי התורה

28) שבת שם.

29) ראה לקו"ת במדבר ב, ב ואילך. שה"ש כב, א ואילך. ובכ"מ.

30) להעיר ממ"ש הרמב"ם במו"נ (ח"ג פכ"ו) ש"כלל המצוות (הוא) בגלל תועלת מסויימת .. אבל פרטיהן .. הן לפשט הציווי .. הצורך גרם שיהיו שם פרטים כו'". וראה לקו"ש השבועי הערה 34.

31) להעיר מהפלוגתא (חגיגה ו, סע"א ואילך. וש"נ) "ר' ישמעאל אומר כללות נאמרו מסיני ופרטות באוהל מועד, ר' עקיבא אומר כללות ופרטות נאמרו בסיני"*, ומפשטות לשון רש"י משמע**

---

*) ראה לקו"ש חי"ז ע' 283 ואילך בביאור החילוק שבין

— שגם הפרטים והדקדוקים ביחס לאופן הקיום במעשה בפועל ע״י האדם, הם חלק מעצם המצוה מצד רצון העליון[32], ולכן ״נאמרו . . מסיני״, גדרי העליון.

ו. עפ״ז מובן גם הטעם שענין זה נתפרש בתורה במצות שמיטה דוקא — ״שמיטה נאמרו כללותי׳ ופרטותי׳ ודקדוקי׳ מסיני״:

ענין (ועאכו״כ מצות) שמיטה — ״רחוקה״ מהר סיני יותר משאר המצוות, הן מצד ריחוק הזמן, שקיומה אינו אלא לאחרי הכניסה לארץ, לאחרי כיבוש וחלוקה, ולאחרי שש שנים דעבודת האדמה[33], והן מצד ריחוק המקום (שבהר סיני לא שייך עבודת האדמה)[34], עד כדי כך, שיש מקום לשאלה ״מה ענין שמיטה אצל הר סיני״.

ומכיון ש״לא מצינו שמיטת קרקעות שנשנית בערבות מואב, למדנו שכללותי׳ ופרטותי׳ כולן נאמרו מסיני״, היינו, שגם הפרטים השייכים לקיום מצוה שהיא ״בריחוק מקום וזמן״ מ״הר סיני״ ״נאמרו מסיני״ — הרי מובן (במכ״ש) שכן הוא בכל המצוות, שפרטי ודקדוקי המצוות ביחס להקיום ע״י האדם הם חלק מעצם המצוה מצד רצון העליון, ״מסיני״.

ז. ובזה מרומז גם התירוץ על מ״ש ״כי תבואו אל הארץ גו׳ ושבתה הארץ גו׳״ עוד לפני שכתב ״שש שנים תזרע שדך גו׳״:

תוכן החידוש שבכללות הפרשה אודות השייכות ד״ענין שמיטה אצל הר סיני״, ש״נאמרו כללותי׳ ופרטותי׳ ודקדוקי׳ מסיני״ — שגם בהפרטים והדקדוקים (ביחס להקיום ע״י האדם) מודגש רצון העליון, ״סיני״.

ותוכן זה מודגש גם (ואולי — יותר) בפרטי הפרשה — שענין והציורי

שכוונתו לשלול דעת ר״י ש״פרטות באוהל מועד״, כי אם, כדעת ר״ע ש״כללות ופרטות נאמרו בסיני״.

אבל י״ל, שגם לדעת ר״י ש״פרטות נאמרו באוהל מועד״ — הרי, ״אוהל מועד״ שבמדבר סיני (בסמיכות מקום ל״הר סיני״ — שחנו שם עד ״בשנה השנית בחודש השני בעשרים לחודש״ (בהעלותך י, יא)) הוא ע״ד ובדוגמת ״הר סיני״ (ובפרט ביחס ל״ערבות מואב״).

32) ראה המשך תרס״ו ס״ע תקג (ועד״ז שם ע׳ נג) — ״רצון עצמי שדבר זה מצוה ובאופן כך וכך דוקא לפי נושא העצמות״, היינו, שגם פרטי ודקדוקי המצוה, ״באופן כך וכך דוקא״, הם רצון עצמי, ״לפי נושא העצמות״*.

״אוהל מועד״ ל״סיני״ (בפנימיות הענינים) — שב״אוהל מועד״ יש סדר, מדידה והגבלה, בהציור דסדר השתלשלות, משא״כ ״סיני״ הו״ע שלמעלה ממדידה והגבלה הנ״ל.

ועפ״ז י״ל, שהפלוגתא דר״י ור״ע אם ״פרטות באוהל מועד״ או ״פרטות נאמרו בסיני״, היא, לשיטתייתו בכו״כ מקומות (גם בנוגע למ״ת — מכילתא יתרו כ, א. שם, טו) אם גדרם של המצוות הוא כפי שהם מצד המִצוה, הקב״ה (פרטות נאמרו מסיני), או כפי שהם מצד האדם שנצטווה בהמצוה (פרטות באוהל מועד — ציור דסדר השתלשלות, גדר התחתון) — ראה בארוכה ״הדרן״ על מסכת פסחים (נדפס בהגש״פ (הוצאת קה״ת) בסופה).

**) אבל ראה לקו״ש (שם ע׳ 277 ואילך) שפירוש רש״י בפשוטו של מקרא מתאים גם (ואדרבה — מתאים יותר) לדעת ר״י, מכיון שהפירוש ד״הר סיני״ הוא — מדבר סיני, שבו הי׳ גם אוהל מועד.

*) ומ״ש באוה״ת (בראשית ח״ו ס״ע 2184) שפרטי המצוות הם רק מצד החכמה, אבל מצד הרצון עצמו ״לא היו צמצומים כ״כ״ — אולי י״ל, כי שם מדובר בהרצון דבחי׳ אריך (כמפורש שם), דמכיון שהרצון דבחי׳ זו **מוגדר** בזה שהוא למעלה מעולמות, נוגע בו (בעיקר) הכלל, ולא (כ״כ) הפרטים שמצד גדרי העולמות, משא״כ בבחי׳ רצון העצמי **דעצמות** — נוגע גם הפרטים, וגם הם ״כפי נושא **העצמות**״.

---

33) משא״כ שאר המצוות התלויות בארץ, שקיומן מיד לאחרי ירושה וישיבה, במשך שש השנים דעבודת האדמה.

34) משא״כ מצות הקהל, שאף שקיומה לאחרי שנת השמיטה, ״מקץ שבע שנים גו׳״ (וילך לא, יו״ד) — הרי, תוכנה שייך למ״ת, ״הקהל את העם גו׳ למען ישמעו ולמען ילמדו גו׳ ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת״ (שם, יב), ״כיום שנתנה בו בסיני . . כאילו עתה נצטווה בה ומפי הגבורה שומעה״ (רמב״ם הל׳ חגיגה פ״ג ה״ו).

דשמיטה לא נאמר ע"פ הסדר דקיום המצוה בפועל, שתחילה הוא "שש שנים תזרע שדך גו'" ואח"כ "ובשנה השביעית שבת שבתון יהי' לארץ", כי אם, כפי שהמצוה היא בתורה, מצד רצון העליון — "כי תבואו אל הארץ גו' ושבתה הארץ שבת לה'" (ורק לאח"ז מדברת התורה בהקיום בפועל — "שש שנים גו' ובשנה השביעית גו'").

ח. ויש להוסיף בכל זה — בעומק יותר:

"נאמרו כללותי' ופרטותי' ודקדוקי' מסיני" — מדגיש לא רק שגם פרטי ודקדוקי המצוה הם חלק מעצם המצוה מצד רצון העליון ("מסיני"), אלא גם לאידך גיסא — שרצון העליון הוא בפרטי ודקדוקי המצוה שמצד גדרי האדם והעולם, היינו, שרצון הקב"ה הוא שקיום המצוה יפעל בירור וזיכוך בהאדם ובהעולם, שגם הם יהיו חדורים בגדרי העליון, "סיני".

ובסגנון פשוט — המובן גם לבן חמש למקרא — שבידעו גודל העילוי וההפלאה דמעמד הר סיני, כמסופר בפשטות הכתובים "ויהי קולות וברקים גו'"[35], "והר סיני עשן כולו מפני אשר ירד עליו ה' באש גו'"[36], "וכל העם רואים את הקולות גו' וירא העם וינועו וגו'"[37], אזי, כשאומרים לו ש"נאמרו כללותי' ופרטותי' ודקדוקי' מסיני", שגם הפרטים והדקדוקים נאמרו מסיני, הרי זה פועל שהקיום במעשה (ע"י הפרטים והדקדוקים) יהי' חדור בהעילוי וההפלאה דמעמד הר סיני, ובלשון חז"ל[38] "מה להלן באימה וביראה כו' אף כאן כו'".

ועניין זה מודגש ביותר בפרשת שמיטה זו — החיבור ד"ענין שמיטה" ו"הר סיני" — שעם היותם ב' קצוות מן הקצה אל הקצה, כי, "הר סיני" מורה על גדרי העליון שלמעלה ממדידה והגבלה (כנ"ל), ואילו "ענין שמיטה" קשור עם גדרי והנהגות העולם, עבודת האדמה, "שש שנים תזרע שדך וגו'", ועד שיש מקום לשאלה "מה ענין שמיטה אצל הר סיני" — הרי, הכוונה היא ש"ענין שמיטה" (לא רק מצות שמיטה, אלא "ענין שמיטה", שכולל "שש שנים תזרע שדך") יהי' חדור ב"הר סיני", היינו, שהארץ עצמה (שדך, כרמך — של האדם) נעשית חדורה בגדרי העליון.

ובפרטיות יותר — "כי תבואו אל הארץ גו' ושבתה הארץ שבת לה'":

מהביאורים במש"נ "כי תבואו גו' ושבתה הארץ גו'", ש"משמעות הכתוב אשר מיד כי תבואו אל הארץ ושבתה קודם שיתחילו השש שנים"[39] — שהכניסה לארץ ("כי תבואו אל הארץ") צ"ל מלכתחילה על מנת ש"ושבתה הארץ שבת לה'", ובמילא, גם במשך ה"שש שנים" שבהם נעשית העבודה בשדה ובכרם, ה"ה חדור בכוונה האמיתית — "ושבתה הארץ שבת לה'", (אלא) שמתגלית בפועל בשנה השביעית, שאז, "שבת שבתון יהי' לארץ".

ונמצא, שבענין זה מודגשת ביותר הכוונה דבירור וזיכוך התחתון — לא רק בפרטי ודקדוקי המצוה הקשורים עם גדרי התחתון (שגם הם נאמרו מסיני), אלא גם במציאותו וגדריו של התחתון עצמו, שעבודת האדמה ("שש שנים תזרע שדך") עצמה חדורה בהענין ד"שבת לה'", עד ש"ושבתה הארץ (הארץ עצמה) שבת לה'".

---

35) יתרו יט, טז.

36) שם, יח.

37) שם כ, טו.

38) ברכות כב, א. וש"נ.

39) לקו"ת שבהערה 20.

ומזה למדים גם בנוגע לשאר המצוות — "כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני" — שרצון העליון הוא שיהי' הבירור וזיכוך דהאדם והעולם (ע"י פרטי ודקדוקי המצוה), שגם הם יהיו חדורים בגדרי העליון, "סיני".

וזהו גם כללות הענין דמתן תורה בהר סיני — כפי שמבאר רבינו הזקן בספר התניא[40] ש"כבר הי' לעולמים מעין זה בשעת מתן תורה, כדכתיב[41] אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו, הראת ממש בראי' חושיית .. מסתכלין[42] למזרח ושומעין את הדיבור יוצא אנכי, וכן לארבע רוחות ולמעלה ולמטה כו'", מעין הגילוי דלעתיד לבוא, שאז תתגלה בפועל כוונת הבריאה — שנתאווה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים[43], היינו, שמציאות התחתונים נעשית דירה לעצמותו ית', בדוגמת הדירה שבה מתגלה האדם בכל עצמותו, "כדכתיב[44] ולא יכנף עוד מוריך, פי' שלא יתכסה ממך בכנף ולבוש"[45].

ט. ויש לקשר האמור לעיל גם עם פ' בחוקותי:

מבואר בדרושי חסידות[46] ש"בחוקותי" הוא מלשון חקיקה, כמו אותיות החקיקה דהלוחות, אשר, החילוק בינם לבין אותיות הכתיבה, הוא, שבאותיות הכתיבה בדיו על הקלף, האותיות הם מהות בפני עצמן (דיו), ולא מהקלף כלל, וגם לאחרי חיבור האותיות עם הקלף הם שני דברים (ועד שיכולים להפריד ביניהם כו'), משא"כ אותיות החקיקה, שהאותיות הם ממהותן ויתירה מזה — מעצמותן של הלוחות אשר נחקקו מהם ובהם, באופן שלא שייך להפריד ביניהם כלל.

וענינו בעבודת האדם — שקיום התומ"צ צ"ל באופן של חקיקה ("בחוקותי תלכו"), היינו, שעניני התומ"צ צ"ל לא כמו דבר נוסף על מציאות האדם, כי אם, שנעשים חקוקים מיני' ובי', מציאות אחת.

וההסברה בזה — ע"פ האמור לעיל שגם פרטי ודקדוקי המצוה (עד לקיומם במעשה בפועל) מצד (וע"י) האדם הם "מסיני", היינו, שגדרי האדם נעשים חדורים בגדרי העליון, "סיני", עד שנעשים מציאות אחת ממש.

ולדוגמא בעבודה בפועל — בלימוד התורה, כפירוש רש"י "אם בחוקותי תלכו, יכול זה קיום המצוות, כשהוא אומר ואת מצוותי תשמרו הרי קיום המצוות אמור, הא מה אני מקיים אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה":

מכיון ש"קיום המצוות אמור", הרי מובן, שבזה נכלל גם הלימוד המוכרח לדעת את המעשה אשר יעשון ואלה אשר לא תעשינה (פרטים ודקדוקים), ובמילא, ההוספה ד"בחוקותי תלכו" היא — "שתהיו עמלים בתורה", היינו, עמל ויגיעה בלימוד התורה גם כשאין זה נוגע למעשה בפועל, חכמתו של הקב"ה מצ"ע (למעלה מגדרי העולם, "סיני"), ועד שכל מציאותו וחיותו היא — תורה, כהמשל דרבי עקיבא שבנ"י ותורה הם בדוגמת "דגים שבים"[47], שמציאותם של הדגים היא — מי הים[48].

---

40) פרק לו.

41) ואתחנן ד, לה.

42) ראה תקו"ז תכ"ב (סד, ב). תנחומא שמות כה. שמו"ר פ"ה, ט.

43) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא שם. ובכ"מ.

44) ישעי' ל, כ.

45) תניא שם.

46) לקו"ת ר"פ בחוקותי, ור"פ חוקת. ובכ"מ.

47) ראה ברכות סא, ב. ע"ז ג, סע"ב.

48) ויומתק ע"פ דעת רשב"ג (מקוואות פ"ו מי"ז. ידים פ"ב מ"ב) דכל שהוא מבריית המים אינו חוצץ.

וממשיך בכתוב ״ואת מצוותי תשמרו״, ״הוו עמלים בתורה על מנת לשמור ולקיים״[49], היינו, שגם הלימוד באופן ד״עמלים בתורה״, חכמתו של הקב״ה מצ״ע, ״סיני״, חודר ונמשך בקיום המצוות בפועל מצד גדרי האדם (והעולם), עד למציאות האדם גופא — שהחיות והתענוג הגשמי הוא מהתורה עצמה (כפי שהיא למעלה מגדרי האדם)[50], ועד שתענוג זה פועל שמנונית בגוף, כמובא בדרושי חסידות[51] ש״אומרים על הר״נ מטשרנאביל שהי׳ שמן בגופו מעניית אמן יש״ר״[52].

י. ויש להוסיף, שבפ׳ בחוקותי מודגש (לא רק בירור וזיכוך האדם, אלא) גם בירור וזיכוך דמציאות העולם:

בהתחלת הפרשה נאמר ״אם בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו גו׳ ונתתי גשמיכם בעתם וגו׳״, וכל שאר הברכות האמורות בפרשה, עד להסיום — ״ואולך אתכם קוממיות״[53].

ובזה נכלל גם שלימות השכר על כללות מעשינו ועבודתינו בקיום התומ״צ — בימות המשיח (״ואולך אתכם קוממיות״), היינו, נוסף על יעודים גשמיים הדרושים לצורך העבודה דקיום התומ״צ[54], אלא גם תכלית השלימות דגילוי אלקות בעולם לעתיד לבוא, שאז יהי׳ שלימות הבירור והזיכוך דגשמיות העולם גופא — ״מלאה הארץ דעה את ה׳״[55] (ע״ד הענין ד״ושבתה הארץ שבת לה׳״).

ויתירה מזה, שלעתיד לבוא חודר גילוי אלקות בהעולם באופן של ״חקיקה״ — ״כמים לים מכסים״[55], היינו, שמציאות הארץ (נוסף על ש״מלאה״ ב״דעה את ה׳״, בדוגמת הברואים שבים שכל מציאותם היא מי הים, ״דעה את ה׳״ — גם) מכוסה לגמרי ב״דעה את ה׳״ ״כמים לים מכסים״.

יב. עפ״ז מובן הלימוד וההוראה (״והחי יתן אל לבו״) מקריאת פרשת בהר־בחוקותי בשבת מברכים חודש

— ואף שאין הלכה כמותו (נת׳ בד״ה וראיתי אני, תרס״ב), הרי פסקינן כוותי׳ בהא דזבחים (כב, א). וכבר שקו״ט בזה בתוי״ט מקואות שם. והאריך בזה בס׳ גולות עליות שם. חיבור לטהרה הל׳ מקואות כלל ב בסופו (לפענ״ד בשנויא דחיקא). ועוד, ואכ״מ.

49) פרש״י עה״פ.

50) ובסגנון דתורת החסידות — שתענוג הנברא הוא מתענוג הבורא (ראה המשך וככה תרל״ז פי״ב. ועוד).

ויש לקשר גם עם שיעור היומי ברמב״ם (הל׳ כלאים פ״ו ה״ה) — ״שתי גנות זו על גב זו התחתונה עשוי׳ כרם . . ואם היתה העליונה עשוי׳ כרם כו׳״:

״שתי גנות זו על גב זו״ — מבואר בלימוד ע״פ פנימיות התורה דקאי על שתי דרגות בענין התענוג (ע״ד הידוע בפי׳ המשנה ״שתי גנות זו על גב זו והירק בינתיים״, דקאי על ג״ע התחתון וג״ע העליון (אוה״ת על מארז״ל ע׳ לו ואילך)).

והנה, מצד גדרי האדם, הרי, ענין ה״כרם״ (שלימות ונחת כו׳) הוא ב״עליונה״, לעת״ל ובעוה״ב, כמארז״ל (אבות פ״ד מי״ז) ״יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי העולם הזה״. אבל, לאמיתתו של דבר, עיקר הכרם הוא — התחתונה, מכיון שנתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים דוקא. ועי״ז בא כל סדר ההשתלשלות — וגם מה שלמעלה מזה, שהרי ע״י שנתאוה כו׳ בא הרצון ״הראשון״ — ראה המשך תרס״ו בתחלתו, ובכ״מ.

ולאחרי כו״כ ענינים צמצומים והמשכות וכו׳ בא מ״ת, שתי גינות וכו׳. ואכ״מ.

ומקדים הרמב״ם ״התחתונה עשוי׳ כרם״ — פס״ד להאדם שגם אצלו צ״ל ״התחתונה עשוי׳ כרם״ — כי, שלימות העבודה שתענוג הנברא הוא מתענוג הבורא, שלכן, ״יפה שעה אחת בתשובה ומע״ט בעוה״ז מכל חיי העוה״ב״ (אבות שם); ורק לאח״ז ממשיך ״ואם היתה העליונה עשוי׳ כרם״ — אם עדיין לא הגיע לשלימות העבודה (כהסדר באבות — מילי דחסידותא — שמקדים ״יפה שעה אחת בתשובה ומע״ט בעוה״ז״, ואח״כ מוסיף ״יפה שעה אחת של קורת רוח בעוה״ב״).

51) סה״מ תרע״ח ע׳ קצט. ״היום יום״ ט״ו תמוז.

52) וענין זה נעשה הוראה לכאו״א שגם אצלו יכול להיות מעין זה.

53) כו, יג. וראה ב״ב עה, א. וש״נ.

54) ראה רמב״ם הל׳ תשובה רפ״ט.

55) ישעי׳ יא, ט. וראה רמב״ם הל׳ מלכים בסופו.

סיון — שההכנה למתן תורה החל משבת מברכים חודש סיון (נוסף על ההכנה במשך כל ימי הספירה) צריכה להיות בהתאם ללימוד והוראה דפרשת השבוע ("לחיות עם הזמן") — "בהר־בחוקותי":

לכל לראש — בנוגע ללימוד התורה, כמובן, שההכנה העיקרית לקבלת התורה היא ע"י לימוד התורה [ובפרט הלכות החג[56], כולל ובמיוחד — לימוד חלקי התורה המבארים גודל והפלאת הענין דמ"ת (הן בנגלה דתורה, ולדוגמא: הסוגייא דמ"ת במסכת שבת[57], והן דרושי מ"ת בתורת החסידות), שעי"ז ניתוסף בהתשוקה והגעגועים לקבלת התורה] — שהלימוד חדור בידיעה והכרה ש"נאמרו כללותי' ופרטותי' ודקדוקי' מסיני", שעי"ז נעשה הלימוד ע"ד ובדוגמת מתן תורה בסיני[58], "מה להלן באימה וביראה כו' אף כאן כו'" (כנ"ל), ובאופן של יגיעה — "שתהיו עמלים בתורה", ועד שהתורה נעשית אצלו באופן ד"חקיקה".

ומזה נמשך גם בעבודתו בבירור וזיכוך חלקו בעולם, ע"י קיום המצוות במעשה בפועל, כולל גם ההתעסקות בעניני הרשות באופן (ד"כל מעשיך יהיו לשם שמים"[58*], ובאופן) ד"בכל[59] דרכיך דעהו"[60] (כולל תורת הבעש"ט הידועה[61] שמעניני העולם גופא למדים הוראות בעבודת ה'[62]) — שממשיך בחלקו בעולם העילוי ד"סיני", "ושבתה הארץ שבת לה'", עד לאופן של חקיקה, מעין ודוגמת השלימות דלעתיד לבוא[62*] (כשיקויים היעוד "ואולך אתכם קוממיות") — "מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים".

ופשיטא — שעוד לפנ"ז צ"ל תכלית הזהירות מענינים בלתי־רצויים, "סור מרע"[63], וכדיוק הלשון בהתחלת פרק חמישי דאבות (שלומדים בשבת זו) "ליפרע מן הרשעים" ואח"כ "ליתן שכר טוב לצדיקים", די"ל הביאור בהלימוד וההוראה ב"מילי דחסידותא"[64], שתחילה צ"ל הסרת הענינים המונעים

---

56) ראה שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תכט.

57) פו, א ואילך.

58) ראה תו"א יתרו סז, ב.

*58) אבות פ"ב מי"ב.

59) משלי ג, ו.

60) ראה בארוכה שיחת ל"ג בעומר. ועוד.

61) "היום יום" ט' אייר. כש"ט הוספות סקכ"ז־קכט. וש"נ.

62) וי"ל שמרומז גם בהתחלת פרק חמישי (שלומדים בשבת זו) — "בעשרה מאמרות נברא העולם, ומה תלמוד לומר, והלא במאמר אחד יכול להבראות כו'" — דלכאורה, יכול לשאול "והלא במאמר אחד כו'" ללא ההקדמה ד"ומה תלמוד לומר"? וי"ל, שבזה מרומז שכאשר יהודי שומע ע"ד ענין בעולם, ובפרט בנוגע לתחלתו ובריאתו "בעשרה מאמרות נברא העולם", עליו לשאול ולברר: "מה תלמוד לומר", מהו הלימוד וההוראה מענין זה בעבודתו לקונו, תכלית בריאת האדם.

*62) כי, הגילוי דלע"ל הוא הכוונה והתכלית דבריאת העולם "שלכך נברא מתחלתו" (תניא פל"ו), ולכן, כשהעבודה היא באופן ד"חקיקה", שנרגש אצלו שכוונת הבריאה היא (לא כמו דבר נוסף על העולם, אלא היא) ענינו הפנימי דהעולם גופא, אזי, גם ב"שש שנים" (— לפני הגאולה) נרגש אצלו כבר הענין ד"שבת להוי'".

63) ל' הכתוב — תהלים לד, טו. לז, כז.

64) ולכן, אין זה בסתירה להמדובר כמ"פ (ראה גם שיחת ש"פ אחו"ק ס"ח) שיש להתחיל מיד ב"ועשה טוב" ועי"ז יתברר הרע בדרך ממילא* (ראה גם לקו"ת שה"ש מח, ג) — כי, המדובר כאן בדרגא נעלית בעבודה, "מילי דחסידותא", ובזה גופא — בפרק חמישי (דרגא חמישית, לאחרי הקדמת ד' הפרקים־דרגות שלפנ"ז), שאז, יש צורך בשימת־לב מיוחדת על תכלית הזהירות מענין בלתי־רצוי (לפי ערך דרגתו כו') כהכנה להעילוי והשלימות ב"עשה טוב".

---

*) ועד"ז בעניני שכר ועונש — הסדר דפ' בחוקותי, שתחילה נאמר ענין השכר ("ליתן שכר טוב לצדיקים"), ורק אח"כ נאמר גם ענין העונש ("ליפרע מן הרשעים"), "ימין מקרבת" ואח"כ "שמאל דוחה" (ראה שיחת ש"פ אחו"ק הנ"ל).

והמבלבלים והבלתי־רצויים (״ליפרע מן הרשעים״), ואח״כ יכול להיות (בשלימות) העלי׳ בקודש בעניני ״עשה טוב״ (״ליתן שכר טוב לצדיקים״)[65], ובנדו״ד, שלימות הבירור והזיכוך דהגוף ונה״ב (תוכן העבודה דספה״ע), כדי שהגילוי דקבלת התורה יומשך ב״כלי״ נקי ומזוכך בשלימות[66].

ונוסף לזה, יש לעסוק גם בהענינים שדובר אודותם בשנים האחרונות (כהוספה על כל האמור לעיל), כולל בנוגע לפועל — להשתדל להביא כל ילדי ישראל לבית־הכנסת (לכל הפחות) לשמיעת עשרת הדברות ב״זמן מתן תורתנו״, ״כאילו אתם עומדין לפני הר סיני ומקבלין את התורה״[67], ובהדגשה יתירה בשנה זו — ג׳ אלפים וג׳ מאות למתן תורה, וגם שנת הקהל, ״הקהל את העם האנשים והנשים והטף״[68], ״כיום שניתנה בו בסיני״[69].

יג. ויה״ר שע״י ההכנה והליכה והוספה בה שתהא מתאימה לקבלת התורה — נזכה לשלימות הגילוי דמתן תורה לעתיד לבוא, ״תורה חדשה מאתי תצא״[70].

ובפשטות — שתיכף ומיד זוכים לקיום היעוד ״ואולך אתכם קוממיות״ לקבלת פני משיח צדקנו, ״בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[71], ו״כספם וזהבם אתם״[72] (בגשמיות, ועאכו״כ ברוחניות[73]), ועאכו״כ הבתי־כנסיות ובתי־מדרשות שעתידין שיקבעו בארץ ישראל[74], כולל גם בתיהם הפרטיים של בנ״י שנעשו ע״י פעולות האנשים והנשים והטף שבהם ע״ד ובדוגמת ״מקדש מעט״[75].

וכפי שקורין תיכף בתפלת מנחה אודות מנין בנ״י — ״מתוך חיבתן לפניו״[76], שמתגלית שלימות חיבתן של ישראל אצל הקב״ה שבאה לידי ביטוי

---

65) להעיר גם מלקו״ת פרשתנו (בהר מ, ד ואילך) ״בתחלה ושבתה הארץ בבחי׳ סור מרע, ואח״כ שבת לה׳ בבחי׳ ועשה טוב . . צריך כל אחד ואחד לעבוד בנפשו עבודת הכרם, לקצץ הקוצים, דהיינו המדות נפשיות שבאדם הבאות מנפשו החיונית . . ואז אחר הבירור שבת שבתון יהי׳ לארץ כו׳״.

66) ראה לקו״ת בלק ע, ג: כמשל המלך ב״ו שרוצים לעשות לו דירה נאה שצריכים לפנות ההיכל מכל לכלוך . . ואח״כ לסדר שם כלים נאים. וראה סה״ש תש״ג ע׳ 174, שעבודה מסודרת ואמיתית באה לאחרי הקדמת ההכשרה, כי, לולי ההכשרה מאבד ומלכלך ח״ו עניני העבודה ד״עשה טוב״, עד״מ נתינת מאכל טוב ומתוק בכלי בלתי נקי, שעי״ז מאבד המאכל הטוב.

67) פסיקתא דר״כ פ׳ בחודש השלישי (הובא ברוקח סרצ״ו).

68) וילך לא, יב.

69) רמב״ם הל׳ חגיגה פ״ג ה״ו.

70) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג.

71) בא יו״ד, ט.

72) ישעי׳ ס, ט.

73) ראה תו״א ר״פ וישב. ובכ״מ.

74) מגילה כט, א. — ולכאורה פשוט, שהכוונה אינה רק לבתי־כנסיות ובתי־מדרשות שקיימים בהוה (בזמן הגאולה), אלא גם לאלו שהיו קיימים במשך הדורות שלפנ״ז [אע״פ שחרבו כו׳ — ולהעיר מפס״ד הרמב״ם (הל׳ ביהב״ח פ״ו הט״ז) ש״קדושת המקדש (וי״ל — זיל בתר טעמא — דכולל מקדש מעט) . . מפני השכינה ושכינה אינה בטלה, והרי הוא אומר (פרשתנו כו, לא) והשמותי את מקדשיכם . . אע״פ ששמומין בקדושתם הן עומדים״], שהאבנים העצים והעפר כו׳ שמהם נעשו הבתי־כנסיות והבתי־מדרשות (שהגנו על בנ״י שיוכלו להתפלל וללמוד כו׳, ו״ספגו״ את אותיות התפלה והתורה כו׳) — בודאי יקבלו שכרם שיחזרו ויקבעו בארץ ישראל.

וי״ל, שעד״ז הוא גם בנוגע להר סיני, ואדרבה — במכ״ש וק״ו — להיותו ה״סיבה״ לכל עניני התומ״צ, שהם נצחיים (ראה תניא פכ״ה: ״יחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד, אלא שלמטה הוא תחת הזמן כו׳״ — בעולם הזה דוקא, עולם השינוי, משא״כ לעתיד לבוא — מצב שלמעלה משינוי*).

75) ראה יחזקאל יא, טז. מגילה שם.

76) פרש״י ר״פ במדבר.

---

*) כולל גם השינוי שנעשה בהקדושה דהר סיני ע״פ תורה — ״במשוך היובל המה יעלו בהר״ (יתרו יט, יג) — דלכאורה תמוה ביותר וביותר לומר שלעת״ל ישאר הר סיני במקומו עתה קרוב לרפידים וכו׳ וישאר כן לנצח! ועכצ״ל שלעתיד לבוא יתבטל שינוי זה.

במנין העשירי[77], "עוד תעבורנה הצאן על ידי מונה"[78], לא רק ע"י משה ואהרן ("תפקדו גו' אתה ואהרן"[79]), אלא ע"י הקב"ה בעצמו — "אני אספור אתכם"[80].

ואז זוכים גם לקבלת התורה מהקב"ה בעצמו — "תורה חדשה מאתי תצא", מתוך שמחה וטוב לבב, "בשמחה ובפנימיות"[81], ובפרט בשנה זו — שנת תִשְמַח ותְשַמַח, עד לשלימות השמחה — "שמחת עולם על ראשם"[82].

77) ראה יל"ש ר"פ תשא. במדב"ר פ"ב, יא. וש"נ.

78) ירמי' לג, יג.

79) במדבר שם.

80) יל"ש שם.

81) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1307. ח"ח ע' 272. חי"ג ע' 158. ועוד.

82) ישעי' לה, יו"ד. נא, יא.

בס"ד. שיחת ש"פ בהר בחוקותי, מבה"ח סיון ה'תשמ"ח.

הנחת התי' בלתי מוגה

א. כרגיל הויבט מען אן מיט דעם ענין פון "והחי יתן אל לבו"[1] פון די ענינים המיוחדים אין דעם זמן, אנהויבנדיק פון די שיעורי תורה פון דעם זמן, ווארום אסתכל באורייתא וברא עלמא[2] - סיי פון פרשת השבוע בפשטות, און סיי פון דער הסיד'ישער פרשה פון דער וואך, וואס אין דעם איז דא דער "והחי" אין דעם זמן, דעריבער דארף אין דעם זיין "יתן אל לבו".

ומובן, אז וויבאלד אלע ענינים פון תורה ומצוות דארפן זיין בשמחה ובטוב לבב - איז אויך דער "והחי יתן אל לבו" נאר אין ענינים פון טוב הנראה והנגלה בפשטות.

ב. וואס דער ענין פון "והחי יתן אל לבו" איז נאכמער בהדגשה אין דעם שבת, שבת מברכים ראש חודש סיון, וואס אין דעם טאג (ר"ח סיון) דריי טויזנט און דריי הונדערט יאר צוריק זיינען אידן געקומען צו הר סיני, "ויחן שם ישראל נגד ההר", "כאיש אחד בלב אחד"[3], און זיי זיינען דעמולט געווארן ראוי צו מקבל זיין די תורה בא מתן תורה - וואס דעמולט איז געווען גילוי אלקות באופן אז דאס האט דורכגענומען די גאנצע וועלט, ביז אז "שור לא געה כו'"[4], ובכל ד' רוחות העולם האט זיך געהערט דער קול פון "אנכי ה' אלקיך"[5], ביז אז בא מ"ת איז געווען "מעין" פון דער גילוי פון "לא יכנף עוד מוריך גו'"[6] לעתיד לבוא (כמבואר בתניא[7]).

והימים האלה נזכרים ונעשים[8], די אלע ענינים חזר'ן זיך איבער מיטן גאנצן שטורעם בר"ח סיון מדי שנה בשנה, ואין כל צורך להאריך בזה, מערניט ווי באווארענען דעם טעות וואס קען ארויסקומען מצד דעם חושך הגלות, ובפרט בעקבתא דמשיחא, אז תורה און וועלט זיינען צוויי באזונדערע זאכן, ווארום ע"פ תורה ווערט די וועלט אנגערופן בשם עולם מלשון העלם והסתר[9], במילא קען מען מיינען אז די הוראות התורה זיינען אפגעטיילט פון וועלט וכו' - דעריבער דארף מען באווארענען אז באמת

---

1) קהלת ז, ב. 2) זח"ב קסא, סע"א ואילך. ועוד. 3) יתרו יט, ב ובפרש"י. 3) יתרו יט, ב ובפרש"י. 4) שמו"ר ספכ"ח. 5) תנחומא שמות כה. שמו"ר פ"ה, ט. תקו"ז תכ"ב (סד, ב). 6) ישעי' ל, כ. 7) פל"ו. 8) ל' הכתוב - אסתר ט, כח. וראה רמ"ז בס' תיקון שובבי"ם. הובא ונת' בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט. 9) לקו"ת שלח לז, ד. ועוד.

איז תורה פארבונדן מיט וועלט און די הוראות ווערן נמשך גלייך אין וועלט, ביז אז וועלט ווערט איין מציאות מיט תורה.

דערפון איז מובן, אז שטייענדיק בשבת מברכים ר"ח סיון, וועלכע בענטשט דעם טאג פון ר"ח סיון ווען עס חזר'ט זיך איבער דער ענין פון "ויחן שם ישראל נגד ההר", און מ'איז געווארן ראוי לקבלת התורה [ניט נאר צו מתן תורה מלמעלה, נאר דער עיקר וואס איז איצטער נוגע - קבלת התורה ע"י האדם] - איז דאס נאכמער מדגיש דעם ענין פון "והחי יתן אל לבו" פון די שיעורי תורה שבזמן זה, וואס פון זיי ווערט נמשך אין עולם און זיי נעמען דורך עולם.

און כאמור לעיל - דוקא אין אן אופן פון טוב הנראה והנגלה, ווארום היות אז דאס איז פארבונדן מיט דער גילוי אלקות בא מ"ת, ביז באופן פון "אנא נפשית כתבית יהבית"[10], אז דער אויבערשטער אליין האט זיך ארייגעגעבן בתורתו - איז דאס זיכער אין אן אופן פון "באור פני מלך חיים"[11].

ג. דערצו איז דא נאך א מעלה אין דעם שבת, וואס פון איר קומט מען צו סיום ספירת העומר, וואס טוט אויף דעם ענין פון "יושפע שפע רב בכל העולמות",

אנהויבנדיק דורך דעם וואס דאס איז משפיע שפע רב צו אידן, וואס "את העולם נתן בלבם"[12], במילא טוט עס אויף אויך השפעה שפע רב בעולם, אנהויבנדיק פון עולם הזה התחתון, וואו עס ווערט דער דירה בתחתונים, וואס דורך דעם ווערט אויפגעהויבן "כל העולמות" אין גאנץ סדר השתלשלות,

ובפרט אין א שנת הקהל, הקהל פון אלע אידן, האנשים והנשים והטף, ווערט דורך דעם אויך "הקהל" פון "כל העולמות", אז "יושפע שפע רב בכל העולמות".

און אין אן אופן פון שמחה - זייענדיק אויך א שנת תישמח ותשמח, וואס שמחה איז פורץ אלע גדרים.

ד. ונוסף צו דעם עילוי מצד הזמן, איז אויך דא די מעלה מצד

---

10) שבת קה, א. 11) משלי טז, טו. 12) קהלת ג, יא. 13) ראה המשך שמח תשמח תרנ"ז (ס"ע רכג ואילך).

המקום - אז מ'שטייט איצטער אין א "בית גדול"[14] פון גדול הדור, כ"ק מו"ח אדמו"ר - מקום שמגדלין בו תורה ותפלה[15] וצדקה.

וואס דאס גיט צו נאכמער, סיי מצד הזמן גרמא און סיי מצד מעלת המקום, אז ס'איז א זמן ומקום מסוגל אויף דעם ענין פון "והחי יתן אל לבו" פון די שיעורי תורה דזמן זה.

ה. ויה"ר אז בקרוב ממש זאל זיין דער שלימות הגילוי פון השפעת שפע רב בכל העולמות - בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו

וואס דעמולט וועט אויך זיין "ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[16], "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[17], און מ'וועט אריינגעשטעלט אין ארץ הקודש, ובשלימותה - "ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[18], און דארטן גופא - אין ירושלים עיר הקודש, וואס אויף איר שטייט אויך "רחבה"[19], און דארטן גופא - אין בית המקדש, און אין נקודתה הפנימית - קדש הקדשים, צוזאמען מיט נקודה הפנימית פון אידן, און נקודה הפנימית פון זמן,

וואס אויף די דריי ענינים פון עולם שנה נפש איז דער יסוד פון ספר יצירה[20], ד.ה. דער יסוד ניט נאר פון בריאה נאר אויך פון דער צורה (יצירה), און דורך עבודת האדם - ווערט עס אויך נמשך אין עשי'.

וכל זה - באופן של זריזות הכי גדולה, אבער ניט א זריזות וואס ווייזט אז מ'האלט נאך פאר דער זאך אליין, נאר ווי מ'געפינט זיך שוין אין דעם ענין עצמו, און ניט נאר בתחלה, נאר באמצע, וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט שלימות, ע"ד ווי באמצע החודש איז קיימא סיהרא באשלמותא[21].

און עס ווערט נתגלה חיבתן של כאו"א מישראל, ווי מ'לערנט אין דער פרשה וואס מ'גייט לייענען בתפלת מנחה - "מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה",

14) מ"ב כה, ט. 15) מגילה כז, א. 16) ישעי' כז, יב. 17) בא י, ט. 18) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. ובספרי ופרש"י שם. 19) יחזקאל מא, ז. 20) אוה"ת יתרו ע' תתטז. סה"מ תרכ"ח ע' קמד. 21) זח"א קנ, רע"א. ח"ב פה, א. רטו, א. רכה, סע"ב.

ולפני זה - לייענט מען בשבת זה פ׳ בהר בחוקותי, וואס איינער פון די ביאורים בזה איז, אז ס׳איז דא דער ענין פון ״בהר״ - דער ענין הצמיחה, ביז צומח שבדומם (כמדובר אין די שנים שלפנ״ז[22]), און אין אן אופן פון ״בחוקותי״ מלשון חקיקה[23], ״חרות על הלוחות״[24], אז דאס נעמט דורך זיין מציאות.

ולא עכבן אפילו כהרף עין[25], אז ס׳איז ניטא אפילו קיין קס״ד אז א דבר הפכי זאל מעכב זיין, ועאכו״כ אז ס׳איז ניטא דער עיכוב אליין,

ומתוך שמחה וטוב לבב.

* * *

ו. רעדנדיק וועגן דעם ענין פון ״והחי יתן אל לבו״ איז ארויסגעקומען א דבר מוזר:

מ׳דארף ניט פארגעסן אז די אלע ענינים בהתעוררות לקיום התומ״צ וואס קומען צו מצד ״והחי יתן אל לבו״ זיינען ענינים **נוספים** על העיקר, צו דעם וואס שטייט בפשטות אין תורה שבכתב, תורה שבעל-פה, שולחן ערוך, קיצור שולחן ערוך, און די ״קיצורים״ בכל שפה ושפה בכל מקום ומקום, לויט די מנהגי המקום וכו׳!

ס׳איז אבער מובן ופשוט, אז עס האט קיין ארט ניט אז מ׳אל שטורעמען נאר וועגן די ענינים **נוספים** און ניט וועגן דעם עיקר!

ווי דאס איז בנדו״ד בנוגע צו די הכנות צו חג השבועות:

עס זיינען פאראן די וואס האבן שוין אנגעהויבן שטורעמען וועגן די הכנות צו חג השבועות, ובניהם - ברענגען די קינדער אין שול צו הערן די עשרת הדברות, מוסיף זיין בצדקה וכו׳.

דארף מען אבער וויסן אז די אלע זאכן זיינען א **הוספה** אויף דעם עיקר, וואס דער עיקר ההכנה צו חג השבועות, זמן מתן תורתנו, איז - דורך פשוט מוסיף זיין בלימוד התורה ובקיום המצוות בהידור!

---

22) קונטרס משיחת ש״פ בהו״ב תשמ״ז. וש״נ. 23) לקו״ת ר״פ בחוקותי ור״פ חוקת. 24) תשא לב, טז. 25) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.

און אויף דעם האט מען געגעבן מ״ט ימי הכנה (של ימי הספירה), וואס כללות ענינם איז - צו מבטל זיין אלע ענינים וואס זיינען היפך פון קבלת התורה, ווי ס'איז מבואר בכ״מ, געגוג ווי ס'איז מבואר אין ספרי מוסר, עאכו״כ אין ספרי חסידות, ביז פון נשיא דורנו.

ובפשטות - אז די עיקר הכנה מתאימה צו קבלת התורה, איז צו מוסיף זיין אין תורה און אין שמירת המצוות - מצוות לא תעשה (וואס שמירה בכלל גייט אויף לא תעשה), און קיום מצוות עשה ("בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו"[26]),

ובמיוחד ובהדגשה - אין **לימוד התורה**, אלס א הכנה צו קבלת התורה.

און ס'איז פארשטאנדיק בפשטות (מ'דארף אויף דעם ניט זיין קיין משכיל הכי גדול...) ווי עס קען זיין ביידע זאכן צוזאמען (סיי לימוד התורה, און סיי אז דאס איז א **הכנה** צו קבלת התורה) - ווייל בשעת מ'לערנט אין תורה הלכות שבועות און עניני מתן תורה איז דאס סיי דער ענין פון לימוד התורה בפועל, און סיי א הכנה צו קבלת התורה, ווייל כל העוסק בתורת כו' כאילו כו'[27], ועאכו״כ בעניננו אז דאס איז ניט "כאילו" (ווי בא הקרבת קרבנות) נאר די זאך אליין (די מצוות כו' פון חג השבועות).

נאר **בהוספה** על זה קומען צו די ענינים וועלכע מ'האט אויף זיי מעורר געווען (ווי ברענגען קינדער אין שול צו הערן די עשה״ד, וכיו״ב), וואס באמת זיינען זיי זאכן וואס מ'האט זיך אויף זיי געדארפט אליין כאפן, נאר מפני חושך הגלות כו' דארף מען אנקומען אין דעם צו א התעוררות וסיוע ונתינת כח מיוחדת וכו'.

ז. הביאור בפרש״י בריש פרשתנו והלימוד ב"והחי יתן אל לבו" - הוגה ע״י כ״ק אדמו״ר שליט״א ונדפס לעיל.

* * *

ח. מאמר (כעין שיחה) ד״ה אם בחוקותי תלכו.

ט. [לאחרי סיום המאמר אמר:]

די וואס האבן צוגעשטעלט משקה צוליב א בית חב״ד, אן ענין

---

26) ר״פ בחוקותי. 27) סוף מנחות.

של תורה ותפלה וכיו"ב - זאלן איצטער ארויפגיין און און זאגן לחיים און מכריז זיין און מזמין זיין די מסובים כאן.

ויהי"ר אז פון דעם זאל מען קומען צו דעם "בית גדול" - ביהמ"ק השלישי, "מקדש אד' כוננו ידיך"[28], "ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל", און מ'טאנצט אלע לגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און מ'מאכט א חסיד'ישן פארברענגען "כמים לים מכסים"[29],

ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

י. ס'איז אויך דא אן ענין אין "והחי יתן אל לבו" וואס מ'קען ארויסנעמען פון דעם פרק (בפרקי אבות) וואס מ'לערנט דעם שבת.

דער פרק פון היינטיקע וואך איז פרק חמישי, וואס דאס איז מרמז אויף דעם ענין פון ה"א, כמדובר לעיל[30] הענין בזה, "בה"א נברא עולם הזה"[31] וכו'.

כמדובר כמ"פ אז מ'קען און מ'דארף זיך אפלערנען אויך פון די חלוקת פרקי המשניות וואס איז מסודר געווארן דורך רבינו הקדוש, וואס ער ווערט אנגערופן "רבינו הקדוש" ניט נאר בדורו נאר בכל הדורות, ביז בדורנו זה, ד.ה. אז ער איז ניט פון אמאל, נאר ער איז "רבינו", און דערצו - אויך ווי ער איז "הקדוש" איז ער "רבינו".

איז דאך דערפון מובן, אז מ'דארף זיך לערנען פון אלע זיינע הנהגות ועאכו"כ פון זיינע תורות, כולל פון די משניות אין פרקי אבות בפרק חמישי [וועלכע איז אויך א המשך צו די פרקים שלפנ"ז, און א הכנה צו דעם פרק שלאח"ז, דאע"פ וואס דאס איז א פרק פון ברייתות, וואס ברייתא איז מלשון חוץ[32] (חוץ פון (משניות שנדרש ב)בית מדרשו של רבינו הקדוש), איז אבער וויבאלד אז מ'האט דאס מצרף געווען מיט די ערשטע חמשה פרקים,

---

28) בשלח טו, יז. 29) ישעי' יא, ט. 30) בהמאמר ד"ה אם בחוקותי תלכו. 31) מנחות כט, ב. 32) ראה לקו"ת שה"ש מא, ב. ובכ"מ.

דארף מען זאגן אז דאס איז א המשך, ובפרט אז "רבי לא שנה ר' חייא מנא לי"[33]].

ועד"ז איז אויך רגיל אפלערנען אן ענין אין "והחי יתן אל לבו", לתקן הדיעות כו'[34], פון דעם שיעור היומי ברמב"ם, כמנהג ההולך ומתפשט צו לערנען בכל יום א שיעור אין רמב"ם פון ג' פרקים ליום.

אבער כמובן, אז לכל לראש (פאר דעם וואס מ'נעמט דערפון ארויס א לימוד בתיקון הדיעות) דארף מען פשוט פארשטיין די הלכות וואס מ'לערנט בפשטות, ווי דאס איז בנוגע צו יעדער זאך אין תושבע"פ (אויך חלק ההלכה, כולל אויך ספר משנה תורה להרמב"ם וועלכע איז פארבונדן מיט "משנה תורה" שבתושב"כ), אז מ'דארף פארשטיין וואס מ'לערנט, ובפרט אז בתושבע"פ איז דאס נוגע צו קענען מאכן ברכת התורה[35].

יא. אין דער ערשטער משנה פון היינטיקן פרק לערנט מען: "בעשרה מאמרות נברא העולם, מה תלמוד לומר והלא במאמר אחד יכול להבראות, אלא להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות, וליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות".

איינער פון די דיוקים אין דער משנה (צווישן די כו"כ דיוקים, ווי מ'האט שוין אמאל גערעדט): פארוואס זאגט ער "ומה תלמוד לומר" - עס וואלט לכאורה גארניט געפעלט אויב עס וואלט געשטאנען "בעשרה מאמרות נברא העולם והלא במאמר אחד כו'"?

איז דער ביאור בזה, אז פון דער שאלה ("ומה תלמוד לומר") גופא איז דא א הוראה צו א אידן (נאך איידער ער לערנט דעם ענטפער בההמשך המשנה) - אז פון יעדער זאך וואס ער זעט אדער הערט דארף ער זיך אפלערנען, און אפלערנען בנוגע צו דער ענין עיקרי שלו - לשמש את קונו, כתורת הבעש"ט הידועה[36]:

בשעת א איד הערט אז "בעשרה מאמרות נברא העולם" - דארף ער פרעגן "מה תלמוד לומר", וואס לערנט מען דערפון אפ אין עבודת ה'.

---

33) עירובין צב, א. וש"נ. וראה תענית כא, א. 34) רמב"ם סוף הל' תמורה. 35) הל' ת"ת לאדה"ז ספ"ב. 36) כש"ט הוספות סקכ"ו ואילך.

דלכאורה קען דער קלוגינקער קומען און אים וועלן איינרעדן, אז היות דו ביסט א מאמין בן מאמין[37], איז וואס האסטו צו טראכטן וועגן דעם טעם פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די בריאה באופן מסויים ("בעשרה מאמרות נברא העולם")! ובפרט אז דו האלטסט שוין בא פרק חמישי פון פרקי אבות, ד.ה. אז דו האסט שוין אפגעלערנט די ערשטע פיר פרקים פון "מילי דחסידותא"[38], און לפני זה - אלע מסכתות וואס קומען פאר דער לימוד פון "מילי דחסידותא" במסכת אבות, במילא האסטו שוין באווארנט די ענינים ע"פ דין, כולל "מילי דנזיקין"[38], און איצטער האלטסטו שוין בא מדת החסידות - איז ווי קומטסטו טראכטן פארוואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט בעשרה מאמרות?!

אויף דעם קומט די הוראה פון משנה - "מה תלמוד לומר", אז ניט נאר וואס ער מעג טראכטן, נאר אדרבה - דאס איז דער סדר אין תורה, אז צוזאמען דערמיט וואס ער איז א מאמין ("זה א-לי"[39]) און א בן מאמין ("אלקי אבי"[39]), און ביחד עם זה וואס ער איז א חסיד, איז בשעת ער דערהערט אז "בעשרה מאמרות נברא העולם" דארף ער פרעגן "מה תלמוד לומר", וואס קומט עס לערנען!

ועאכו"כ אז אזוי איז דאס בנוגע צו יעדער זאך וואס א איד זעט אדער הערט, אז ער דארף דערפון ארויסלערנען א לימוד "מה תלמוד לומר", במכ"ש דערפון וואס ער דארף זיך אפלערנען פון אופן הבריאה ע"י הקב"ה.

יב. דערנאך איז די משנה ממשיך, אז דער לימוד ("תלמוד לומר") פון "בעשרה מאמרות נברא העולם" איז - "אלא להפרע מן הרשעים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות וליתן שכר טוב לצדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות".

וואס דא פאדערט א ביאור: תורה איז דאך כולו טוב, און דער אויבערשטער איז עצם הטוב ומטבע הטוב להטיב[40] - איז ווי קומט עס אז די משנה הויבט אן מיט דעם צד ההפכי ("להפרע מן הרשעים") און ניט מיטן צד הטוב ("ליתן שכר טוב לצדיקים")?!

---

37) שבת צז, א. ועוד. 38) ב"ק ל, א. 39) בשלח טו, ב. 40) עמה"מ שער שעשועי המלך רפ"א. שעהיוה"א פ"ד. ועוד. וראה ד"ה אתה אחד לאדהאמ"צ ע' ד. וש"נ.

איז דער ביאור אין דעם - אז דער סדר גופא באווארנט אז עס זאל זיין תכלית הטוב:

בכדי אז דער אדם זאל זיין א כלי צו מקבל זיין טוב האמיתי, עס זאל זיין רוב טוב שיכולים לקבל - דארף זיין די הקדמה פון ״סור מרע״, אז ער זאל זיין א כלי נקי צו קענען מקבל זיין טוב, כמשל הידוע פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, אז בשעת מ׳גיסט אריין א זאך אין כלי שאינו נקי איז דאס מקלקל די זאך, ובמילא איז דאס נאך גורם א ירידה יתירה.

און ווי ס׳איז פארשטאנדיק אויך צו א (בן חמש למקרא, ועאכו״כ צו א) בן עשר למשנה, וואס ע״פ טבע האט ער ״יצר לב האדם״[41], און ״אקדמי׳ טעניתי׳״[42], און ער געפינט זיך אין א גרויסע וועלט, ואתם המעט מכל העמים[43] - דארף ער לכל לראש האבן א באווארעניש פאר זיין יצר בכדי ער זאל דערנאך קענען מקבל זיין בשלימות דער טוב פון תומ״צ.

דעריבער איז די משנה מקדים דעם צד השלילי, וואס באווארנט דעם יצר, און דערנאך ווערט מען א כלי צו דעם טוב פון ״ליתן שכר לצדיקים כו׳״.

[ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואס מ׳זאגט לאחרי סיום הפרק - ״רצה הקב״ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות״[44], וואס ״תורה ומצוות״ איז כולל סיי מצוות עשה און סיי מצוות לא תעשה, און ביידע זיינען אן ענין של ״זכות״ (״לזכות את ישראל״), ווייל דורך שמירת מצות לא תעשה און שלילה פון ״רשעים שמאבדין כו׳״ באווארנט מען אז דער נאך זאל מען זיין א כלי אויף מקבל זיין שלימות הטוב כו׳, כנ״ל].

עפ״ז וועט מען אויך פארשטיין דעם כפל ושילוש לכאורה אין משנה, וואס ער חזר׳ט איבער דריי מאל דעם לשון אז העולם נברא בעשרה מאמרות: ״בעשרה מאמרות נברא העולם״, ״רשעים שמאבדין את העולם שנברא בעשרה מאמרות״, ״צדיקים שמקיימין את העולם שנברא בעשרה מאמרות״, דלכאורה האט עס געקענט שטיין דעם ערשטן מאל, און דערנאך נאר זאגן ״שמאבדין את העולם...שמקיימין את העולם״?

---

41) נח ח, כא. 42) זח״ג קע, א. 43) ואתחנן ז, ז. 44) מכות ספ״ג.

איז דער ביאור אין דעם, אז יעדערער פון די דריי מאל רעדט זיך וועגן אן אנדער דרגא אין די עשרה מאמרות שבהם נברא העולם [ע"ד ווי מ'האט גערעדט[45] בנוגע צו דער משנה[46] "המסתכל בשלשה דברים כו'", וואו ער חזר'ט לכאורה איבער דריי מאל די זעלבע זאך, אז יעדער בבא רעדט וועגן אן אנדער זאך]:

"בעשרה מאמרות נברא העולם" איז די ערשטע דרגא אין די עשרה מאמרות שבהם נברא העולם - ווי דאס איז מצד הבריאה; דערנאך בשעת מ'באווארנט דעם ענין פון "סור מרע" אז עס זאל זיין ניט זיין "מאבדין את העולם" - ווערט אויפגעטאן אן עילוי אין עולם שנברא בעשרה מאמרות לגבי ווי דער עולם שנברא בעשרה מאמרות איז מצד הבריאה; און דערנאך ווען צדיקים זיינען מקיים את העולם שנברא בעשרה מאמרות, ווערט אויפגעטאן נאך א העכערע עלי' אין דעם עולם שנברא בעשרה מאמרות.

דעריבער זאגט די משנה יעדער מאל אז העולם נברא בעשרה מאמרות, ווייל יעדער מאל רעדט זיך וועגן א באזונדערע דרגא אין עולם שנברא בעשרה מאמרות.

יג. בנוגע צו דעם ענין פון "והלא במאמר אחד יכול להבראות" - זיינען אין דעם פאראן צוויי פירושים כידוע[47]: איין פירוש אז "במאמר אחד" גייט אויף ספירת המלכות וואס איז למטה פון די עשרה מאמרות[48], א צווייטער פירוש אז דאס גייט אויף בחי' אריך (כתר), וועלכע איז העכער פאר די עשרה מאמרות[49].

ויש לומר אז די צוויי פירושים זיינען פארבונדן זה בזה - ווייל דער שרש פון מלכות איז אין כתר.

וע"ד דער תיווך אין חסידות[50] צווישן די צוויי פירושים אין פרדס[51] בנוגע צו די י"ג מדות הרחמים: (א) ר' האי גאון זאגט אז "השלש ראשונות של י"ג מדות הם למעלה מע"ס כו', זהו כח"ב שבכתר, הן הג' הנוסף על הע"ס וזהו יג"מ". (ב) רב חמאי ברענגט אז "היתרות של עשר ספירות הן שלשה מדות אחרונות כו' בבריאה יצירה עשיי' ממש", ד.ה. למטה פון די עשר ספירות.

---

45) שיחת ש"פ אחו"ק. 46) אבות רפ"ג. 47) ראה סה"מ תש"ד ע' 67 ואילך. 48) מדרש שמואל לאבות כאן. 49) רמ"ז לזח"א קלה, א. פרדס שער טעם אצילות פ"ו. 50) אוה"ת שה"ש ע' תקנז. 51) שער א רפ"ז. שי"א פ"א.

און חסידות איז מתווך ביניהם, אז ״י״ל ששורש בי״ע נמשך מבחי׳ ג׳ ראשים שלמעלה מהאצילות״.

ובעבודת ה׳:

די נשמה פון א אידן נעמט זיך מלמעלה מעלה - ״נשמה שנתת בי טהורה היא״, און דערנאך ווערט זי נמשך ונשתלשל מדרגא לדרגא, ״אתה בראת, אתה יצרת, אתה נפחת בי״, כנגד עולמות בי״ע, און דערנאך ווי די נשמה געפינט זיך למטה מטה אין א גוף גשמי בעוה״ז, למטה פון אלע דרגות, ביז אז זי דארף דארטן אנקומען צו א שמירה מיוחדת, ״משמרה בקרבי״ - נעמט זיך דאס דוקא פון ״אתה משמרה בקרבי״, פון בחי׳ ״אתה״, וואס איז העכער פאר אלע דרגות.

יד. אין היינטיקן שיעור רמב״ם בהלכות כלאים איז דא א דין תמוה:

דער רמב״ם זאגט[52], אז ״בחוצה לארץ מותר לזרוע בצד הגפנים בתוך הכרם לכתחלה״.

ובהלכה שלאח״ז זאגט ער: ״ואף על פי שמותר לזרוע הירק בצד הכרם בחוצה לארץ הרי אותו הירק הזרוע שם אסור באכילה״.

איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: כאטש אז אין דעם פאל איז ניטא קיין (1) ביטול במאתיים, און (2) איסור הנאה - איז אבער אסור לעשות תקלה ועאכו״כ לכתחילה, כידוע בכל עניני התורה וויפל ס׳איז אסור לעשות תקלה (״לפני עיור לא תתן מכשול״[53], און מ׳מאכט כמה סייגים לתורה (ולהעיר מהשקו״ט בזה צי סייגים איז מדברי סופרים אדער מה״ת[54]), וכיו״ב) - איז ווי קומט עס אז דער דין איז אז ״מותר לזרוע בתוך הכרם לכתחלה״?!

טו. [ענין בתיקון הדיעות וב״והחי יתן אל לבו״ - בשיעור הרמב״ם - נכלל בשיחה המוגהת הנ״ל הערה 50.

ובסיום השיחה (לאחרי הסיפור שר״נ טשערנאביעלער הי׳ שמן בגופו מאמירת איש״ר) אמר]:

---

52) פ״ח הי״ג. 53) קדושים יט, יד. 54) ראה לקח טוב (להר״י ענגל) כלל ח.

און ס'איז כדאי אז מ'זאל מפרסם זיין דעם סיפור מיט ר"נ טשערנאביעלער, צווישן די אנדערע ענינים וואס מ'האט פריער גערעדט וועלכע מ'דארף מפרסם זיין בנוגע להוספה בלימוד התורה וקיום המצוות.

טז. ויה"ר אז פון "בעשרה מאמרות נברא העולם", באופן פון "אלה תולדות השמים והארץ"[55], תולדות מלא[56], זאל מען גלייך קומען צו "אלה תולדות פרץ"[57], תולדות מלא, וואס איז העכער פאר דעם תולדות מלא פון שמים וארץ מצד הבריאה,

ווארום ס'דארף שוין זיין - ווי אידן טענה'ן - דער סיום הגלות, סיי מצד הדין, ועאכו"כ מצד "מילי דחסידותא", און דאס וואס מ'שטעקט נאך אין גלות איז בעל כרחך וכו'... ווארום תורה האט שוין אפגע'פסק'נט אז "כלו כל הקצין"[58], און ס'איז שוין די צייט פון דער גאולה,

און שוין צייט אז עס זאל נתגלה ווערן בשלימות "חיבתן (של ישראל) לפניו", ווי מ'גייט יעצט לייענען בתפלת מנחה וועגן מנין בני ישראל, וואס שלימות הגילוי בזה וועט זיין במנין העשירי[59], "עוד תעבורנה הצאן על ידי מונה"[60],

ותיכף ומיד ממש.

* * *

יז. אין דעם שבת איז דא אן ענין שהזמן גרמא - דער כינוס פון נשי ובנות ישראל, וועלכע האט זיך אנגעהויבן פאר שבת, און ווערט נמשך אין דעם שבת און דערנאך לאחרי השבת.

פאר*60 נשי ובנות ישראל דארף מען ניט מבאר זיין ווי גלייך בשעת "כי תבואו אל הארץ" ווערט "ושבתה הארץ שבת לה'" (נאך פאר "שש שנים גו'") - ווארום אן אשה בישראל איז דער "עקרת הבית", אין איר הענגט אפ דער עיקר יסוד וקיום הבית, אז דאס זאל זיין א "בנין עדי עד" (ווי מ'זאגט אין נוסח השבע ברכות) על יסודי התורה והמצוות, און דערפאר איז מובן בפשטות, אז גלייך ווי עס ווערט "כי תבואו אל הארץ", אן אשה האט חתונה און הויבט אן אויפשטעלן א בית בישראל - איז אין דעם גלייך

---

55) בראשית ב, ד. 56) ב"ר פי"ב, ו. 57) רות ד, יח. 58) סנהדרין צז, ב. 59) ראה יל"ש ר"פ תשא. במדב"ר פ"ב, יא. וש"נ. 60) ירמי' לג, יג. *60) בהבא לקמן - ראה גם שיחת יום א' פ' במדבר, בהכינוס דנשי ובנות חב"ד.

נרגש די תכלית און זי טוט גלייך אז עס זאל זיין "ושבתה הארץ שבת לה׳", בדוגמא צו יום השבת, אז כל הבית איז לה׳, על יסודי התומ״צ. און די אשה ווערט דורך א "שותף להקב״ה במעשה בראשית" (ווי עס שטייט בנוגע צו אמירת ויכולו בשבת[61]), וע״ד ווי די ג׳ שותפים וואס זיינען בשעת הקמת בית בישראל[62].

און די התחלה מיט "ושבתה" פועל׳ט דערנאך אין די שש שנים, אז זיי זאלן אלע זיין דורכגענומען מיט "ושבתה", ובפשטות - אז די אשה זאל האבן מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, א רואיקע און מנוחה׳דיקע לעבן, בדוגמא צו "כל מלאכתך עשוי" (פון שבת)[63], ובמיוחד - אין דער עבודה פון שותף להקב״ה וג׳ שותפים, אז מ׳ווערט געבענטשט בכל המצטרך בבני חיי ומזוני רויחי, און א ברכה מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה,

און דורך דער אשה - ווערט דאס אזוי נמשך ווערן צו איר מאן און קינדער.

יח. ויה״ר אז דער המשך הכינוס זאל זיין בהצלחה, כולל דעם המשך בזמן רעוא דרעוין, און דערנאך במוצאי שבת, בסעודתא דדוד מלכא משיחא, דורך דעם וואס די נשים ובנות וועלן זיך משתתף זיין, אדער אליין מאכן א סעודת מלוה מלכה, און דערנאך - דער המשך ביום ראשון.

און פון פ׳ "אם בחוקותי", אין אם אלא לשון תחנונים - זאל מען קומען צו פ׳ במדבר, מנין בני ישראל מתוך חיבתן לפניו, ביז צו דעם מנין העשירי (כנ״ל),

און "בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו" גייען אלע אידן, "ארו עם ענני שמיא"[64], אין ארץ הקודש, ולביהמ״ק השלישי, ובפרט דורך דער עבודה איצטער אין דעם "מקדש מעט",

ותיכף ומיד ממש.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

------ * ------

61) שבת קיט, ריש ע״ב. 62) קידושין ל, ב. 63) מכילתא ופרש״י יתרו כ, ט. טושו״ע או״ח סש״ו ס״ח. שו״ע אדה״ז שם. שו״ע אדה״ז שם סכ״א. 64) דניאל ז, יג. סנהדרין צח, א. 65) יחזקאל יא, טז. מגילה כט, א.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לזכות

כ״ק אדמו״ר שליט״א

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 32 כפר חב״ד טל. 03-984887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש״פ במדבר, ערב חגה״ש
ה׳תשמ״ח



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

בס״ד. שיחת ש״פ במדבר, ערב חג השבועות ה׳תשמ״ח.

הנחת חתי בלתי מוגה

א. מ׳האט גערעדט פריער[1] וועגן דעם וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר שרייבט[2] בנוגע צו דער הנהגה פון דעם צ״צ באמירת דרושי חסידות אין א יאר ווען ערב חג השבועות איז אויסגעקומען כבקביעות שנה זו, בשבת פ׳ במדבר:

״בשנת תקפ״ט חל ש״פ במדבר ה׳ בסיון. קודם הדלקת נרות של שבת אמר הצ״צ מאמר שאו[3] את ראש גו׳ אבותם כו׳. בשבת בצהרים אמר רבינו הדרוש וארשתיך לי לעולם[4] וביאורו שנדפסו בלקו״ת[5]״, און דערנאך איז ער ממשיך וועגן די מאמרים וואס דער צ״צ האט געזאגט ביום א׳ דחה״ש און ביום שני דחה״ש, און וואו זיי זיינען געדרוקט כו׳.

וויבאלד אז דאס איז איז א סיפור וואס א נשיא בישראל האט דערציילט, וואס הנשיא הוא הכל[6], איז פארשטאנדיק אז דערפון איז דא א הוראה לכאו״א, בנוגע צו לימוד מאמרים אלו, ווארום עס דארף זיין ״בכל יום יהיו בעיניך חדשים״[7], ובפרט ווען עס קומט דער זמן בשנה, וואס דעמולט איז ״הימים האלה נזכרים ונעשים״[8], ובמיוחד אין א יאר ווען ס׳איז די זעלבע קביעות ווי דעמולט.

דערפאר האט מען מציע געווען[1], אז יעדערער זאל לערנען די מאמרים, עכ״פ א ווארט אדער א שורה פון די מאמרים, כל חד וחד לפום שיעורא דילי׳.

ואני המתחיל[9] - דערפאר איז מתאים, אז שטייענדיק איצטער אין א התוועדות בשבת בצהרים, זאל מען איבער׳חזר׳ן א ווארט, א שורה, א נקודה אחת פון דעם מאמר, אבער א נקודה וואס איז כולל כל הענינים,

---

1) שיחת אור ליום ועש״ק פ׳ במדבר, ד׳ סיון בתחלתה. 2) ״היום יום״ ב׳ סיון. 3) פרשתנו א, ב. 4) הושע ב, כא. 5) פרשתנו ח, ב ואילך. ט, א ואילך. 6) פרש״י חוקת כא, כא. 7) פרש״י יתרו יט, א. עקב יא, יג. תבוא כו, טז. 8) אסתר ט, כח. וראה רמ״ז בס׳ תיקון שובבי״ם, הובא ונת׳ בס׳ לב דוד (להחיד״א) פכ״ט. 9) לשון חז״ל - שמו״ר פי״ב, ג. תנחומא וארא טו.

ווארום דער מאמר איז אויף דעם פסוק (״וארשתיך גו״)[4] בסיום ההפטרה, וואס דער סיום איז כולל כל הענין (ע״ד ווי דער ראש הענין איז כולל כל הענין), דהכל הולך אחר החיתום[10], ביז אז דאס איז כולל כל הפרשה, כידוע אז א הפטרה איז דער סיום הפרשה, הפטרה מלשון סילוק[11], דער סילוק והשלמה פון קריאת התורה, והכל הולך אחר החיתום, כנ״ל. ובפרט ע״פ דעת האבודרהם[12], אז תקנת ההפטרה איז געקומען צוליב גזירת המלכות אויף קריאת התורה, במילא קומט אויס אז די הפטרה איז במקום הפרשה.

ב. מאמר (כעין שיחה) ד״ה וארשתיך לי לעולם.

* * *

ג. צווישן די שיעורי תורה פון היינטיקן טאג איז אויך דא דער שיעור רמב״ם, כמנהג שהולך ומתפשט צו לערנען בכל יום א שיעור אין רמב״ם, ג׳ פרקים ליום.

אמאל דארף מען זוכן דעם קשר צווישן דעם שיעור מיטן זמן ווען מ׳לערנט דעם שיעור (בנדו״ד - ערב זמן מתן תורתנו), אבער אין היינטיקן שיעור רמב״ם זעט מען דעם קשר בגלוי אפילו מיט א התבוננות קלה, ובפרט בשעת מ׳האט געלערנט חסידות.

אין אנהויבס פון היינטיקן שיעור רמב״ם - בהל׳ תרומות[13] - שרייבט דער רמב״ם: ״אין (הכהנים) הטמאים אוכלין בתרומה עד שיעריב שמשן ויצאו שלשה כוכבים בינונים אחר שקיעת החמה שנאמר[14] ובא השמש וטהר עד שיטהר הרקיע מן האור ואחר יאכל מן הקדשים״.

וואס מקורו פון רמב״ם איז פון התחלת מס׳ ברכות[15] - התחלת תושבע״פ - ״מאימתי קורין את השמע בערבין משעה שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן״ - וואס דארטן זיינען דא צוויי סברות צי דער תנאי איז ״טהר גברא״ אדער ״טהר יומא״, און די מסקנא איז אז עס דארף זיין ״טהר יומא״ ווי עס שטייט ״ובא השמש וטהר״, און דער שיעור אויף ״טהר יומא״ איז ״צאת הכוכבים״, ״ויצאו שלשה כוכבים בינונים״, ווי דער רמב״ם זאגט (כנ״ל).

---

10) ברכות יב, א. 11) ראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך הפטרה בתחלתו. וש״נ. 12) בסדר שחרית של שבת. וראה גם לבוש או״ח סרפ״ד. תויו״ט מגילה פ״ג מ״ד. 13) פ״ז ה״ב. 14) אמור כב, ז. 15) ב, סע״א ואילך.

דער לימוד דערפון בקשר מיט זמן מתן תורתנו:

״תרומה״ איז אותיות ״תורה מ״, וואס גייט אויף ״תורה דאתייהיבת בארבעים יום״[16].

און אכילת תרומה ע״י הכהנים גייט אויף דעם וואס יעדער איד, וועלכע איז געווארן (נאך פאר מתן תורה) א טייל פון ״ממלכת כהנים״ - לערנט ״תורה מ״, ד.ה. ניט נאר די תורה (עשרת הדברות) וואס זיינען געגעבן געווארן ביום מתן תורה, נאר אויך כל התורה וואס דער אויבערשטער האט געלערנט מיט משה במשך די ארבעים יום, און ער לערנט די ״תורה מ״ (תרומה) אין אן אופן פון ״אוכלין (בתרומה)״, אזוי אז דאס גייט אריין אין א פנימיות און ווערט דם ובשר כבשרו - ד.ה. לימוד התורה באופן אז ער ווערט דערמיט נתאחד אין א ״יחוד נפלא כו׳״[17], ביז אז עס ווערט ״תורה דילי׳ היא״[18] און זי איז נקראת על שמו[19], און דערפאר איז ״תלמיד חכם שמחל על כבודו, כבודו מחל״[20].

און דער תנאי אויף אכילת תרומה ע״י הכהנים איז ״טהר יומא״, ״שיעריב שמשן ויצאו שלשה כוכבים בינונים אחר שקיעת החמה״:

יעדער איד ווערט אנגערופן בשם ״כוכב״, ווי עס שטייט[21] ״דרך כוכב מיעקב״ [וכמדובר כמ״פ[22] דער תיווך מיט דעם צווייטן פירוש אין ״דרך כוכב מיעקב״ אז דאס גייט אויף משיח צדקנו[23], - ווייל יעדער איד האט אין זיך א ניצוץ של משיח[24], יחידה שבנפש[25], ועד״ז האט משיח אין זיך א ניצוץ פון יעדער איד].

און ״כוכבים בינונים״ איז מרמז אויף עבודת הבינוני וואס איז ״מדת כל אדם ואחרי׳ כל אדם ימשוך״[26].

און ״שלשה״ (חוט המשולש שלא במהרה ינתק[27]) איז מרמז אויף די ג׳ אבות וועלכע זיינען פאראן אין יעדער איד, כמבואר בתו״א[28] אז די דרגא פון די י״ב שבטים איז ניט פאראן אין

---

16) זח״ג קעט, א. 17) תניא פ״ה. 18) ראה קידושין לב, ב. 19) ראה ע״ז יט, א. 20) קידושין שם, סע״א. 21) בלק כד, יז. 22) לקו״ש ח״ב ע׳ 599. שם ע׳ 692 בהערה. קונטרס משיחת ליל שמח״ת לפני הקפות תשמ״ו ס״ד. ובכ״מ. 23) ירושלמי תענית פ״ד ה״ה. רמב״ן עה״פ. ועוד (נסמנו בלקו״ש חכ״ג ע׳ 172). 24) ראה ס׳ מאור עינים (לר״נ טשערנאבליער) ס״פ פינחס. וראה גם סה״מ תרמ״ג ע׳ ע. קונטרס משיחת הנ״ל. ועוד. 25) רמ״ז לזח״ג רס, ב (נדפס במק״מ קד, ב. ל״ת להאריז״ל בראשית עה״פ ויתהלך חנוך. ובכ״מ (נסמנו בקונטרס משיחת הנ״ל הערה 27). 26) תניא רפי״ד. 27) ל׳ הכתוב - קהלת ד, יב. 28) ר״פ וארא.

יעדער איד דוקא, ווארום כל אחד במסילתו יעלה, ביז אז ס׳איז דא דער חילוק מן הקצה אל הקצה צווישן עבודת יששכר און עבודת זבולון; משא״כ די ג׳ אבות זיינען פאראן אין יעדער איד.

און דער ענין פון "שלשה כוכבים בינונים" האט יעדער איד מלמעלה (ניט דורך זיין עבודה), ווי דאס איז בפשטות הענין, אז דער זמן היום עצמו ברענגט די "שלשה כוכבים בינונים" (לאחרי שקיעת החמה), און דאס איז ניט תלוי אין עבודת האדם;

נאר לאחרי צאת הכוכבים פון די "שלשה כוכבים בינונים" - דארף זיין די עבודה פון א אידן ("ממלכת כהנים") בשעת מתן תורה - לטהר עצמו בפועל, און דערנאך - לאכול תרומה, לימוד התורה (תורה מ) באופן אז התורה נקראת על שמו, כנ״ל.

ולאחרי זה קומט ער צו נאך א העכערע דרגא בעבודה - "ואחר יאכל מן הקדשים", ניט נאר אכילת תרומה, נאר אויך אכילת קדשים, וואס איז העכער פאר תרומה, ביז קדושת חטאת[29], "מים טהורים"[30], און די אכילת קדשים איז אויך כולל קרבן שלמים, וואס איז משים שלום בא דעם כהן און בא די בעלים[31].

ד. און פון דער הלכה אין רמב״ם לערנט אפ א איד בנוגע צו זיין עבודה מיט זיך און זיין עבודה בעולם, הלכה מלשון "הליכות[32] עולם לו"[33], ביז אז ער ווערט דורך דעם (תורה) בעל-הבית אויף עולם (אז עס ווערט "הליכות עולם לו", דאס ווערט זיין זאך), דורך דעם וואס ער איז מגלה בעלותו של הקב״ה בכל העולם כולו,

ווי מ׳לערנט אין היינטיקן פרק[34] "כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו"[35], ביז אז דאס איז אין אן אופן פון "ה׳ ימלוך לעולם ועד", ד.ה. אז דאס איז פארבונדן מיט מלכותו של הקב״ה, וואס איז נאך העכער פאר כבוד סתם,

און אין דעם באשטייט די שליחות פון יעדער איד, וואס מ׳האט אים אראפגעשיקט מאיגרא רמה לבירא עמיקתא[36], בכדי ער זאל מגלה זיין כבודו של הקב״ה אין יעדער פרט שבעולם, דורך דעם וואס ער טוט די עבודה פון "כל מעשיך יהיו לשם שמים"[37], ביז

---

29) חגיגה יח, ב ואילך. 30) ראה יחזקאל לו, כה. 31) פרש״י ויקרא ג, א. 32) חבקוק ג, ו. 33) ברכות סד, א. יבמות קיב, ב. נזיר סו, ב. כריתות כח, ב. 34) סוף פ״ו. 35) בשלח טו, יח. 36) ע״פ ל׳ חז״ל - חגיגה ה, ב. 37) אבות פ״ב מי״ב.

נאכמער - ״בכל דרכיך דעהו״[38] (ווי געוועדט אין די פריערדיקע התוועדויות בארוכה[39]), ״וידעת את ה׳״[40], ביז אז ער נעמט חולין שבעולם און מאכט דערפון תרומה און קודש, וואס דורך דעם ווערט ער א ״שותף להקב״ה במעשה בראשית״[41] [ובפרט בהדגשה ביום השבת, דכל האומר ויכולו מעלה עליו הכתוב כאילו נעשה שותף להקב״ה במעשה בראשית[41]], אז ער נעמט ״מעשה בראשית״ וואס איז מצד עצמו חול, און דורך תורה איז ער מגלה אין דעם בעלותו של הקב״ה, ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״.

ה. ביז אז מ׳קומט צו תכלית ושלימות הגילוי בזה לע״ל - ווען עס וועט זיין ״תורה חדשה מאתי תצא״[42],

און אלע אידן, ״בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[43], וועלן גיין אין ארץ הקודש, און ווי זי וועט זיין בשלימות - ״ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך״[44], ארץ עשר עממין (אויך קיני קניזי וקדמוני),

און ״כספם וזהבם אתם״[45], סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, עם כל הפירושים שבזה, וואס דעמולט קען מען מקבל זיין די ״תורה חדשה מאתי תצא״ במנוחה בשלימות,

וע״ד ווי ס׳איז געווען בזמן מתן תורה, אז אידן האבן געהאט אלע ענינים, און געהאט שלימות מנוחה בכדי קענען מקבל זיין תורה, כמאחז״ל[46] דלא ניתנה התורה אלא לאוכלי המן, וואס ירידת המן האט זיך אנגעהויבן בחודש אייר[47], פאר מתן תורה, און די לחם מן השמים איז געווארן א כלי אויף מקבל זיין תורה מן השמים, דער ענין פון ״אכילת תרומה״ (תורה מ), וואס קומט לאחרי ווי מ׳האט מלמעלה די כחות פון ״שלשה כוכבים בינונים״, כנ״ל.

ובפרט אז מ׳שטייט ביום השבת, וואס איז אויך ערב זמן מתן תורתנו, וואס זיי האבן צווישן זיך א שייכות, וכידוע אז אן ערב דארף זיין מעין צו דעם וואס ער איז דערצו אן ערב והכנה

---

38) משלי ג, ו. 39) קונטרס משיחות טו אייר, ל״ג בעומר וש״פ אמור. 40) הושע ב, כב. 41) שבת קיט, ריש ע״ב. שו״ע אדה״ז או״ח ר״ס רסח. 42) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג. 43) בא י, ט. 44) ראה יב, כ. שופטים יט, ח. ובספרי ופרש״י שם. ועוד. 45) ישעי׳ ס, ט. 46) מכילתא בשלח יז. פס״ז בשלח יג, יז. תנחומא בשלח כ. 47) ראה פרש״י בשלח יז, א. משבת פז, ב.

(ע״ד ווי ערב שבת - וואס מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת[48]), ובענין זה איז בהדגשה די שייכות צווישן דעם ערב זמן מתן תורתנו ביום השבת מיט זמן מתן תורתנו - ווייל לכולי עלמא בשבת ניתנה תורה[49], ועד״ז האט מתן תורה א שייכות מיט ערב (שבת), ע״פ דברי חז״ל אז "ביום הששי" (מיט א ה״א הידיעה) גייט אויף מתן תורה[50] [וואס ענינו בעבודה (ובפרט בש נת הקהל) איז - אז מ׳דארף משפיע זיין אויף א צווייטן אידן אז ביי אים זאל זיך אנהערן דער ה״א הידיעה פון מתן תורה].

און אין ארץ הקודש גופא - וועט מען גיין אין ירושלים עיר הקודש, ולביהמ״ק השלישי, "ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו תמידים כסדרם כו׳ נעשה ונקריב לפניך כו׳ כמצות רצונך"[51],

כולל אויך דעם קרבן תמיד פון דעם שבת, דאע״פ אז מ׳שטייט שוין נאך חצות, לאחרי הקרבת התמיד של שחרית, קען מען נאך אבער מקריב זיין דעם תמיד של בין הערביים, וואס זמנו איז סמוך לחצות (כמבואר במס׳ פסחים[52] זמנו של הקרבן תמיד, ובערב פסח איז דאס נאך פריער),

- ולהעיר אויך דערפון וואס עס שטייט אין ספרים[53] אז אליהו הנביא איז מקריב די קרבנות תמידים בביהמ״ק, ויש לומר - אויך די אברים ופרדים שלא נתעכלו מבערב (וואס כנגדם איז תפלת ערבית[54]).

ו. און דאס וועט אלץ זיין אלס נשמות בגופים, דאע״פ וואס חז״ל זאגן אז בא מתן תורה "על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן"[55], איז מען ממשיך אז דערנאך החזירה להם הנשמה בגוף דורך דעם וואס "הוריד טל שעתיד להחיות בו מתים והחי׳ אותם"[55], וואס דערפון איז מובן, אז דער החֲזירה להם איז ביתר שאת וביתר עוז, ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיט הערן עשרת הדברות.

ולא עכבן אפילו כהרף עין[56], נאך אין דעם שבת פ׳ במדבר.

---

48) ע״ז ג, א. 49) שבת פו, ב. 50) שם פח, א. 51) לשון תפלת מוסף. 52) נח, ב. 53) עשרה מאמרות מאמר אם כל חי ח״ג פכ״ג. 54) ברכות כו, ב. 55) שבת פח, ב. 56) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.

און פון פ׳ במדבר גייט מען גלייך אריין אין פ׳ נשא (וועלכע מ׳הויבט אן לייענען בתפלת מנחה פון דעם שבת) - ״נשא את ראש״[57], אז עס ווערט א נשיאת ראש פון אידן, ולפני זה - איז דא דער ״וידבר ה׳ במדבר סיני״, אז אין ״מדבר״ טוט מען אויף דעם ענין פון ״סיני״[58], און ״מדבר״ איז אויך פון לשון דיבור (כמבואר אין דעם מאמר בלקו״ת[59]), דיבור בדברי תורה באופן פון ״פי יגיד תהלתך״[60].

וכאמור, ולא עכבן אפילו כהרף עין, סיי אין זמן און סיי אין מקום, אז אין מקום הגלות עצמו שטעלט מען אריין דעם אל״ף פון ״אנכי ה׳ אלקיך״[61], וואס איז כולל אלע עשרת הדברות[62], וועלכע איז כולל כל התורה כולה.

און כל הענינים אלו - במהרה בימינו ממש, ותיכף ומיד ממש.

* * *

ז. ס׳איז אויך רגיל לאחרונה צו ארויסנעמען א לימוד אין ״והחי יתן אל לבו״[63] פון דעם שיעור בתורה בפרשת השבוע, בפרש״י שבהתחלת הפרשה.

וכידוע דברי השל״ה[64] (ועד״ז פון כ״ק מו״ח אדמו״ר[65]) אז אין פרש״י זיינען פאראן ״ענינים מופלאים״.

ועי״ד המדובר כמ״פ דער ווארט וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר האט איבערגעגעבן בשם אביו, דער רבי נ״ע[66], בנוגע צו פירושים אין תניא, תורה שבכתב פון חסידות[67], אז אויב דאס גיט צו אין יראת שמים קען מען אין דעם זאגן פירושים. וואס דערפון וואס דאס ווערט אנגע רופן בשם ״תורה שבכתב פון חסידות״ איז א ראי׳ אז דאס האט א השוואה, א פארגלייך, מיט תושב״כ - איז עד״ז אויך אין תושב״כ, אז מ׳קען אין דעם זאגן א פירוש בשעת דערפון קומט צו אין יראת שמים.

ואע״פ אז המעשה הוא העיקר[68], איז אבער בשעת מ׳רעדט וועגן

---

57) נשא ד, כב. 58) ראה לקמן ס״ט ואילך. 59) פרשתנו ב, ב ואילך. 60) תהלים נא, יז. 61) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו. 62) ראה זח״ב פה, ב. שם כה, ב. 63) קהלת ז, ב. 64) במס׳ שבועות שלו (קפא, א). 65) ״היום יום״ כט שבט. וראה לקו״ש ח״ה ע׳ 279 הערה 3. ועוד. 66) הוספה לקונטרס עה״ח ע׳ 87 ואילך. אגרות קודש שלו ח״ב ע׳ תשכ. 67) מכתב אדמו״ר מהוריי״ץ - נדפס בספר קיצורים והערות לתניא ע׳ קיח ואילך. אגרות קודש שלו ח״ז ע׳ רסא ואילך. וראה גם ח״ה ע׳ צ. 68) אבות פ״ג מי״ז.

נפלאות שבתורה, ובפרט אין פנימיות התורה - איז נוגע אויך פנימיות הכוונה ברעותא דליבא כו׳, די כוונה אין עבודת ה׳, וואס לפעמים איז כוונה נוגע אין עצם קיום המצוה, ווי דאס איז בנוגע הקרבת הקרבנות, וואס דארטן איז לעיכובא (אויך בדיעבד, ניט נאר לכתחילה) די כוונה לשמה, ״לשם ששה דברים הזבח נשחט״[69].

ח. בהתחלת הפרשה איז רש״י מעתיק די ווערטער ״וידבר. במדבר סיני באחד לחודש״, און איז מפרש: ״מתוך חיבתן לפניו מונה אותם כל שעה, כשיצאו ממצרים מנאן, וכשנפלו בעגל מנאן לידע מנין הנותרים, כשבא להשרות שכינתו עליהן מנאן, באחד בניסן הוקם המשכן ובאחד באייר מנאם״.

וועגן דעם פרש״י האט מען שוין גערעדט אין די פריערדיקע יארן[70], ווי שוין איבערגעדרוקט דעם יאר, במילא דארף מען דאס ניט איבער׳חזר׳ן, נאר צוגעבן נאך אן ענין ולימוד בזה.

אין דעם פרש״י זיינען ניט פארשטאנדיק כמה ענינים:

א) פארוואס איז רש״י מעתיק אין דעם דיבור המתחיל די ווערטער ״וידבר. במדבר סיני באחד לחודש״ - וואס האט לכאורה קיין שייכות ניט מיט תוכן פרש״י וועגן מנין בני ישראל? ב) ובפרט אז רש״י איז נאך משמיט דעם ווארט ״(בחודש) השני״, וואס דעמולט איז געווען דער מנין, ובפרט אז אין זיין פירוש שרייבט רש״י ״ובאחד באייר כו׳״! ג) נאכמער: רש״י האט זיך געדארפט בעסער שטעלן אויף דעם צווייטן פסוק וואו עס הויבט זיך אן רעדן וועגן דעם ענין המנין (״שאו את ראש גו׳״)?

ד) פארוואס איז רש״י מוסיף אין זיין פירוש אז ״באחד בניסן הוקם המשכן״, וואס איז לכאורה אינגאנצן ניט נוגע צו דעם פירוש?!

ט. ויש לומר דער ביאור אין דעם - בפנימיות הענינים, נפלאות שבתורה, ובקשר מיט זמן מתן תורתנו:

די ווערטער אין דעם דיבור המתחיל פון פרש״י בר״פ במדבר (וועלכע מ׳לייענט אלעמאל קודם עצרת[71]) ״וידבר. במדבר סיני

---

69) זבחים ג, ב. מו, ב. 70) תשכ״ה. שיחת ש״פ במדבר תשמ״ה סמ״ב. סמ״ה ואילך. שיחת ש״פ במדבר תשמ״ו סכ״ה. סכ״ח ואילך. 71) ראה תוד״ה קללות שבתו״כ - מגילה לא, ב. רמב״ם הל׳ תפלה פי״ג ה״ב. טושו״ע או״ח סתכ״ח ס״ד.

באחד לחודש״, זיינען מרמז אויף דעם ענין פון מתן תורה, דער ״וידבר״ פון די עשרת הדברות, וואס איז געווען ״במדבר סיני״, כמבואר במדרש[72].

וואס איינער פון די טעמים אויף דעם וואס די תורה איז געגעבן געווארן במדבר איז - ״שיהיו הכל שוין בה״, אז כשם ווי א מדבר איז הפקר לכל, אזוי איז אויך תורה שייך צו אלע אידן[73].

און די כוונה אין מתן תורה במדבר איז, אז א איד דורך תורה זאל איבערמאכן דעם מקום הפקר במדבר, וואס לא ישב אדם (העליון) שם[74], מקום הקליפות והס״א[75], אז דארט זאל נתגלה ווערן בעלותו של הקב״ה, אז ״לא בראו אלא לכבודו״ (כנ״ל ס״ד) - כידוע אז די כוונה פון מתן תורה איז, צו געבן דעם כח צו מאכן פון וועלט - א חפצא דקדושה, איבערמאכן דעם ״מדבר העמים״[76] פון עוה״ז צו א דירה לו ית׳ בתחתונים[77].

ויש לומר אז דאס איז דער פירוש אין (דעם וואס מתן תורה איז געווען) ״במדבר סיני״, דלכאורה האט געקענט שטיין ״סיני״ סתם, אדער נאך בעסער - ״הר סיני״?

נאר די כוונה פון מ״ת איז, אז אין ״מדבר״ עצמו זאל מען אויפטאן דעם ענין פון ״סיני״, על שם ״שירדה שנאה״ לעולם[78], שנאה להעלם והסתר פון עולם[79],

אבער דאס גופא איז ניט אין אן אופן, אז מ׳איז שולל ומבטל דעם מדבר, נאר אדרבה - דער ״מדבר״ עצמו ווערט נתהפך צו ״מדבר סיני״, א מדבר וואס איז שונא דעם העלם והסתר, אתהפכא חשוכא לנהורא, און דעריבער קען דער מדבר מערניט מעלים ומסתיר זיין, ווייל ער אליין איז נהפך געווארן צו ״מדבר סיני״.

י. און דער כח לזה (צו אויפטאן ״במדבר סיני״, אז דער ״מדבר״ עצמו זאל זיין ״סיני״) קומט פון דעם ענין פון ״וידבר״ - די עשרת הדברות וועלכע זיינען געזאגט געווארן דורך דעם אויבערשטן בא מתן תורה.

---

72) במדב״ר עה״פ (פ״א, ז) . 73) במדב״ר שם. וראה גם שם פי״ט, כו. תנחומא חוקת כא. 74) ירמי׳ ב, ו. לקו״ת פרשתנו ד, ג (וראה גם שם ב, סע״ב). נשא כ, ג. ראה לב, ב. ועוד. 75) לקו״ת שם. 76) יחזקאל כ, לה. 77) בכ״ז - ראה בארוכה לקו״ש (ערב) חג השבועות תשמ״ה ס״ט. 78) שבת פט, ר״ע ע״ב ואילך. 79) לקו״ת שלח לז, סע״ד. שה״ש יז, סע״א.

כמבואר בזהר[80] עה״פ[81] ״עשרה עשרה הכף בשקל הקודש״, אזדי צוויי מאל עשרה גייען אויף די עשרת הדברות און די עשרה מאמרות, וואס די עשרה מאמרות שבהם נברא העולם[82] (ווי מ׳האט גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות[83]) זיי נען כנגד ונשתלשל געווארן פון די עשרת הדברות.

וואס דאס גיט דעם כח צו א אידן אין זיין עבודה, אז ער זאל מגלה זיין דער קשר פון די עשרה מאמרות (שבהם נברא העולם) מיט די עשרת הדברות, ד.ה. מגלה זיין ווי כל מציאות העולם איז (בשביל ה)תורה. וואס דורך דעם ווערט נתגלה דער ״עשרה עשרה הכף בשקל הקודש״, אז די צוויי מאל עשרה זיינען איין זאך, ביז אלס איין זאך ״בשקל הקודש״, אז אויך די עשרה מאמרות שבהם נברא העולם זיינען דורכגענומען מיט קדושה, ביז פון בחי׳ קדש מילה בגרמי׳[84], די דרגא פון שבת קודש.

און דער כח איז ארויס בגלוי בשעת מתן תורה (ווען ס׳איז געווען אמירת עשרת הדברות - ״וידבר״), ווי די גמרא זאגט[50] עה״פ[85] ״ארץ יראה ושקטה״, אז ביז מתן תורה איז געווען ״ארץ יראה״, און בשעת מתן תורה איז געווארן ״שקטה״, ווייל קיום העולם איז תלוי אין תורה ״התנה הקב״ה עם מעשה בראשית ואמר להם אם ישראל מקבלים התורה אתם מתקיימין, ואם לאו אני מחזיר אתכם לתהו ובהו״[50].

און דערפאר שטייט ״יום הששי״ מיט א ״ה׳ יתירה״, ״הששי המיוחד״, ״והוא ו׳ בסיון שנתינה בו תורה״, און האט אויפגעטאן דעם ״שקטה״ בעולם [משא״כ בה׳ סיון, איז נאר געווען דער הקדימה נעשה לנשמע מצד אידן, איידער ס׳האט אויפגעטאן א פעולה בעולם].

יא. און דאס דריקט זיך אויס סיי אין מקום און סיי אין זמן (וואס גדר עולם באשטייט פון זמן ומקום[58*]) - וואס דאס איז מרומז אין המשך הדיבור המתחיל פון פרש״י (נאך דעם ווארט ״וידבר״ וואס גייט אויף די עשרת הדברות שמהם נשתלשלו דער דיבור פון די עשרה מאמרות) - ״במדבר סיני״ (מקום) און ״באחד לחודש״ (זמן):

---

80) ח״ג יא, סע״ב ואילך. 81) נשא ז, פו. 82) אבות רפ״ה. 83) קונטרס משיחת ש״פ בהו״ב הערה 62. 84) זח״ג צד, ב. 85) תהלים עו, ט. 86) שעהיוה״א פ״ז.

תנחת התי׳ בלתי מוגה

"במדבר סיני" - אז אין מקום המדבר ווערט "סיני", כנ"ל (ס"ט).

"באחד לחודש" - אז אין זמן העולם (פון חודש) איז מאיר דער ענין האחדות. וואס דאס איז דער ביאור הדיוק אין דעם לשון "באחד לחודש", און ניט "בראשון לחודש", אע"פ וואס מצד המשך הכתוב "לחודש השני" וואלט לכאורה מער געפאסט זאגן "בראשון לחודש השני". נאר דער ביאור בזה איז:

ע"ד ווי בא דעם ערשטן מאמר פון די עשרה מאמרות (שבהם נברא העולם) שטייט[86] "ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד", און ניט "יום ראשון", "שבו הי' הקב"ה יחידי בעולמו שלא הי' בעולמו אלא הוא"[87], עד"ז איז אויך געווען (באופן נעלה יותר) בעת האמירה פון די עשרת הדברות (וואס פון זיי ווערן נשתלשל די עשרה מאמרות), אז דעמולט האט מאיר געווען אחדות ה' בכל העולם כולו, כמבואר במדרש[88] אז מכל ד' רוחות העולם האט זיך געהערט דער קול פון "אנכי ה' אלקיך".

און דאס איז דער רמז אין "באחד לחודש", אז ס'לייכט בחי' אחד (אחדות) אין זמן שבעולם.

און דער טעם פארוואס רש"י איז משמיט דעם ווארט "השני" (און איז מעתיק נאר דעם ווארט "החודש"), איז ווייל דער תוכן פון דעם דיבור המתחיל איז מרמז צו מתן תורה (פעולת התורה בעולם) וואס איז געווען בחודש השלישי.

יב. עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק די שייכות בפנימיות הענינים מיט דעם וואס רש"י ברענגט בפירושו בנוגע צו מנין בני ישראל "כשנפלו בעגל" - ווייל דער ענין פון חטא העגל איז ע"ד ווי בחי' מדבר, שלא ישב האדם שם, מקום הקליפות וס"א, און ניט נאר אן אפשריות לזה, נאר דער ענין בפועל, ביז אז דער חטא העגל איז דער שרש פון אלע חטאים, כמ"ש[89] "ביום פקדי ופקדתי"; און די כפרה אויפן חטא עגל, און מנין בני ישראל שלאח"ז "לידע מנין הנותרים" (מפני חביבותם) - איז ע"ד ווי דער ענין פון "במדבר סיני", אז דער מדבר עצמו ווערט נתהפך מחשוכא לנהורא צו "סיני", שנאה להעלם והסתר העולם.

---

86) בראשית א, ה. 87) ב"ר פ"ג, ח. 88) ראה שמו"ר פ"ה, ט. ספכ"ח. תנחומא שמות כה. תקו"ז תכ"ב (סד, ב). תניא פל"ו. 89) תשא לב, לד.

ועד״ז איז אויך פארשטאנדיק וואס רש״י ברענגט דערנאך ווען ״הוקם המשכן״, ״להשרות שכינתו עליהן״ - ווייל די שלימות פון מתן תורה (די פעולה פון תורה אין חפצא פון עולם) האט זיך אויפגעטאן אין משכן, וואס דארטן איז געווען ״ושכנתי בתוכם״, השראת השכינה למטה, שכינה מלשון ששוכנת ומתלבשת בתחתונים[90].

און רש״י איז מוסיף אז ״באחד בניסן הוקם המשכן״, וואס דאס (ניסן) איז מרמז אויף נסי נסים נעשו להם[91], וואס באווייזט אויך אויף די חביבות פון אידן (ע״ד ווי מנין בני ישראל).

און די שלימות בזה (דער גילוי החביבות פון אידן) איז נתגלה געווארן ״באחד באייר״ ווען ״מנאם״, וואס מנין גלייכט אויס אלע אידן - גילוי האחדות פון אידן.

יג. איינער פון די לימודים דערפון אין ״והחי יתן אל לבו״:

דער ענין פון ״וידבר גו׳ במדבר סיני״ איז דא בעבודת כאו״א:

ובהקדים וואס מ׳האט גערעדט[92] בנוגע צו די הכנות צו זמן מתן תורתנו, ולכל לראש בנוגע צו א הוספה בלימוד התורה, כידוע אז א הכנה צו א זאך דארף זיין דורך אן ענין מעין זה.

ד.ה. אז נוסף צו דעם וואס א איד איז אלעמאל מחוייב בלימוד התורה, ובכל יום מאכט יעדער איד ברכת התורה, אויך אזא וואס לא ידע מאי קאמר [ווארום בנוגע צו תושב״כ דארף מען מאכן ברכת התורה אפילו אויב לא ידע מאי קאמר[93]. וואס עפ״ז צריך ביאור פארוואס מ׳האט מתקן געווען אין ברכת השחר אז מ׳זאל זאגן אויך דברים פון תושבע״פ (די ברייתא וכו׳), וואס איינער פון די טעמים לזה איז - בכדי מ׳זאל קענען מאכן ברכת התורה, אבער אויף מאכן ברכת התורה איז געגוג די פסוקים וואס מ׳זאגט פון תושב״כ (ברכת כהנים[94])] - קומט צו א הדגשה בזה בזמן מתן תורתנו, אז מ׳זאל נאכמער מוסיף זיין בלימוד התורה.

ונוסף לזה - הוספה בצדקה, לפי מסת ידך[95] (וואס איז בהדגשה בחג השבועות), זיך משתדל זיין אז יעדער איד זאל האבן אלע צרכי החג, בכדי קענען פראוועון דעם יום טוב במנוחה וכו׳.

---

90) תניא פמ״א. 91) ראה ברכות נז, רע״א. 92) משיחות ש״פ בהו״ב מבה״ח סיון ש.ז. סי״ב. 93) הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב הי״ב. 94) ראה טושו״ע (ואדה״ז) סמ״ז ס״ט (ס״ז). 95) ראה טז, י.

און אין דער הוראה בנוגע צו הוספה בלימוד התורה - קומט צו א לימוד מיוחד פון "וידבר גו' במדבר סיני":

דורך דעם וואס א איד ווערט בבחי' "מדבר" (מלשון דיבור[96]) - אז ער זאגט דברי תורה, ווערט דארטן (און דורך דעם) "וידבר ה'". וכמבואר אין תורה אור[97] דער פירוש אין "וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר"[98], "דלכאורה מלת לאמר אין לה הבנה...שהרי כל ישראל שמעו ופב"פ דבר ה'[99]", נאר דער פירוש אין דעם איז, אז ווען א איד, בכל זמן ובכל מקום, זאגט אן ענין אין תורה, איז דאס דבר ה' ממש, ובפרט אז "כל הקורא ושונה בתורה הקב"ה קורא ושונה כנגדו"[100].

און דערפאר זאגן חז"ל[101] אז "מה להלן באימה וביראה וברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיע", "שלכאורה אינו מובן דמיון זה..שהרי במעמד הר סיני וכל העם רואים את הקולות[102] כו', אלא...כי גם עסק בתורה שבכ"א ובכל זמן הוא דבר ה' ממש שנאמר למשה מסיני".

און דער ענין איז אזוי בנוגע צו יעדער איד וואס זאגט דברי תורה, אפילו אזא וואס לא ידע מאי קאמר (בחי' מדבר ברוחניות) - אז זיין "קאמר" (אויף וועלכע ער מאכט ברכת התורה, כנ"ל, אע"פ וואס "לא ידע מאי קאמר") טוט אויף "וידבר ה'".

ואדרבה: אזא וואס ידע מאי קאמר - איז זיין דברי תורה פארבונדן אויך מיט זיין ידיעה והבנה, משא"כ אזא וואס לא ידע מאי קאמר זאגט נאר דבר ה' (ווייל זיין ידיעה איז אין דעם ניטא).

וע"פ הכלל אז המטה מטה ביותר נעמט זיך פון הגבוה גבוה ביותר[103] - יש לומר, אז ע"ד ווי ס'איז דא דער ענין פון שכינה מדברת בתוך גרונו[104] בגבוה גבוה ביותר (במשה רבינו), עד"ז ווערט עס נשתלשל למטה מטה ביותר ביי אזא וואס לא ידע מאי קאמר, אז ביי אים איז ע"ד ובדוגמת ומעין פון שכינה מדברת מתוך גרונו!

עפ"ז איז יומתק וואס דער של"ה שרייבט[105], אז מ'קען ניט זאגן אז ס'איז ניטא קיין תועלת אין לימוד התורה בלי הבנה והשגה ח"ו, נאר זיכער איז דא א תועלת אין קריאת אותיות התורה, "אפילו מי שלא יבין כלל כו' אלא הוא מתעסק בקריאה

---

96) ראה לקו"ת חוקת נח, א. 97) יתרו סז, ב. 98) יתרו ב, א. 99) ואתחנן ה, ד. 100) ראה תדבא"ר רפי"ח. 101) ברכות כב, א. 102) יתרו כ, טו. 103) ראה לקו"ת בלק עג, ג. ובכ"מ. 104) ראה זח"א רסז, ג. זח"ב רטו, ב. ועוד. 105) יג, א.

לבד״, ביז אז ״אף מי שהוא עם הארץ גמור כו׳ ואינו מבין שום דבר וקורא כו׳ שמות של תורה שבכתב ותורה שבע״פ, כגון המזכיר שמות ה׳ חומשי תורה, חומש בראשית שמות כו׳, ואח״כ מזכיר שמות כל פרשה ופרשה מהחומש בראשית נח לך לך וכו׳ ואח״כ שמות נביאים ראשונים כו׳, שמות שית סדרי משנה כו׳ ושמות כל המסכתות ופרקיהן וכו׳ - והוא קורא אלו השמות ונפשו חשקה בהן כו׳, אז הוא מרוצה להש״י כו׳ וקריאת השמות תועיל להיות נחשב כאלו עיין ולמד כולם כו׳״.

ולכאורה: אויב ער פארשטייט ניט וואס ער זאגט - וואס איז די תועלת אין זאגן שמות הפרשיות אדער שמות המסכתות כו׳?!

נאר בשעת א איד זאגט דברי תורה - ״מדבר״ - אפילו אם לא ידע מאי קאמר, ווערט אויפגעטאן אז הקב״ה קורא כנגדו (״וידבר ה׳״) די דברי תורה, אז זיין תורה ווערט דבר ה׳ ממש!

ואדרבה - כנ״ל, דוקא דורך דעם וואס לא ידע מאי קאמר, שטייט נאכמער בגלוי ווי דאס איז דבר ה׳ (און ניט דברי האדם).

און דער ענין שטייט בגלוי בזמן מתן תורתנו - ווי מ׳זעט במנהג ישראל פון אמירת תיקון ליל שבועות, אז דאס באשטייט ניט פון א לימוד עמוק אין תורה, נאר אן אמירה בלבד, אפילו אם לא ידע מאי קאמר.

יד. דערפון האט מען א לימוד נפלא:

בשעת מ׳גייט ארויס טאן אין הפצת התורה והיהדות קען די הוראה האמורה לעיל צוגעבן נאכמער הצלחה צו מעורר זיין א צווייטן אידן, דורך זאגן אים ווענגן די גרויסע און געוואלדיקע ענינים וואס ער קען אויפטאן דורך זאגן דברי תורה - אז זיין אמירת דברי תורה, אפילו אויב ער האלט נאך בא די דרגא פון לא ידע מאי קאמר, איז דבר ה׳ ממש, אזוי ווי דער אויבערשטער אליין זאגט עס!

און דעריבער איז מה להלן באימה וביראה ברתת ובזיע אף כאן באימה וביראה ברתת ובזיע!

ער האלט טאקע בא די דרגא פון לא ידע מאי קאמר, כולל - לא ידע פון דעם אז מה להלן באימה כו׳ אף כאן כו׳ - אעפ״כ, איז זיין דברי תורה - דבר ה׳ ממש, ע״ד שכינה מדברת מתוך גרונו!

און וויבאלד אז ער איז א איד וואס לא ידע מאי קאמר, נעמט ער אן בקבלת עול דאס וואס מ׳זאגט אים, ווארום דאס זאגט אים אזא וועמען ער גלויבט.

אבער דערנאך פרעגט ער אויך וואס איז די הסברה בזה; אמת טאקע אז ער נעמט עס אן באופן פון ״נעשה״, אבער דערנאך וויל ער אויך אז עס זאל זיין ״נשמע״ מלשון הבנה, ובנדו״ד - איז דאס נוגע ביותר, ווייל אויב ער נעמט דאס אן נאר בקבלת עול (אן קיין הבנה בזה), איז דאך פארשטאנדיק וואס פארא טרייסלען, וואס פארא אימה ויראה רתת וזיע דאס וועט ארויסרופן, וכמובן אז אמת׳ע אימה יראה רתת וזיע מיינט ניט אז ער זאל מאכן תנועות חיצוניות מיט זיינע הענט און פיס; בכדי ביי אים זאל זיין אימה ויראה כו׳, דארף ער דאס פארשטיין (עכ״פ במקצת) און פילן.

זאגט מען אים די הסברה וואס אויך ער קען פארשטיין - אז בשעת ער איז קורא בתורה איז הקב״ה קורא כנגדו, דורך דעם וואס ער זעצט זיך זאגן א ווארט אין תורה, טוט ער אויף אז דער אויבערשטער זיצט לעבן אים און זאגט איבער די תורה וואס ער זאגט!

וואס בשעת ער דערהערט דאס - איז דאס ביי אים בפשטות מעורר אימה ויראה וכו׳, וויסנדיק אז דער אויבערשטער זיצט לעבן אים און זאגט איבער די תורה וואס ער זאגט.

טו. ויה״ר אז פון מנין בני ישראל בפרשתנו, ״מתוך חיבתן לפניו״, זאל מען גלייך קומען צו דעם מנין העשירי[106], ״עוד תעבורנה הצאן על ידי מונה״[107], בגאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט נתגלה ווערן שלימות חיבתן של ישראל, און דוקא מנין העשירי, וואס ווייזט אויף שלימות על הענינים,

און עס וועט אויך זיין די שלימות פון עשר בשאר הענינים - כנור של עשר נימין, ״עלי עשור״[108], העכער פאר דער כנור של שבעה נימין און כנור של שמונה נימין[109].

און מ׳טאנצט אלע צוזאמען מקבל זיין פני משיח צדקנו, און ״תורה חדשה מאתי תצא״[110], תיכף ומיד ממש.

* * *

טז. אין א התוועדות בד׳ אמות אלו איז אויך רגיל רעדן אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר פון פרשת השבוע.

---

106) ראה יל״ש ר״פ תשא. במדב״ר פ״ב, יא. וש״נ. 107) ירמי׳ לג, יג. 108) תהלים נ, טז. 109) ערכין יג, ב. וראה לקו״ת תזריע כא, ד. ובכ״מ. 110) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

וואס אין די הערות בפרשתנו איז פאראן נאר א ציון צו די הערות אויף זהר פ׳ קדושים - אבער ווייבאלד אז מ׳האט וועגן דעם שוין גערעדט כמ״פ, און מ׳איז זיך דאך משתדל יעדן מאל צוגעבן א נייער ענין, געפינט מען אין דעם ספר המפתחות (אויף די ספרים פון טאטן) נאך אן ארט וואו דער טאטע איז מבאר א פסוק אין פרשתנו - וועט מען זיך אויף דעם אפשטעלן.

אויף דעם וואס עס שטייט בסוף פרשתנו[111] ״ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו״ איז דער טאטע מבאר[112] ״שכתוב זה הוא על מה שאהרן ובניו ישימו את הלוים על עבודתו כו׳, הלוים הם בחי׳ גבורות שהמל׳ נבנית מהם, ואהרן ובנין שהם בחי׳ חסדים ישימו אותם שיתקנו אותם, הוא מה שימתקו את הגבורות דהלוים״.

דערביי שטעלט זיך א שאלה - א כללות׳דיקע שאלה: אויב דער פסוק אין תורה וויל זאגן אז עס דארף זיין המתקת הגבורות בחסדים, האט עס די תורה געדארפט זאגן בפירוש ובלשון צחה וברורה, און ניט ברמז אין ״ושמו אותם איש איש על עבודתו גו׳״, און דערנאך דארף מען אנקומען צו א תלמיד ותיק אז ער זאל מפרש זיין אז דאס מיינט המתקת הגבורות?!

די זעלבע שאלה איז בנוגע צו א ריבוי פירושים אין מדרשי חז״ל און אין ספרי מוסר און דרושי חסידות וועלכע זיינען דרשות ופירושים כו׳ אין פסוקים - אז אויב דאס איז דער פירוש אין תורה, פארוואס שטייט עס ברמז און ניט בפירוש בלשון צחה וברורה?

איז דער ביאור אין דעם: דער פירוש ע״ד הרמז אין די הערות אויפן זהר (ועד״ז די פירושים אין חז״ל און חסידות וכו׳) קומט בהוספה אויף דער עיקר פירוש אין פסוק - דער פירוש הפשוט, אז בהמשך צו מניית הלוים לעבודתם, וויל די תורה דערציילן אז דאס האט זיך דורכגעפירט דורך די כהנים, ״ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו״, נאר בהוספה על זה איז דא נאך א פירוש ע״ד הרמז, אז דאס איז מרמז אויף המתקת גבורות בחסדים. אבער לאידך - דער פירוש נוסף איז מוסיף אויך אין דעם פירוש הפשוט, ע״ד ווי שבת איז ״אהני״ אויך צו די קרבנות תמידים שמקריבים ביום השבת[113] (אע״פ וואס מ׳איז מקריב דעם תמיד פעמיים בכל יום).

---

111) ד, יט. 112) לקוטי לוי״צ לזח״ב ס״ע שעב. 113) זבחים צא, רע״א.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

יז. פון דעם ביאור אין די הערות על הזהר האט מען א הוראה בעבודת ה׳:

עס זיינען פאראן אידן וואס בטבעם אדער מצד סדר עבודתם אדער מצד שרש נשמתם קאכן זיי זיך (אדער אן א קאך) אין קו הגבורות.

און די גבורות זיינען ניט בנוגע צו עניני רשות הרבים כו׳, נאר בנוגע צו קדש הקדשים (ע״ד ווי די גבורות פון בני קהת וועלכע האבן געטראגן די כלי המקדש, אויך פון קדש הקדשים) - ווי בנוגע צו דעם ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה, די מעינות פון פנימיות התורה (בחי׳ קדש הקדשים שבתורה):

בשעת ער הערט אז מ׳זאגט אז מ׳דארף גיין מפיץ זיין די מעינות חוצה, און מ׳גיט אויף דעם[114] א משל פון אן אבן טוב בכתר המלך וועלכע דער מלך הייסט צומאלען און צוזאמענמישן מיט וואסער על הספק טאמער וועט א ביסל דערפון זיך אריינגיסן בין השפתיים ושיניים פון דעם בן מלך חולה און אים ראטעווען - קומט דער איד וואס עבודתו איז בקו הגבורות און טענה׳ט: ווי קען מען צורייבן דעם אבן טוב בכתר המלך - ס׳איז היפך כבוד המלך; ווי קען מען נעמען די מעינות פון פנימיות התורה (קדש הקדשים) און דאס מפיץ זיין אין חוצה?!

דער אויבערשטער (דער מלך) זאגט אן א ציווי אז מ׳זאל מפיץ זיין די מעינות חוצה, קומט ער און דינגט זיך דערמיט!!

און טענה׳ט: היתכן אז מ׳איז מפיץ די מעינות חוצה, ביז אויך צו אזא וואס איז ניט בערך לזה, ביז אז מ׳גיט א קוק און מ׳זעט אז אפילו א תינוק קטן רעדט דוקא וועגן... עצמות ומהות!

- דער אלטער רבי זאגט[115] אז "המאור הוא בהתגלות ולכן אפילו תינוקות יודעין שיש שם אלוקה מצוי כו״, ווארום זיי ווייסן דאך ניט פון עשר ספירות און פון שמות המלאכים און פון אלע גילויים למעלה, זיי ווייסן נאר איין זאך - אז ס׳איז דא אן אויבערשטער, וואס דאס איז עצמות ומהות!

שפארט ער זיך אבער מיט זיינע גבורות און טענה׳ט ווי קען מען רעדן מיט א קינד (אין ידיעות) וועגן עצמות ומהות...

אפילו אויב ער (דער רעדער) האט אין דעם הבנה - דארף מען זיך אבער רעכענען - טענה׳ט ער - מיט דרגת המקבל, און

---

114) ראה "התמים" ח״ב ע׳ מט [עב]. 115) תו״א יד, ב.

מ'ווייסט דאך אז דער מקבל האלט נאך ווייט כו', איז ווי קומט מען מיט אים רעדן וועגן עצמות ומהות?!

אפילו אויב מ'האט דעם ציווי של הקב"ה, ווי ער האט אליין געהערט פון נשיא דורנו, אדער פון איינעם וואס האט דאס געהערט פון נשיא דורנו, וואס דאס איז כאילו שומע מפי הגבורה[116] - אז מ'דארף מפיץ זיין די מעינות חוצה, וואס דאס איז טאקע באופן פון גבורה - מפי הגבורה - אבער גבורה מיט דעם אבן טוב בכתר מלך אז מ'זאל אים צומאלן און צוזאמענמישן מיט וואסער און גיסן און גיסן, טאמער עס וועט אפשר אריינגיין אין דעם מויל פון דעם בן מלך -

אפילו אז מ'האט דער ציווי אז מ'דארף מפיץ זיין די מעינות חוצה, טענה'ט ער: פארוואס דארף מען דאס מאכן אזא עיקר, און מיט אזא קאך, און דאס גלייך פארבינדן מיט עצמות מהות;

אפילו אויב מ'וויל לערנען תניא - זאל מען דאס לערנען בפשטות, אבער פארוואס דארף מען דאס גלייך פארבינדן מיט די ענינים הכי נעלים; פארוואס דארף מען יעדער זאך פארבינדן מיט עצמות ומהות: מ'לערנט די משנה[34] "כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו" - דארף מען גלייך אפטייטשן אז כבודו איז "כבודו ובעצמו" - עצמותו ית'!

האט מען די הוראה פון דעם ביאור אין די הערות אויפן זהר, אז אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן די לויים, און ביניהם גופא - די מובחרים שבהם - בני קהת, וועלכע האבן געטראגן די כלי המקדש, כולל אויך פון קדש הקדשים, און בא זיי איז געווען דער עיקר ענין פון "נשא את ראש" (משא"כ בא "נשא את בני גרשון" איז דאס באופן פון "גם הם"[117], באופן טפל)[118] - האט דער אויבערשטער אנגעזאגט (דער זעלבער אויבערשטער וועלכע האט אנגעזאגט אז מ'דארף צומאלען דעם אבן טוב בכתר המלך און מפיץ זיין די מעינות חוצה) אז מצד די גבורות (דקדושה) פון לוי דארפן זיי אנקומען צו "ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו" - המתקת הגבורות ע"י כהן איש החסד[119], און דוקא דער כהן טוט אויף דער "שמו אותם איש איש על עבודתו - מלשון עיבוד עורות[120], און - ואל משאו - כחמור למשא[121]".

116) ל' הרמב"ם סוף הל' חגיגה. 117) נשא ד, כב. 118) לקו"ת כ, א ואילך. וראה גם ד"ה נשא שנה זו. 119) זח"ג קמה, ב. תניא רפ"נ. ועוד. 120) תו"א עו, א. 121) ע"ז ה, ב.

יח. אין אנהויבס פון היינטיקן פרק - פרק ששי [וואס איז פארבונדן מיט מתן תורה וועלכע איז געווען ביום הששי[122], כמדובר לעיל[123]] - זאגט מען: ״שנו חכמים בלשון המשנה, ברוך שבחר בהם ובמשנתם״.

דארף מען פארשטיין:

דער טעם פארוואס די ברייתא זאגט ״ברוך שבחר בהם״ איז פארשטאנדיק - ווייל לאחרי ווי מ׳דערמאנט אז ״שנו חכמים״, דערמאנט מען שוין אויך שבחם, ע״פ הכלל פון ״זכר צדיק לברכה״[124] (ווי עס שטייט בנוגע צו נח[125], ועד״ז ביי אברהם - ״ואברהם היו יהי׳ גו׳ - זכר צדיק לברכה הואיל והזכירו ברכו״[126]); אבער פארוואס איז מען דערנאך מוסיף אויך ״ובמשנתם״?

ויש לומר אז דאס איז מוסיף א חידוש, אז אע״פ וואס עס רעדט זיך וועגן ברייתות, ברייתא מלשון בר בחוץ (״משנתם״, זייער משנה), היפך פון פנים וביתו פנימה, ווייל ברייתא איז געלערנט געווארן מחוץ לביהמ״ד וואו ס׳איז געלערנט געווארן משניות, אעפ״כ איז אויך אין דעם דא דער ״בחר״ - ״בחר בהם ובמשנתם״, און דוקא בחירה וואס איז למעלה מטעם ודעת ולמעלה מכל הענינים. און דערצו איז דאס אין אן אופן פון ״ברוך שבחר בהם ובמשנתם״ - אז דאס ווערט נמשך (ברכה מלשון המשכה) צו יעדערן.

און דער טעם לזה איז, ווייל היות אז ״שנו חכמים״ איז ״בלשון המשנה״, מיוסד אויף דעם וואס זיי האבן מקבל געווען פון רבם, ואיש מפי איש ביז משה רבינו שקיבל תורה מסיני - דעריבער איז דא דער ״בחר בהם ובמשנתם״.

יט. דערפון איז דא דער לימוד צו יעדער איד - כנ״ל אז ״ברוך שבחר בהם ובמשנתם״ ווערט נמשך לכאו״א:

בשעת א איד אין אונזער דור לערנט תורה און איז מחדש בתורה מדילי׳, ״משנתם״ - קען מען דאך מיינען אז וואס איז שוין דער געוואלד און קאך אין דעם, ווארום ער איז דאך שלא בערך צו די דורות וואו ס׳איז געווען די דרגא פון רבינו אדער רבי, און אפילו ניט רב (בלי יו״ד), און רבנן סבוראי, און ראשונים

---

122) פסחים פח, א. 123) ס״ה. ובהמאמר. 124) לשון הכתוב - משלי י, ז. 125) תנחומא (באבער) נח ט. פרש״י ר״פ נח. 126) וירא יח, יח ובפרש״י שם. וראה יומא לח, ב. ב״ר פמ״ט, א.

כולל אויך - אז די הכנות לזה זאלן זיין בשלימות, וואס די הכנות לזה הויבן זיך שוין אן אין דעם שבת, ובפרט אז פון שבת גייט מען אריין גלייך אין שבועות,

און מפקחין על צרכי ציבור בשבת[131] - איז מען מעורר אין דעם שבת אז מ׳זאל פראוועז זמן מתן תורתנו מיט אלע זיינע ענינים, אנהויבנדיק פון אמירת תיקון ליל שבועות בלילה זה, און מעורר זיין אידן וועגן דעם מנהג - וואס דוקא דאס ווערט אנגערופן בפי כל ישראל (אפילו די וואס זאגן ניט תיקון ליל שבועות מפני סיבות שונות ומשונות) בשם ״תיקון ליל שבועות״, וואס שמו אשר יקראו לו בלשון הקודש איז מהוה ומחי׳ די זאך[132],

דארף מען מעורר זיין אלע אידן וועגן דעם מנהג, און בשעת עס קומט יו״ט קען מען דאך טראגן און מיטברענגען אין שול דעם תיקון ליל שבועות, ווארום יו״ט מעג מען טראגן, אזוי ווי ס׳איז דעמולט בכלל מותר מלאכת אוכל נפש, וואס ס׳איז ניטא קיין גרעסערער ״אוכל נפש״ פאר נפש כל ישראל ווי דער ענין פון תיקון ליל שבועות - דאס ווערט אן אוכל וואס גייט אריין בפנימיות אין נפש כל ישראל.

וכאן המקום אויך אפגעבן א יישר כח צו די וואס האבן אפגעדרוקט בשנה זו די תיקונים אויף דעם תיקון ליל שבועות, ויהא״ר אז מ׳זאל דאס אויך מפרסם זיין בכל מקום, וואס למרבית הפלא איז דאס נאך ניט אנגעקומען בכל מקום.

כא. וכאן איז אויך הזמן צו באווארענען בנוגע צו תיקון ליל שבועות - אז שלא כדעת הטועים אז מ׳דארף זיך זעצן לערנען א טיפן ענין אין המשך ע״ב וכיו״ב, נאר דער מנהג איז דוקא אמירת דברי תורה, יעדערער זאגט ענינים אין תורה, אפילו אויב לא ידע מאי קאמר - פריער חלקים פון די פרשיות התורה, כולל די עשרת הדברות, דערנאך פון נביאים וכתובים, און דערנאך פון תושבע״פ, ולאחרי כל זה קומט מען צו דעם סיום וואו... מ׳ציילט מצוות!

ער קען דאך טענה׳ן: אלס הכנה צו קבלת התורה - וואלט געווען מער מתאים אז ער זאל זיך זעצן לערנען אן ענין עמוק בתורה - איז וואס הייסט מען אים בלייבן אויף באנאכט און לייענען פסוקים, און דערנאך ווען ער קומט צו ציילן מצוות, איז

131) ראה שבת קנ, א. טושו״ע (ואדה״ז) או״ח סש״ו ס״ו (סי״ב). 132) ראה שעהיוה״א פ״א.

ואחרונים ואחרוני אחרונים, נאר ער געפינט זיך בדור הזה האחרון - איז במה נחשב הוא זיין חידוש בתורה לגבי די תורה פון די תנאים ואמוראים וכו׳ בדורם?!

האט מען די הוראה הנ״ל, אז בשעת א איד לערנט תורה, איז בשעת ער איז א תלמיד ותיק, ותיק מלשון ותיקין [ע״ד ווי עס שטייט אין לקו״ת[127] בנוגע מנהג הקפות בשמח״ת, וועלכע איז ״מנהג ותיקין״ (ניט ״מנהג ותיקון״, נאר ״ותיקין״), אז דאס דערלאנגט דאס הויך, העכער פאר תושב״כ ותושבע״פ] - אז זיין לימוד התורה איז מיוסד אויף די יסודי וכללי התורה שניתנו בסיני, וכמאחז״ל[128] אז מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתן למשה מסיני, און די ראי׳ לזה איז דערפון וואס זיין חידוש ווערט נתפשט ונתקבל ברוב תפוצות ישראל, ובפרט ע״פ האמור לעיל (סי״ג-ד) אז די דברי תורה פון א איד איז דבר ה׳ ממש -

זאגט מען דעמולט אז ״ברוך שבחר בהם ובמשנתם״, אז אין דעם איז דא די בחירה של הקב״ה, ניט נאר אין דעם איד (״אתה בחרתנו מכל העמים״), נאר אויך ״במשנתם״, ווייל דאס איז דער חידוש אין חלקו בתורה וואס דוקא ער האט מחדש געווען (״ותן חלקנו בתורתך״).

ובפרט ע״פ דעם פס״ד פון דעם אלטן רבי׳ן[129], אז ״בזמן הזה גם הלכות פסוקות של פסקי הגאונים הפוסקים כמו הטור והש״ע והגהותיו [און דערפון איז מובן בנוגע צו די פוסקים בדורות שלאחרי זה] בכלל משנה יחשבו״ (און אויף דעם איז חל דער כלל פון ״הטועה בדבר משנה חוזר״[130]).

און נוסף צו דעם עצם ענין הבחירה שבזה - איז דאס אויך באופן פון ״ברוך שבחר בהם ובמשנתם״, דאס ווערט נמשך בגלוי למטה.

כ. דערפון האט מען אויך דעם לימוד בנוגע צו זמן מתן תורתנו - לכל לראש דורך דעם וואס מ׳נוצט אויס די געלעגנהייט אויף ״ברוך שבחר בהם ובמשנתם״, צו בענטשן יעדער איד מיט א ברכה לקבלת התורה בשמחה ובפנימיות,

---

127) ראה לקו״ת דרושים לסוכות פ, ג. 128) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. ועוד. 129) הל׳ ת״ת רפ״ב. 130) כתובות פד, ב.

מסיבות פארבונדן מיט קדושה און תומ״צ, זאלן איצטער ארויפגיין און מכריז זיין וועגן דעם און מזמין זיין די מסובים.

ויה״ר אז דאס זאל צוגעבן נאכמער אין די אלע פעולות, און אין די ברכות לכל ישראל, ביז צו דעם קיום היעוד ״ה׳ ימלוך לעולם ועד״[140].

[לאחרי חלוקת המשקה התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

כד. שטייענדיק בשבת חמשה בסיון, ערב חג השבועות, איז פארשטאנדיק אז מ׳דארף פארענדיקן די אלע הכנות צו זמן מתן תורתנו, כולל די החלטות טובות וואס מ׳האט פריער גערעדט, ומתוך שמחה וטוב לבב, בהתאם לזה וואס ביו״ט האט מען דעם חיוב השמחה (״מועדים לשמחה״), ובפרט חגה״ש - וואו ס׳איז מודגש דער ענין השמחה, כלשון כ״ק מו״ח אדמו״ר[141] - בשמחה ובפנימיות; און וויבאלד אז ערב חגה״ש איז שבת - דארף דאס אויך זיין מתוך עונג.

ולסיים מיט דער ברכה בלשון פון כ״ק מו״ח אדמו״ר - לא פחות ולא יותר, בלי הוספות: קבלת התורה בשמחה ובפנימיות.

[ניגנו ניגון שמח״ת, ובאמצע הניגון עמד כ״ק אדמו״ר שליט״א מלא קומתו ורקד על מקומו בחוזק למשך זמן].

* * *

כה. אע״פ וואס מ׳זעט ניט וואס עס טוט זיך אין עזרת-נשים, איז אבער א זיכערע זאך אז די נשים זיינען געווען בא מתן תורה, ואדרבה - פריער איז געווען ״כה תאמר לבית יעקב״ (אלו הנשים) און ערשט דערנאך ״ותגיד לבני ישראל״ (אלו האנשים)[142].

דעריבער וואלט געווען מן הנכון וראוי אז מ׳זאל היינט מאכן א התוועדות בד׳ אמות אלו פאר נשי ישראל בתור הכנה צו זמן מתן תורתנו, און מ׳זאל דארטן רעדן און אננעמען החלטות טובות בנוגע צו פארשטארקן קבלת התורה בזמן מתן תורתנו בשנה זו, און אויך ווי זיי קענען העלפן און מעורר זיין די אנשים ובני ביתם אין זייער הכנה צו זמן מתן תורתנו, כמאחז״ל[143] נשים

140) בשלח טו, יח. 141) הובא ונתבאר בלקו״ש ח״ד ע׳ 1307. ובכ״מ. 142) יתרו יט, ג. מכילתא ופרש״י עה״פ. 143) ברכות יז, א. סוטה כא, א.

וויבאלד אז דאס איז שוין באם סיום פון תיקון, איז ער שוין פארמאטערט - האט ער נאר כח צו ציילן די מצוות און ער קען זיך ניט אריינטראכטן אין תוכן המצוות, אנהויבנדיק פון דער מצוה ראשונה - "פרו ורבו" - אריינטראכטן זיך אין פירוש כ"ק מו"ח אדמו"ר[133], אז א חסיד דארף מאכן נאך א חסיד, אדער עכ"פ נאך א איד, און די מצוה באשטייט פון זכר ונקבה[134] - סיי א משפיע און סיי א מקבל וכו'.

איז ער שוין פארמאטערט און ער קען זיך ניט אריינטראכטן אין דעם, און בפרט אז ער דארף דערנאך נאך גיין זיך טובל'ן, און דערנאך דאוונען בכוונה, און דערנאך הערן די עשרת הדברות בכוונה, און אויך מלחמה האבן און באווארענען אז ביי אים זאלן ניט איינפאלן קיינע מחשבות זרות ח"ו, כידע אינש בנפשי', אז אפילו ווי ער שטייט בדרגת הבינוני פאלן אים איין - שלא ברצון - מחשבות זרות וכו'[135].

בשעת עס רעדט זיך וועגן א קינד און אן איש פשוט - הערט ער די עשרת הדברות בפשטות, אבער א גדול בשכל דארף אויף דעם די התבוננות ועבודה וכו'.

כב. כאן המקום צו נאכאמאל דערמאנען, אז מ'זאל זען ברענגען אלע קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, אין שול חג השבועות צו הערן די עשרת הדברות (עכ"פ) בברכה לפני' ולאחרי', וברב עם הדרת מלך[136], ובפרט ובהדגשה בשנה זו - 3300 יאר זינט מתן תורה.

און אויך דערמאנען נאכאמאל די ברכה לכאו"א מישראל - בכל הענינים, בגשמיות וברוחניות, ומתוך בריאות הנכונה, אזוי ווי ס'איז געווען בא מתן תורה, אז נתרפאו כולם[137].

און דורך דעם וואס מ'בענטשט א אידן - ווערט "ואברכה מברכיך"[138], דער אויבערשטער בענטשט אים ובני ביתו בכל טוב.

כג. ובהמשך לזה איז כאן המקום צו דערמאנען אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה - "גדולה לגימה שמקרבת"[139] - צוליב פארשידענע

---

133) לקו"ד ח"ד תשמו, א. 134) טושו"ע אה"ע ס"א. 135) ראה תניא פי"ב. 136) משלי יד, כח. 137) תנחומא יתרו ח. במדב"ר פ"ז, א. וראה גם מכילתא (הובא בפרש"י) עה"פ יתרו כ, טו. ובכ"מ. 138) לך יב, ג. 139) סנהדרין קג, ב.

במאי זכיין, באקרויי בנייהו לבי כנישתא ובאתנוי גברייהו, ובאופן פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף"[144].

ויה"ר אז דאס זאל זיין א הכנה צו דעם "קהל גדול ישובו הנה"[145], בגאולה האמיתית והשלימה, ותיכף ומיד ממש.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

----- * -----

144) וילך לא, יב. 145) ירמי' לא, ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

לזכות

הרה״ת הוו״ח אי״א

ר׳ יששכר דוב וזוגתו מרים שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 23 כפר חב״ד טל. 03-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש"פ נשא, י"ב סיון
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

בס"ד. משיחות ש"פ נשא, י"ב סיון ה'תשמ"ח.

א. לויט דעם באוואוסטן ווארט פון של"ה[1], אז די מועדים האבן א שייכות מיט די פרשיות ווען זיי פאלן אויס, איז פארשטאנדיק אז פרשת נשא, וועלכע מ'לייענט (מערסטע יארן[2], ווי היינטיקן יאר) אין דעם שבת נאך חג השבועות, זמן מתן תורתנו, האט א שייכות מיט דעם אינהאלט פון מתן תורה.

ובפרט בקביעות שנה זו, ווען דער שבת נאך חג השבועות (ווען אלע ענינים פון חג השבועות ווערן נתעלה און דערגרייכן א שלימות פון "ויכולו"[3]), איז י"ב סיון[4], דער יום סיום התשלומין פון חג השבועות[5].

ב. די שייכות פון פרשת נשא מיט (מתן) תורה איז מרומז גלייך בתחלת הפרשה, ווי עס שטייט אין מדרש רבה[6], אז דער טעם פון דעם וואס דער ציווי "נשא את ראש בני גרשון" קומט נאך דעם ציווי "נשא את ראש בני קהת"[7] - "אע"פ שגרשון בכור ומצינו שבכל מקום חלק הכתוב כבוד לבכור" - אז "לפי שהי' קהת טוען הארון ששם התורה כו' הוי יקרה היא מפנינים מבכור שיצא ראשון כו'".

אזוי אויך בסיום הפרשה, וואס הכל הולך אחר החיתום[8] (און נעוץ סופן בתחלתן ותחלתן בסופן[9]), רעדט זיך וועגן תורה - "ובבוא משה אל אוהל מועד לדבר אתו וישמע את הקול מדבר אליו מעל הכפורת אשר על ארון העדות מבין שני הכרובים וידבר אליו". ביז אז "הקול מדבר אליו" ("הקול" מיט א ה"א הידיעה) איז פארבונדן מיט מתן תורה - "הוא הקול שנדבר עמו בסיני"[10].

ג. דער ביאור בזה (בעומק יותר) וועט מען פארשטיין בהקדים א שאלה אין ריש פרשתנו (און אין פרש"י):

אע"פ וואס מ'האט געציילט אלע לוים, בני קהת, בני גרשון און בני מררי - שטייט אבער "נשא את ראש" נאר בא בני קהת און בא בני גרשון, אבער ניט בא בני מררי (בא זיי שטייט נאר

---

1) חלק תושב"כ ר"פ וישב.
2) ובשאר השנים - קורין פ' נשא בשבת שלפני (ושמיני' מתברך) חג השבועות
3) ראה אוה"ת בראשית כרך א מב, ב ואילך. כרך ג תקח, א ואילך. ועוד.
4) נוסף על השייכות דשבת בכלל למתן תורה - דלכולי עלמא בשבת ניתנה תורה (שבת פו, ב. וראה תו"א יתרו ע, ג. ויקהל פח, א ואילך.
5) ראה סידור אדה"ז לפני "למנצח גו' יענך" בשם "מ"ס".
6) ריש פרשתנו - פו, א. וראה שם, ב.
7) במדבר ד, ב.
8) ברכות יב, א.
9) ספר יצירה פ"א מ"ז.
10) פרש"י שם (סוף פרשתנו).

"תפקוד אותם"[11])?

שטייט אויף דעם דער ביאור אין מדרש[12], אז "בבני קהת ובני גרשון נאמר בהן נשיאות ראש שחלק להם הקב"ה כבוד, לקהת בעבור כבוד הארון, ולגרשון על שהי' בכור, אבל בני מררי שלא הי' אלא בני פשוט ועבודת משאם לא הי' אלא קרשים ובריחים ועמודים ואדנים, לא נאמר בהם נשא את ראש".

די קשיא איז אבער אויך ע"ד הפשט, אין פשוטו של מקרא, פאר א בן חמש למקרא, ווייל ער זעט אויך אין פשטות הכתובים דער חילוק אז "נשא את ראש" שטייט ניט בא בני מררי.

ויש לומר אז רש"י (וואס ענינו איז פשוטו של מקרא[13]) האט דאס באווארנט בפירושו בתחלת הפרשה: אויף דעם וואס עס שטייט "נשא את ראש בני גרשון גם הם" איז רש"י מפרש "כמו שצויתיך על בני קהת לראות כמה יש שהגיעו לכלל עבודה".

האט מען אמאל גערעדט דעם ביאור אין דעם[14], אז "נשא את ראש", איז פאבונדן (ניט מיט א מנין בעלמא, נאר מיט) נשיאות ראש וחשיבות פון די בעלי כח וועלכע זיינען צוגעפאסט לעבודת משא, "הראויין לעבודת משא"[15], "כמה יש שהגיעו לכלל עבודה";

און דער ענין (נשיאות ראש וחשיבות אלס א בעל כח הראוי לעבודת משא) איז געווען נאר בא בני קהת און בא בני גרשון און ניט בא בני מררי,

און וויבאלד אז זייער עיקר תפקיד איז ניט אין גדר פון "עבודת משא", איז בא זיי ניטא אט די נשיאות ראש וחשיבות וואס איז פארבונדן מיט "הראויין לעבודת משא". ווי גערעדט דעמולט בארוכה.

ד. דער ביאור אין דעם בפנימיות הענינים[16] [כידוע אז אין רש"י איז אויך פאראן "ענינים מופלאים"[17] און "יינה של תורה"[18]]:

דער אויפטו פון משכן איז, אז דורך אים האט זיך אויפגעטאן השראת השכינה אין דער גשמיות'דיקער וועלט, עולם הזה הגשמי -

11) פרשתנו ד, כט.
12) במדב"ר פרשתנו פ"ו, ד. הובא בלקו"ת שם כא, ב.
13) פרש"י בראשית ג, ח. ועוד.
14) לקו"ש חי"ח ע' 46 ואילך.
15) פרש"י במדבר ד, ב.
16) בהבא לקמן - ראה לקו"ת פרשתנו ד"ה נשא הא' (וביאורו) והב'.
17) של"ה במס' שבועות שלו (קפא, א).
18) "היום יום" כט שבט.

״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״[19].

בכדי דאס אויפטאן - אז אלקות זאל זיך פארבינדן מיט עולם, וועלכע איז מצד עצמו מעלים ומסתיר אויף אלקות - האט זיך געפאדערט בכללות צוויי ענינים: (א) פון איין זייט, האט די תרומת המשכן געראדפט זיין ״אשר **ידבנו לבו**״, ״רצון טוב״[20] - מציאות האדם. ועאכו״כ עשיית המשכן וכליו וואס דערצו האט מען געדארפט **חכמי לב**[21]. (ב) אבער צוזאמען דערמיט האט געדארפט זיין דער ענין **הביטול**: ״ויקחו לי תרומה - לי לשמי״[22], און אויך ״ועשו לי מקדש - לי לשמי״[21] - מען זאל ניט אריינמישן קיינע פניות של מציאותו, אז ער איז דער נדיב און ער איז דער חכם וכו׳, עס זאל זיין ״לשמי״, צוליב דעם אויבערשטן.

די צוויי תנועות האבן זיך אויך אויסגעדריקט אין עבודת הלויים במשא המשכן - וואס ענינם בכללות איז ״לוי״ מלשון חיבור (״ילוה אישי אלי״[24]), צו מחבר זיין ״אור א״ס בעולמות״, ע״י נשיאת המשכן וכליו[25] - וואס דאס איז בכללות דער אונטערשייד צווישן עבודת בני קהת ובני גרשון און עבודת בני מררי אין משא המשכן[26]:

עבודת בני מררי איז - עבודת הביטול (מררי מלשון מרירות שמביא לביטול). און דערפאר זיינען זיי געווען די נושאי הקרשים, וועלכע זיינען ״עצי שטים **עומדים**״[27], וואס עמידה ווייזט אויף ביטול, ״אין עמידה אלא שתיקה״[28], ״בחי׳ ביטול העצמות מכל וכל, והיינו בחי׳ ביטול הרצון שלא יהא לאדם רצון אחר זולת הרצון לה׳ אחד כו׳״[29].

עבודת בני קהת און עבודת בני גרשון באשטייט בעיקר (ניט פון ביטול והעדר המציאות, נאר אדרבה -) באופן פון התפשטות ובדרך הליכה - אויפטאן און פארשפרייטן קדושה, ובכללות - די עבודה אין לימוד התורה עבודת התפלה וקיום המצוות (הליכה מלמעלה

---

19) תרומה כה, ח.
20) שם, ב ובפרש״י.
21) ויקהל לה, י ואילך.
22) תרומה כה, ב ובפרש״י.
23) פרש״י תרומה שם ח.
24) ויצא כט, לד.
25) לקו״ת פרשתנו כא, ריש ע״ב. וראה שם, ד ואילך.
26) ראה לקו״ת שם (כא, ג), שבכללות הג׳ דרגות בלויים (בני קהת בני גרשון ובני מררי) הם ג׳ ידות, עיי״ש.
27) תרומה כו, טו.
28) סוטה לט, א.
29) לקו״ת שם כ, ג.

למטה און הליכה מלמטה למעלה[30]).

וואס דערפאר זיינען די בני קהת געווען די נושאי הארון וכלי המשכן, וועלכע זיינען כלים חשובים, און יעדער כלי האט זיין באזונדער תפקיד אין עבודת ה׳ במשכן און אין אויפטאן דעם ״ושכנתי בתוכם״, אנהויבנדיק פון דעם ארון - דער ענין פון תורה; און עד״ז בני גרשון זיינען געווען די נושאי היריעות, וואס נעמט ארום דעם משכן, ע״ד ווי די לבושים פון מצוות.

וואס בכדי אז עס זאל זיין השראת השכינה למטה (אין משכן דארפן זייןביידע ענינים כנ״ל: איידער ער קען ממשיך זיין די שכינה אין גשמיות העולם (דורך אן עבודה באופן של התפשטות - הליכה) דארף זיין די (הקדמה פון דער) עבודה בדרך עמידה וביטול, ״לעמוד ולשתוק מן התפשטות והילוך שבלעומת זה והן הרצונות זרות שהאדם רוצה וחפץ ומשתוקק לדברים זרים כו׳ וכדי שיתהפך מהילוך זה להיות ההילוך באלקות, הוא ע״י שיבא תחלה לבחינת עמידה, והוא בחי׳ ביטול רצון כו׳״[31].

דערנאך קען ער אויף דעם ״אויפבויען״ א משכן, און טאן די עבודה בדרך התפשטות והליכה אין קדושה. אזוי ווי דאס איז אין דעם משכן גשמי, אז די יריעות און דער גאנצער משכן (ובתוכם - די כלי המשכן) האלטן זיך אויף די קרשים עומדים און די בריחים ואדנים (וועלכע בני מררי האבן געטראגן) - דער ענין הביטול.

ה. עפ״ז יש לומר אז דאס וואס בא בני מררי שטייט ניט ״נשא את ראש״[32] איז עס ניט מצד דערויף וואס זיי זיינען געווען אין א דרגא וואס איז נידעריקער פון נשיאות ראש, נאר - אדרבה, אין דעם באשטייט זייער מעלה, וואס זייער עבודה איז ביטול, שלילת (והיפך) נשיאת ראש (קבלת כבוד).

ובלשון המדרש הנ״ל, אז ״בבני קהת ובני גרשון נאמר בהן נשיאות ראש שחלק להם הקב״ה כבוד כו׳, אבל בני מררי שלא הי׳ אלא בני פשוט ועבודת משאם לא הי׳ אלא קרשים ובריחים ועמודים ואדנים, לא נאמר בהם נשא את ראש״:

בא בני קהת ובני גרשון, וואס זייער עבודה איז הילוך והתפשטות - איז נוגע דער ענין פון נשיאת ראש און כבוד, ע״ד ״ויגבה לבו בדרכי ה׳״[33]; משא״כ דער ענין פון בני מררי איז

---

30) שם כד, ג. כה, ב. סד״ה נשא תרע״ג.

31) לקו״ת שם כ, ג. כב, ג.

32) ראה גם לקו״ת שם כא, ב. כג, ג. כה, ב. אוה״ת פרשתנו ע׳ רמ ואילך. ע׳ א׳תלו. ע׳ א׳תשלו ואילך. סד״ה נשא תרע״ג.

33) דה״ב יז, ו.

דאס וואס זיי זיינען ״בני פשוט״, עבודת הביטול, שולל זיין ציור ומציאות, און דערפאר באשטייט זייער מעלה אין דעם וואס ״לא נאמר בהם נשא את ראש״.

ויש לומר אז דאס איז דער תוכן פנימי אין דעם ביאור הנ״ל בפרש״י אין דעם חילוק צווישן בני קהת ובני גרשון מיט בני מררי - אז בני קהת און בני גרשון האבן דעם נשיאות ראש וחשיבות אלס בעלי כח וועלכע זיינען ראוי לעבודת משא, וואס דאס באווייזט אויף אן עבודה בדרך התפשטות וואס קומט מצד כח האדם (בעלי כח), אז ער איז א מציאות (דקדושה) וועלכע האט דעם כח צו טראגן, משא״כ עבודת בני מררי איז ניט באופן פון נשיאת ראש וחשיבות כו׳, נאר אן עבודה בדרך **ביטול**.

ו. דערמיט וועט מען אויך פארשטיין די שייכות פון דער פרשה מיט מתן תורה:

דער כח אויף השראת השכינה אין משכן איז געקומען דורך מתן תורה, וואס דעמולט ״בטל גזירה ראשונה ואמר התחתונים יעלו לעליונים והעליונים ירדו לתחתונים, ואני המתחיל שנאמר[34] וירד ה׳ על הר סיני״[35], און האט געגעבן די תורה צו אידן דא למטה, וואס דאס האט געגעבן דעם כח צו איבערמאכן אז די גשמיות׳דיקע וועלט זאל ווערן א ״חפצא״ של קדושה, ווי ערקלערט אין מערערע ערטער בארוכה[36].

און די שלימות דערפון איז נשלם געווארן אין משכן - ״ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ (וואס איז א ציווי כללי בנוגע אלע בתי מקדשות[37]), וואו אידן דורך זייער עשי׳ ועבודה[38] האבן אויפגעשטעלט א משכן, וואס דורך דעם איז די קדושה נקבע געווארן אין דער חפצא (גשם) פון משכן, ס׳איז געווארן א קדושה אין דעם משכן וחלקיו - ״ושכנתי בתוכם״ אין א מקום גשמי ודברים גשמיים בעולם.

און וויבאלד אז בכדי ממשיך זיין אלקות אין וועלט פאדערן זיך די צוויי תנועות הנ״ל (ביטול און התפשטות) - דעריבער זיינען בא מתן תורה געווען די צוויי ענינים:

---

34) יתרו יט, כ.

35) שמו״ר פי״ב, ג. תנחומא וארא טו.

36) ראה לקו״ש חט״ז ע׳ 211 ואילך. וש״נ.

37) ראה רמב״ם ריש הל׳ ביהב״ח.

38) משא״כ במתן תורה הי׳ זה ע״י הגילוי מלמעלה - ראה בארוכה לקו״ש חכ״א ע׳ 150 ואילך. וש״נ.

מתן תורה האט אויפגעטאן א ביטול בא אידן - "על[39] כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן"[40], און "וירא[41] העם וינועו ויעמדו מרחוק"[42], "ויחרד כל העם אשר במחנה"[43].

לאידך גיסא איז נאך דעם "פרחה נשמתן" געווען "החזירה להם בטל שעתיד להחיות בו המתים"[44], "טל תורה שנקרא עוז"[45], דער עוז וכח צו אידן צו אויפנעמען דעם גילוי פון תורה[46] באופן "שלא יתבטלו ממציאותם"[47].

ועד"ז זיינען געווען די בײדע ענינים אין וועלט: מתן תורה האט אויפגעטאן א ביטול כללי בכל העולם כולו - "צפור לא צווח, עוף לא פרח, שור לא געה כו'"[48]. ולאידך גיסא[49] האט זיך בא מ"ת אויפגעטאן דער קיום העולם, און דערפאר איז געווארן "ושקטה" אין ארץ[50].

וואס דער טעם אויף די צוויי פארקערטע תנועות בא מתן תורה איז:

וויבאלד אז בא מתן תורה זיינען אידן (ועאכו"כ די וועלט) נאך ניט געווען קיין כלים שלמים צו מקבל זיין תורה וקדושה באופן אז דאס זאל מיט זיי פאראייניקט ווערן (ובפרט מצד די טומאה פון גלות מצרים וכו')[51] - איז בא זיי צום אלעם ערשטן געווען א ביטול כללי, ויחן - כאיש אחד[52] ביטול מצד עצמם, און דערנאך א ביטול מצד הציבור (פרחה נשמתן וכו'), ווייל זיי האבן ניט געקענט אויפנעמען דעם אור גדול;

---

39) שבת פח, ב. שמו"ר פכ"ט, ד.

40) שזהו ביטול במציאות ממש (תניא ספל"ו. וראה גם שם רפל"ד).

41) יתרו כ, טו.

42) ראה מאמרי אדמו"ר האמצעי במדבר ח"א פרשתנו ע' קעב - שמביא ענין זה בקשר עם הביטול דבני מררי (עומדים).

43) שם יט, טז.

44) ל' התניא ספל"ו (מו, ב). וראה שבת ושמו"ר שם.

45) תניא שם.

46) וגם הגילוי דלע"ל - ראה תניא שם (מו, א).

47) תניא שם.

48) שמו"ר ספכ"ט.

49) ולהעיר מזבחים קטז, סע"א, שע"י הקול דמ"ת נפל פחד וביטול על אוה"ע ש"אחזתן רעדה", וביחד עם זה "אמרו שירה" (שזהו תנועה של התפשטות), ועד שהרגישו המעלה דנתינת התורה לישראל ("ה' עוז לעמו יתן") ואמרו על זה "ה' יברך את עמו בשלום".

50) שבת פח, א.

51) וגם הזוהמא מחטא עה"ד פסקה מהם במעמד הר סיני ע"י הגילוי מלמעלה כו' (המשך תער"ב ח"ב ע' תתקלא).

52) יתרו יט, ב ופרש"י.

אבער די כוונה אין דעם ביטול איז ניט אז מען זאל בלייבן ביי א ביטול והעדר המציאות (פרחה נשמתן), וואָרום תורה "לא בשמים היא"[53], די תורה איז געגעבן געוואָרן לנשמות בגופים דא למטה, נאָר דער ביטול איז בכדי צו מבטל זיין דעם העלם והסתר פון וועלטישקייט וואָס שטערט צו אלקות, בכדי מ'זאל דערנאָך זיין גרייט אויף מזוכך ווערן און מקבל זיין דעם אור בשלימות, און דאָס זאָל דורכנעמען די מציאות פון אידן, ביז פאַראייניקט ווערן מיט דעם אויבערשטן,

ביז אז אויך אוועקגייענדיק פון מעמד הר סיני זאָל מען אויפטאָן דורך עבודה **בכח עצמו**, אין א שטענדיקער תנועה פון התפשטות והליכה, שטייגן מערער און העכער.

ועד"ז זאָלן זיי אויך אויפטאָן בכל העולם כולו - אז בכח הביטול כללי בעולם וואָס איז געווען בשעת מתן תורה, זאָל מען דערנאָך קענען מזכך ומברר זיין די וועלט[54], אז דאָרט זאָל זיין "ושכנתי בתוכם", ווי ס'איז געווען בפועל דערנאָך אין משכן[55].

ז. און די צוויי ענינים געפינט מען אויך אין דער הכנה צו קבלת התורה[56]:

לכל לראש האָבן אידן געזאָגט (נאָר) "נעשה"[57] - ביטול וקבלת עול צו אננעמען אלץ וואָס דער אויבערשטער זאָגט, וואָס דאָס איז דער יסוד והתחלת העבודה. דערנאָך האָבן זיי געזאָגט "נעשה ונשמע"[58], אז מ'וועט לערנען און פאַרשטיין און אריינגעמען אין א פנימיות די דברי תורה, ד.ה. אז לאחרי ווי מ'האָט דער יסוד הביטול, דאַרף זיין די התפשטות אין "נשמע" והבנה בלימוד התורה[59].

---

53) נצבים ל, יב. ב"מ נט, ב.

54) ראה סה"מ תרנ"ח ע' רא. המשך תער"ב שם.

55) ראה תניא פל"ד, שכיון שישראל לא יכלו לסבול הגילוי אור בשעת מ"ת ופרחה נשמתן, "לכן מיד אמר להם לעשות לו משכן ובו קדשי הקדשים להשרות שכינתו שהוא גילוי יחודו ית' כו'".

56) ועד"ז גם במ"ט ימי ההכנה למתן תורה - היו ב' עבודות אלו: (א) הביטול והטהרה מהמ"ט שערי טומאה, "לטהרנו", לטהר בני ישראל להקב"ה ליום חתונתו זה מתן תורה [וזהו אחד מהטעמים דההנהגה דלימוד מס' סוטה* בימי הספירה**]. (ב) ההשתוקקות דבנ"י למתן תורה, ע"י העבודה בהתפשטות המדות מחסד שבחסד עד מלכות שבמלכות, מ"ט שערי בינה, עד לשער הנו"ן.

57) משפטים כד, ג.

58) שם, ז.

59) ראה קונטרס משיחת ש"פ תזו"מ שנה זו.

---

*) להעיר שפרשת סוטה הוא בפרשתנו - פ' נשא, שקורין לעולם בסמיכות לחגה"ש, כנ"ל ס"א.

**) ולהעיר שטהרת האשה לבעלה הוא ע"י עפר המשכן, המורה על תכלית הביטול, ועד שזהו למטה יותר אפילו מאדני המשכן ועצי שטים עומדים (עבודת מררי).

ובפרטיות יותר, איז אויך אין דעם ״נשמע״ גופא (לימוד התורה בהבנה והשגה) פאראן בײדע ענינים: ״ליגמר אינש והדר למסבר״[60]. לכל לראש דארף מען לערנען און פארשטײן די ענינים וואס מ׳האט געהערט מרבו, און איש מפי איש ביז משה רבינו שקבל תורה מסיני, וואס בא מתן תורה איז געגעבן געווארן מלמעלה כל התורה כולה, אויך מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש[61]; אבער דערנאך דארף זײן דער ״למסבר״ - לערנען תורה בכח עצמו, און מחדש זײן בתורה, און ארויסברענגען מן הכלל אל הפרט ומן הכח אל הפועל, דאס וואס איז געגעבן געווארן בא מתן תורה, ביז לאפשא לה[62].

ח. ויש לקשר זה אויך מיט דעם הײנטיקן פרק אין פרקי אבות - לויט דעם מנהג צו לערנען פרקי אבות ״כל שבתות הקיץ״[63], אויך

וויבאלד אז דער מסדר המשנה האט צוזאמענגעשטעלט אז אין אײן משנה זאלן שטײן בײדע ענינים - ״משה קבל תורה מסיני ומסרה נאך חג השבועות, וואס לויט דעם לערנט מען דעם שבת פרק ראשון (צום צווייטן מאל בשנה זו[64]):

אין דער ערשטער משנה פון דעם פרק לערנט מען: ״משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה״. און די משנה איז מסיים מיט ״הם אמרו שלשה דברים, הוו מתונים בדין, והעמידו תלמידים הרבה ועשו סיג לתורה״.

כו׳״, און דעם מאמר פון אנשי כנסת הגדולה - איז פארשטאנדיק אז ס׳איז דא צווישן זײ א שייכות.

ויש לומר הביאור בזה:

די משנה גיט ארויס בײדע תנאים וואס דארפן זײן אין לימוד התורה ועבודת ה׳ בכלל - ביטול און התפשטות:

לכל לראש דארף זײן ״קיבל תורה מסיני״[65]. דערנאך דארף אבער זײן דער ״ומסרה כו׳״, ס׳איז ניט גענוג אז ער זאל בלײבן א מקבל, נאר תורה דארף ביי אים זײן באופן של התפשטות, ער דארף

---

60) שבת סג, א.

61) ראה שקלים פ״ו ה״א. מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. וראה תו״ש מילואים לכרך טז ס״א (ע׳ רג ואילך), וש״נ.

62) זח״א יב, ב. וראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב ס״ב. אגה״ק סכ״ו (קמה, א).

63) סידור אדה״ז לפני פרקי אבות.

64) שמזה מובן שהוא בהבנה נעלית יותר מהלימוד בפעם הראשונה, ובמילא גם בתלמוד גדול שמביא לידי מעשה - ״מילי דחסידותא״ ו״מילי דנזיקין״ (ב״ק ל, א), בהידור יותר וכו׳.

65) ראה ביאורים לפרקי אבות כאן, שזהו הביאור בהלשון ״מסיני״, ולא ״מהקב״ה״ - כי סיני (מכיך מכל טורייא - מדרש תהלים (באבער) סח, יז) רומז על הביטול שצ״ל בקבלת התורה.

איבערגעבן און לערנען תורה מיט אנדערע (ועד״ז בא יהושע - איז נוסף צו זיין ביטול וקבלה פון משה, ווערט דערנאך זיין השפעה "ויהושע לזקנים", און אזוי מדור לדור - "וזקנים לנביאים, ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה"). און אין דעם באשטייט די שלימות פון "משה קבל תורה מסיני" - בשעת דאס קומט ארויס אין "ומסרה".

און דעריבער איז די משנה מסיים, אז אויך בא די אנשי כנסת הגדולה איז (ניט געווען נאר די קבלה פון די נביאים, נאר אויך) "הם אמרו" - אלס משפיעים, און ניט נאר איין ענין, נאר "שלשה דברים", ע״ד כללות התורה וועלכע איז "אוריין תליתאי"[66] דוקא[67].

און אויך דער תוכן פון די "שלשה דברים" איז נוגע צו דעם תוכן הנ״ל:

"והעמידו תלמידים הרבה": אע״פ וואס די הקדמה דארף זיין דער ביטול פון דעם תלמיד לרבו, און אויך דערנאך - מתון בדין שע״פ שכלו - זאגן די אנשי כנסת הגדולה א הוראה, אז ער קען דערביי ניט בלייבן, נאר ער דארף אויפטאן "והעמידו תלמידים הרבה", תלמידים לשון רבים, און אין דעם גופא - "הרבה", וואס דאס איז כולל די מערסטע צאל תלמידים וואס קען זיין.

"ועשו סיג לתורה": ס׳איז ניט מספיק צו לערנען די תורה וואס מ׳האט באקומען מרבו ביז צו משה רבינו בא מתן תורה, נאר דער תלמיד ותיק דארף בכח עצמו צוגעבן סייגי תורה (על יסוד כללי התורה שקבל מרבו), ביז דער הוראה "עשו משמרת למשמרתי"[68], לויט זיין אפשאצונג פון צרכי הדור.

ט. עפ״ז וועט מען אויך פארשטיין דער דיוק "והעמידו תלמידים הרבה", דלכאורה:

די מעלה פון א גוטן רב ומלמד איז, אז נוסף צו דעם וואס די ענינים וועלכע ער לערנט מיט די תלמידים איז ער זיי דאס מסביר בהסברה טובה - איז ער זיי אויך מדריך און לערנט זיי אויס אז זיי זאלן אליין קענען לערנען און מחדש זיין בכח עצמם.

וואס בכלל איז עס בדוגמת החילוק פון "עמידה" און "הליכה": בשעת דער תלמיד פארשטייט נאר דאס וואס דער רב האט אים משפיע

---

66) שבת פח, א.
67) ולכן מוסיף במשנה ומדייק שהיו "שלשה דברים" - דמנינא למה לי.
68) מו״ק ה, סע״א. וש״נ.

געוועז (ביז אפילו בשעת זיינע חושים ווערן כחושי הרב) - איז ער אן ״עומד״, ער בלייבט שטיין אויף אן ארט; משא״כ ווען ער איז מחדש בכח עצמו (לאפשא לה) - איז ער א ״מהלך״, ער האלט אין איין גיין מדרגא לדרגא, ״ילכו מחיל אל חיל״[69].

ועפ״ז דארף מען האבן הסברה אין דעם דיוק הלשון ״והעמידו תלמידים הרבה״, דלכאורה איז די שלימות בזה ניט ״והעמידו״, נאר ער זאל זיי מאכן פאר מהלכים[70]?

ויש לומר, אז דער ענין פון ״העמידו״ גיט צו, אז אויך נאך דעם וואס דער תלמיד ווערט א מהלך און א מחדש, זאל ער ״שטיין״ און זיינע חידושים זאלן זיין געבויט אויף די יסודות וואס ער האט מקבל געווען מרבו. ביז אז לאחר החידוש שלו - זאל ער האבן מן המוכן דעם ענטפער אויף דער שאלה (הרגילה בש״ס): מנא הני מילי.

י. דער לימוד דערפון לכל אחד ואחת מישראל - ״והחי יתן אל לבו״[71]:

בא יעדער איד דארפן זיין ביידע עבודות פון ביטול והתפשטות, אזוי ווי ס׳איז געווען בא מתן תורה - ״נעשה ונשמע״.

ובפרט מצד דעם וואס יעדער איד האט בכח צו טאן די עבודה פון שבט לוי, כפס״ד הרמב״ם[72], אז ״לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש אשר נדבה רוחו כו׳״ (ובפרט אז בא מ״ת האט זיך אויפגעטאן אז יעדער איד געהערט צו ״ממלכת כהנים״[73]),

און דאס איז אויך כולל ילדי ישראל - קטנים, כמרומז אין מנין שבט לוי אז ער איז ״מבן חודש ומעלה״[74] (און נאך פריער - ״מן הבטן״[75]), און אויך קטנות - כמובן מזה וואס די ראי׳ אז מ׳ציילט שבט לוי ״מן הבטן״ איז פון **יוכבד**, ״אשר ילדה אותה ללוי במצרים עם כניסתה בפתח מצרים ילדה אותה ונמנית בשבעים

---

69) תהלים פד, ח.

70) ואף שענין ההליכה הוא שהתלמיד מחדש בכח עצמו, אעפ״כ, מכיון שזה (שהתלמיד נעשה מהלך ומחדש בכח עצמו) הוא ע״י הדרכת הרב, והרב צריך להדריך את התלמיד שיהי׳ ״מהלך״ - מהו הדיוק ״והעמידו תלמידים הרבה״?

71) קהלת ז, ב.

72) סוף הל׳ שמיטה ויובל.

73) יתרו יט, ו.

74) במדבר ג, טו. וראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 252. ע׳ 256 ואילך.

75) פרש״י במדבר שם (דמה שנמנו מבן חודש ומעלה הוא לפי שאז נתברר שיצא מכלל נופלים).

נפשות כו׳ היא השלימה את המנין״[76] -

דארף בא יעדער איד זיין די עבודה פון בני מררי (ביטול) און די עבודה פון בני קהת ובני גרשון (התפשטות) אין זיין משכן הפרטי[77]:

דער יסוד (די אדנים) והתחלת העבודה דארף זיין ביטול, ובכללות - ביטול צו דעם אויבערשטן און צו אלע זיינע ציוויים, ובפרטיות - ביטול צו זיין רב פון וועמען ער לערנט תורתו של הקב״ה (וואס דורך דעם ווערט ער בטל צו דעם אויבערשטן), וואס דאס עפנט פאר אים אויף דעם וועג ער זאל מקבל זיין תורה ומצוות, און ז״י מקיים זיין בפועל, באופן פון ״נעשה״.

צוזאמען דערמיט האט מען געגעבן יעדער מענטשן זיין שכל און מדות, וועלכע ער דארף אויסנוצן במילואם, דורך דעם וואס ער ווערט בכח עצמו א **מהלך** אין זיין עבודה, אז ער לערנט תורה בהבנה והשגה שלו (״נשמע״) מיטן גאנצן תוקף (און בלייבט ניט באם ביטול פון ״נעשה״, אן קיין פארשטאנד), נאר ער זאגט ״ונשמע״ און **טוט** (נעשה) דעם **ונשמע**. און ניט נאר וואס דאס שוואכט ניט אפ זיין מעשה **ח**״ו **וח**״ו, וואס המעשה הוא העיקר[78], נאר אדרבה - דורך דעם קומט צו אז זיין מעשה זאל זיין אויף א העכערן אופן, וויבאלד אז דאס ווערט אויך א תוצאה פון זיין פאשטאנד און התבוננות.

און אזוי אויך אין זיין עבודת ה׳, איז נוסף צו דעם וואס בי אים איז דא דער יסוד והקדמה פון יראת ה׳ (ביטול), איז ער אויך עובד ה׳ מתוך אהבה (קירוב והתפשטות), וואס דאס איז שלימות העבודה[79].

ועד״ז אויך בנוגע צו השפעה אויף א זולת - באנונגט ער זיך ניט מיט דעם וואס ער בלייבט א תלמיד פון זיין רב, און אפילו ניט מיט דעם וואס ער לערנט תורת רבו אין אן אופן אז דאס ווערט זיין שכל ונקראת על שמו[80], נאר ער טוט אויך אויף ״**והעמידו** תלמידים הרבה״ - דורך הפצת התורה והיהדות, און ניט

---

76) פרש״י במדבר שם.

77) ראה לקו״ת פרשתנו כ, ב ואילך.

78) אבות פ״א מי״ז.

79) ראה רמב״ם הל׳ תשובה פרק עשירי. - ולהעיר מזהר פרשתנו קכח, א (שאומרים בתיקון ליל שבועות) ״אנן בחביבותא תלייא מילתא, דכתיב ואהבת את ה׳ אלקיך, וכתיב מאהבת ה׳ אתכם וכתיב אהבתי אתכם אמר ה׳״. וי״ל הקשר עם מתן תורה - שג׳ אהבות אלו הם כנגד הג׳ עטרות שכתרו בעת מ״ת, אחת נתן המלך בראשו ושניהם נתן בראשם של בניו (ויק״ר פכ״ד, ח. וראה ד״ה בששה״ק דערב חגה״ש תשמ״ז. וש״נ).

80) ע״ז יט, א. וראה קידושין לב, סע״א ואילך.

נאר איין תלמיד, נאר "תלמידים הרבה",

וואס יעדער מענטש האט כחות וועלכע מ'האט ספעציעל געגעבן צו אים און קיין אנדער מענטש האט זיי ניט, און במילא האט יעדערער זאכן וועלכע ער קען משפיע זיין צו אנדערע[81], און מאכן פון זיי זיינע תלמידים,

ביז אין אן אופן, אז יעדער תלמיד באזונדער בלייבט ניט שטיין באופן פון עמידה וביטול, נאר ער ווערט סוף סוף א מהלך - טופח על מנת להטפיח, א נר להאיר[82] אנדערע.

יא. אין דעם קומט צו א ספעציעלע הדגשה אין די דורות האחרונים בנוגע צו הפצת המעינות חוצה, ווי רבותינו נשיאינו האבן אנגעזאגט און געגעבן כחות צו מפיץ זיין די מעינות החסידות חוצה,

ובפרט אין אונזער דור - דער לעצטער דור פון גלות און (ער וועט זיין) דער ערשטער דור פון דער גאולה - דער דור וועלכן כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האט געמאכט יעדערן פון אנשי הדור, אנשים נשים וטף, פאר א שליח צו מפיץ זיין די מעינות חוצה, בתוך הפצת התורה והיהדות בכלל; ער האט געמאכט יעדערן פון דעם דור פאר אן "עסקן ציבורי", וועלכע טראגט די אחריות ניט נאר פאר זיך אליין, נאר אויך פאר פארשפרייטן אידישקייט ביי אידן ארום זיך.

וואס דערביי זיינען אויך דא די צוויי עבודות הנ"ל:

לכל לראש דארף זיין דער ביטול צו זיין נשיא, לערנען זיין תורה און אננעמען זיינע הוראות, ובתכלית הביטול,

ביז ווי ס'איז ידוע דער פתגם פון חסידים[83], אז זייער יום הולדת איז ווען זיי זיינען געקומען דעם ערשטן מאל צו זייער רבי'ן (צו דער רבי אין זיין דור), ווייל דעמולט איז (בטל געווארן זיין פריערדיקע מציאות און ער איז) געווארן א מציאות חדשה, כקטן שנולד דמי[84],

---

81) כהוראת המשנה (אבות רפ"ד) "איזהו חכם הלומד מכל אדם", היינו שיש מה ללמוד מכל אדם. ולהעיר מהדין שגם עני ואביון חייב במצות צדקה (גיטין ז, ריש ע"ב. רמב"ם הל' מתנות עניים פ"ז ה"ה. טושו"ע יו"ד ר"ס רמח).

82) להעיר מהקשר לריש פ' בהעלותך (שקורין במנחת שבת זו) - "בהעלותך את הנרות, עד שתהא שלהבת עולה מאלי'".

83) "היום יום" ל שבט.

84) "כקטן" בכ"ף הדמיון - כי יש לומר שיש בו מעלה לגבי תינוק שנולד: (א) בקטן שנולד יש גם ירידה לכאורה מהמצב במעי אמו ששם היו מלמדין אותו כל התורה כולה (נדה ל, ב). (ב) קטן שנולד לא שייך ללימוד התורה, וגם כשהגיע לגיל הבנה, הרי הלימוד הוא בסדר והדרגה, משא"כ בחסיד ורבו - הנה אף שגם

וע״ד ווי מתן תורה, וואס דעמולט זיינען אידן געווארן ווי א גר שנתגייר כקטן שנולד דמי[85] (וואס דערפאר לערנט מען אפ פון מ״ת דיני גירות[86]), א מציאות חדשה, עד כדי כך איז דעמולט געווען דער ביטול פון זייער פריערדיקע מציאות.

ויש לומר אז מעין זה איז בשעת א חסיד קומט צו זיין רבי׳ן - בנוגע צו לימוד פנימיות התורה באופן פון ״יתפרנסון״[87] מיני׳ - אז ביי אים איז דא דער תכלית הביטול פון זיין מציאות הקודמת, און ער ווערט אין דעם א מציאות חדשה.

דערנאך מאנט מען אבער פון אים, אז ער זאל ניט בלייבן שטיין בא די דרגא (פון עמידה וביטול), נאר ער זאל אויפטאן בכח עצמו און ווערן א מהלך אין זיין עבודה, ועוד ועיקר - דורך ארויסגיין אין חוצה און דארטן מפיץ זיין די מעינות החסידות וועלכע ער האט מקבל געווען באם רבי׳ן, און ״והעמידו תלמידים הרבה״, ביז אז זיי ווערן אויך מהלכים.

יב. דערביי קען ווערן א שאלה: וואס איז אויב ער געפינט ניט אויף וועמען צו משפיע זיין אין אידישקייט און אין די מעינות החסידות. אדער אויב ער לעבט אין אן עיר שכולה חכמים וסופרים[88] - קען ער דאך מיינען, אז דעמולט האט ער ניט די הוראה פון ״והעמידו תלמידים הרבה״?

אויף דעם האט מען א הוראה נפלאה פון היינטיקן שיעור רמב״ם:

דער רמב״ם שרייבט[89] וועגן דעם סדר הפרשת מעשר, אז ״אחר שמפרישין מעשר ראשון בכל שנה מפרישין מעשר שני כו׳, ובשנה שלישית וששית מפרישין מעשר עני״ (און ווי ער האט פריער מאריך געווען וועגן דעם סדר פון הפרשה, אז דאס דארף זיין בדיוק בסדר זה[90]).

בפנימיות התורה ישנם דרגות (מקרא שבו, משנה שבו וכו׳), הרי החסיד מקבל תיכף כל הענינים שבפנימיות התורה, לא רק ה״אל״ף-בי״ת״, אלא גם הענינים הכי עמוקים כו׳ (ע״ד מה שבמ״ת קיבלו בנ״י כל התורה, וגם פנימיות התורה, ואדרבה - לפני עשה״ד הי׳ גילוי דמעשה המרכבה ובאופן של ״ויחזו״ (משפטים כד, י-יא).

85) יבמות כב, א. רמב״ם הל׳ עדות פי״ג ה״ב. טושו״ע חו״מ ס״ל סי״א.

86) יבמות מו, א-ב. כריתות ט, א. רמב״ם הל׳ איסו״ב רפי״ג.

87) לשון התקו״ז ת״ו בסופו. הקדמת המקדש מלך לספרו. כסא מלך לתקו״ז שם. ועוד.

88) ע״פ ל׳ חז״ל - אבות פ״ו, ט.

89) ריש הל׳ מעשר שני.

90) הל׳ מתנות עניים פ״ו ה״ב ואילך. הל׳ תרומות פ״ג הכ״ג.

פון לשון הרמב"ם "מפרישין" איז פארשטאנדיק, אז די הפרשה דוקא דארף זיין אין דעם סדר, משא"כ די נתינה בפועל קען זיין בסדר אחר.

וואס דאס איז דאך א חידוש בנוגע צו מעשר עני: בנוגע צו שאר המעשרות, איז יש מבארים[91] אז דער עיקר איז די הפרשה און ניט די נתינה, ווייל דורך דער הפרשה ווערט די תבואה אויס טבל (ובפרט בא מעשר שני וואו ס'איז ניטא קיין נתינה); אבער בא מעשר עני, וואס איז א גדר פון נתינת צדקה, איז דאך לכאורה דער עיקר אז דער עני זאל דאס מקבל זיין[92] און עס זאל אויפטאן "החיית[93] את נפש העני"[94] - אעפ"כ קומט אויס פון דעם רמב"ם, אז די הפרשה אליין איז אן עיקר!

דערפון האט מען דעם לימוד ונפק"מ לפועל:

אפילו בשעת מ'געפינט זיך אין א מקום ומצב וואו ס'איז ניטא קיין עני, און אפילו ניט קיין גבאי צדקה - האט מען דעם חיוב פון הפרשת מעשר עני, ועד"ז מובן בנוגע צו הפרשה לצדקה - אז ער זאל מפריש זיין מממונו לצדקה (און ווען עס קומט די ערשטע געלעגנהייט גיט ער דאס אפ בפועל).

ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו צדקה רוחנית - הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה: אפילו אויב ער געפינט זיך אין א מקום ומצב וואו ער קען ניט געפינען קיין עני בדעת וועלכע דארף אנקומען צו זיין השפעה - האט ער אויך דעמולט אויף זיך דעם גאנצן חיוב פון "כל ישראל ערבים זה לזה", און פון הפצת התורה והיהדות, אז ער מצדו דארף מפריש זיין פון זיינע כחות און זיך צוגרייטן און אפשאצן ווי ער קען העלפן א צווייטן אידן אין אידישקייט, צוגרייטן די אותיות בא זיך ווי צו מסביר זיין א צווייטן אידן די טייערקייט פון תורה ומצוות וכיו"ב, אזוי אז גלייך ווי עס קומט די ערשטע געלעגנהייט זאל ער דאס קענען גלייך טאן בפועל.

ע"ד ווי א "שולחני תגר, כשמביאין לו מעות לראות רואה, וכשאין מביאין לו הוא מחזר ומביא משלו" (ניט ווי א "שולחני

---

91) מרגניתא טבא וקנאת סופרים לסהמ"צ להרמב"ם שורש יב. וראה רש"י יומא פג, א ד"ה כי פליגי. גיטין ל, א ד"ה ואע"ג.

92) ועד שהמאבד סלע מתוך ידו ומצאה עני והולך ונתפרנס בה מעלה עליו הכתוב כאילו זכה (ספרי תצא כד, יט).

93) תנחומא משפטים טו.

94) ועד שכל ענין הצדקה הוא משום שיש מציאות העני, כמובן מדברי הקב"ה לדוד בטעם בריאת עשירים ועניים - ד"חסד ואמת מן ינצרוהו, אם יהיו כולם עשירים או עניים מי יוכל לעשות חסד" (תנחומא משפטים ט. שמו"ר פל"א,ה).

עשיר כשמביאין לו דינרין לראות רואה וכשאין מביאין לו יושב ותוהא")[95], ווייל הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה איז "אומנתו", ניט נאר ווען ער האט א מקבל בפועל, נאר אויך ווען ער געפינט זיך אליין (ביז אפילו ווען ער שלאפט חלום'ט ער וועגן דעם), ווי מ'זעט במוחש ביי א בעל-הבית בנוגע צו זיין עסק.

ס'איז מובן ופשוט, אז ער דארף טאן כל התלוי בו צו זוכן (אליין אדער ע"י שליח) אן עני (כפשוטו אדער עני בדעת) און אים העלפן, אבער אפילו אויב ער קען דאס ניט טאן מאיזה סיבה שתהי', האט ער אויך גלייך דעם חיוב פון מפריש זיין מצדו די (געלט אדער) כחות לזה.

און אויף דעם (די הפרשה) איז חל די גאנצע זריזות וואס דארף זיין פונקט ווי בא נתינת הצדקה.

ומובן אז ער דארף זיך דערנאך גלייך משתדל זיין זוכן דעם עני (אדער משפיע זיין אויף איינעם וואס יענער וועט געפינען דעם עני), און אים ארויסהעלפן. און וויבאלד אז מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה[96], עאכו"כ בשעת ביי אים איז דא מעשה ההפרשה - שטעלט אים צו דער אויבערשטער די מעגלעכקייט ער זאל מקיים זיין די נתינה בפועל[97].

יג. איינער פון די העכסט-וויכטיקע הוראות וואס מ'דארף ארויסנעמען פון כל האמור לעיל - איז בנוגע צו די השתדלות וואס דארף זיין אין חינוך פון אידישע קינדער, ובפרט קומענדיק איצטער פון זמן מתן תורתנו, ווען אידן האבן באנייט זייער פארבונד מיט תורה און אידישקייט, און אויך - בנוגע צו חינוך פון זייערע קינדער, וואס "בנינו עורבים אותנו"[98]:

ליידער איז היינט א מצב (אויב מ'קען דאס אנרופן בשם מצב...) אז מ'דארף ניט זוכן אידישע קינדער וועלכע זיינען עניים בדעת, אין אל"ף-בי"ת פון תורה און אידישקייט.

עס זיינען פאראן הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער, רחמנא ליצלן, וועלכע באקומען ניט קיין אידישן חינוך!!

און דער עיקר הבהלה איז, אז עס זיינען פאראן הונדערטע אידישע מוסדות, ומהם - אויך די וואס זייער תפקיד איז צו פארזארגן און פארשפרייטן אידישקייט און אידישן חינוך וכו',

---

95) ספרי ופרש"י דברים א, יג.
96) קידושין מ, א. ועוד.
97) סה"מ תש"ב ע' 87.
98) שהש"ר פ"א, ד.

פארזארגן און פארשפרייטן אידישקייט און אידישן חינוך וכו׳, און אעפ״כ, לאחרי די אלע גוטע זאכן וואס מ׳טוט, און **פשיטא** ופשיטא אז רבים הם, איז דאס - בנוגע צו חינוך - שלא בערך וויפל מ׳דארף טאן. ומבהיל - דער מצב איז הולך ומתדרדר!

אפילו וועגן א מצב פון לאפרושי מאיסורא - וואלט מען אויך ניט געטארט אויפהערן רעדן ביז מ׳באווארנט דעם איסור, על אחת כמה וכמה בנדו״ד וואו עס רעדט זיך וועגן לאפרושי פון היפך החיים ממש, פקוח נפשות ברוחניות פון הונדערטע טויזנטע אידישע קינדער, וועלכע באקומען ניט קיין תורה-חינוך, וואס היא חיינו ואורך ימינו!

ואין צורך כלל וכלל צו מאריך זיין אין די געוואלדיקע וויכקטיקייט וכו׳ וכו׳ - אז אידישע קינדער זאלן באקומען א אידישן חינוך, אויף וויפל דאס איז נוגע צו דעם עתיד פון זייער לעבן און פון דעם גאנצן אידישן פאלק.

דער עיקר איז כפשוט, ניט אפשטעלן זיך בא די געשרייען וועגן דעם און די אסיפות וקאמיטעטן וואס מ׳מאכט בקשר דערמיט - נאר די מעשה **בפועל**: אז קומענדיק איצטער פון זמן מתן תורתנו, 3300 יאר זינט די תורה איז געגעבן געווארן, מיט אלע מעלות פון דעם זמן - זאל יעדער יחיד, ועאכו״כ - די מוסדות וואס זיינען פארבונדן דערמיט, ובמיוחד אין ארץ הקודש, וואו ס׳איז נאך לייכטער טאן אין דעם אלעם - זאלן אנהויבן טאן **בפועל ממש** אין דעם במיוחד און אויף איינגאנצן א נייעם פארנעם צו אריינברענגען אידישע קינדער אין א תלמוד תורה, א חדר, א ישיבה וכיו״ב,

דורך ארויסקומען מיט נייע מיטלען ווי צו דערגרייכן די קינדער אליין, ומה טוב - דורך זייערע עלטערן, אבער אפילו אויב ניט, איז כדאי רעדן מיט קינדער אליין און זיי מסביר זיין די וויכקטיקייט פון לערנען תורה און וועגן זייער אידישע נשמה און אידישיקייט אין אלגעמיין, לערנען די תורה וואס זייערע עלטער-זיידעס און אידן **במשך אלע דורות** האבן געלערנט, און האבן זיך דערמיט געהאלטן ביז צו מסירת נפש ממש. ביז כדברי הרס״ג אז ״אומתנו איננה אומה כי אם בתורתיה״[99]!

און אע״פ אז עס געפינט זיך א פאטער אדער א מוטער וועלכע

---

99) האמונות והדיעות מ״ג פ״ז.

זיינען אמאל ניט מסכים דערמיט, איז שוין בלאו הכי מקויים געווארן דער סימן פון עקבתא דמשיחא, אז "בת קמה באמה"[100] (ועד"ז בא בנים), דארף מען דאס אויסנוצן לצד הטוב - בנוגע צו איינווירקן אויף קינדער, אז זיי זאלן וועלן לערנען תורה, און מאנען דאס בתוקף המתאים.

וכטבע פון קינדער - בשעת מ'וועט מיט זיי רעדן דברים היוצאים מן הלב וועגן די אמת'קייט און טייערקייט פון תורה, וועלן זיי זיך אנכאפן אין דעם מיט א חיות והתלהבות, ביז אז זיי וועלן קומען אהיים און אויך משפיע זיין אויף זייערע עלטערן (מיט כבוד ודרך-ארץ) - "והשיב לב אבות על בנים ע"י בנים"[101].

יד. ויהי רצון, אז די פאר ווערטער זאלן זיין מועט המחזיק את המרובה - ובכל אופן וויפל מ'וועט נאר רעדן וועגן דעם איז דאס כלל וכלל ניט גענוג צו אויסמאלען די ערנסטקייט פון דעם מצב - צו מעורר זיין אידן בכל מקום שהם, וועגן זייער אחריות אין הפצת היהדות און הפצת המעינות חוצה, ובמיוחד - בנוגע צו חינוך פון אידישע קינדער.

און דער אויבערשטער זאל העלפן, אז בקרוב ממש זאל מען שוין ארויסגיין פון גלות, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[102], "קהל גדול ישובו הנה"[103], יעדער איד און אלע אידן, קיין איין און איינציקער איד וועט ניט בלייבן אין גלות, און מ'וועט אלע געהעריקע צו גוי קדוש גיין אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, לבית המקדש השלישי, ובקדש הקדשים, ולא עכבן אפילו כהרף עין[104].

---- * ----

100) מיכה ז, ו. סנהדרין צז, א.
101) סוף מלאכי ובפרש"י.
102) בא י, ט.
103) ירמי' לא, ז.
104) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

בס״ד. שיחת ש״פ נשא, י״ב סיון ה'תשמ״ח.

הנחת התי' בלתי מוגה

א. לכל לראש איז דאס דער שבת נאך זמן מתן תורתנו, ווען עס קומט צו אן עלי' ושלימות אין די ימים השבוע שלפני זה, כולל אין זמן מתן תורתנו.

ובפרט בקביעות שנה זו, וואס דער שבת איז י״ב סיון, דער סיום פון ימי התשלומין פון חג השבועות, מיטביידע פירושים אין תשלומין, אז דאס איז משלים די ענינים פון חגה״ש, און אויך מלשון שלימות, וואס דאס איז בהדגשה ביום השבת, וואס ענינה איז אויך שלימות, כנ״ל (וואס דאס איז איינער פון די פירושים אין ״ויכולו השמים והארץ וכל צבאם״[1]. נוסף אויף די שייכות פון שבת בכלל צו מתן תורה - דלכולי עלמא בשבת ניתנה תורה[2].

און דאס איז אלץ נאכמער בהדגשה בשנה זו - שנת הקהל את האנשים והנשים והטף[3], וואס דער ערשטער ״הקהל״ פון אלע אידן איז געווען בא מ״ת, וואס דארטן זיינען געווען אלע אידן, אנשים נשים וטף, און ניט נאר פון יענעם דור, נאר כל נשמות ישראל[4]. און ס'איז דעמולט אויך געווען ״הקהל״ פון כל התורה - ווארום כל התורה כולה איז געגעבן געווארן בא מ״ת אלס א תורה אחת.

און אויך שנת תישמח ותשמח, וואס שמחה איז פארבונדן מיט שלימות הגילוי, ביז אז זי איז פורץ כל הגדרים[5] - וכנ״ל די הדגשה אויך ענין השלימות בשבת וי״ב סיון.

ב. דערצו האט מען אויך די הוראה פון דעם אלטן רבי'ן[6] אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט, מיט פרשת השבוע.

וואס אויך אין פרשת השבוע איז דא א שייכות מיט (מתן) תורה, סיי בתחלת הפרשה און סיי בסוף הפרשה [הקשר נדפס לעיל - ע' 1]. נוסף צו דעם קשר מיט הקהל בסיום הפרשה (היינטיקן שיעור חומש)[7] וואו עס רעדט זיך וועגן דער סך-הכל פון הקרבת כל הנשיאים, וואס דאס איז מקהיל ומאחד כל ישראל.

ולהוסיף, אז אויך בהתחלת פ' בהעלותך (וועלכע מ'לייענט בתפלת מנחה פון דעם שבת) איז מרומז דער ענין פון תורה און ״הקהל״ פון כל ישראל וכל התורה:

״בהעלותך את הנרות״ איז מרמז אויף ״נר מצוה ותורה אור״[8],

---

1) בראשית ב, א. 2) שבת פו, ב. 3) וילך לא, יב. 4) פדר״א פמ״א. שמו״ר פכ״ח, ו. תנחומא יתרו יא. 5) ראה בארוכה ד״ה שמח תשמח תרנ״ז ס״ע רכג ואילך. 6) ״היום יום״ ב' חשון. ס' השיחות תש״ב ע' 29 ואילך. 7) ז, פד-פח. 8) משלי ו, כג.

און די שלימות בזה - ״מנורת זהב כולה״[9], וואס איז אויך כולל וכנגד אלע שבעה סוגים פון אידן (כמבואר אין דער חסיד׳ישער פרשה בלקו״ת[10]).

ג. פון דעם אלעם דארף זיין דער ״והחי יתן אל לבו״, וואס דאס איז א ציווי בכל זמנים, ועאכו״כ במסיכות לזמן מתן תורתנו, וואס ״היא חיינו ואורך ימינו״, איז דעמולט נאכמער בהדגשה דער ענין פון ״והחי״, ובמילא - פון ״יתן אל לבו״.

שטייענדיק אין דעם שבת נאך זמן תורתנו, מיט די אלע פרטים הנ״ל, דארף דער ״יתן אל לבו״ זיין לכל לראש אין דעם ענין פון לימוד התורה, און ניט נאר בשייכות צו עניני מעשה, נאר בעיקר א לימוד בהבנה והשגה (כאטש אז אויף תושב״כ מאכט מען ברכת התורה אפילו אם לא ידע מאי קאמר[11]),

וכמודגש בפרט ביום השבת, וואס דעמולט איז די עלי׳ פון עניני עשי׳, וואס דאס איז ע״ד ווי דער חלק פון הבנה והשגה שבתורה (וואס תורה און שבת זיינען איין ענין), שלמעלה מעניני עשי׳, ביז אז דורך תורה אליין ווערן אויפגעטאן די ענינים של עשי׳, כמאחז״ל[12] כל העוסק בתורת כו׳ כאילו כו׳.

ולאידך גיסא איז מובן ופשוט אז דער לימוד דארף זיין על מנת לעשות, ואדרבה - המעשה הוא העיקר[13], ביז ווי די משנה זאגט (אין אבות[14]) ״כל שחכמתו מרובה ממעשיו למה הוא דומה לאילן שענפיו מרובין ושרשיו מועטין והרוח בא ועוקרתו כו׳, כל שמעשיו מרובין מחכמתו למה הוא דומה לאילן שענפיו מועטין ושרשיו מרובין שאפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו״.

און ווי ס׳איז מודגש בפרט בא מתן תורה, אז אידן האבן געזאגט ״נעשה״, און אפילו ווען זיי האבן דערנאך געזאגט ״נעשה ונשמע״ האבן זיי מקדים געווען נעשה לנשמע,

און די גאנצע תכלית פון מתן תורה איז - געבן תורה דא למטה צו נשמות בגופים, ווייל תורה למעלה איז געווען אויך פאר מתן תורה, נשמות לערנען דאך תורה אין גן עדן, בא מתן תורה איז נתחדש געווארן אז תורה איז געגעבן געווארן למטה צו נשמות בגופים, דאע״פ וואס ״על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתן״, איז

---

9) זכרי׳ ד, ב. 10) כט, א ואילך. 11) הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב סי״ב. וש״נ. 12) מנחות קי, א. תנחומא צו יד. ועוד. 13) אבות פ״א מי״ז. 14) פ״ג מי״ז.

אבער דערנאך גלייך געווען ״החזירה להם ע״י טל שעתיד להחיות בו מתים״.

ואדרבה - דוקא דורך דעם וואס תורה קומט אראפ למטה אין עולם העשי׳, קומט צו אין תורה עצמה, כמבואר בהמשך תרס״ו[15], ועד״ז קומט דורך דעם צו אויך אין תורה ווי זי איז אין גן עדן און בעוה״ב - וואס דער כח לזה איז דורך ״תלמודו בידו״[16], אז ער האט תלמודו אין עוה״ז אלס א נשמה בגוף מיט ידים (ידו), ביז אז די תורה איז נקראת על שמו[17] (תלמודו בידו), גיט דאס דער כח צו לערנען תורה אין ג״ע, ועאכו״כ ״תורה חדשה מאתי תצא״[18] לע״ל.

וואס מכל זה איז מובן, אז לימוד התורה דארף זיין אין אן אופן אז דערפון זאל אראפקומען אין מעשה המצוות בפועל, ואדרבה - מעשה המצוות איז דער עיקר, אנהויבנדיק פון מצות תלמוד תורה, וואס תלמוד תורה כנגד כולם[19], ובזה גופא - ניט נאר מחשבה שבזה, נאר אויך לימוד התורה בדיבור, ״חיים הם למוצאיהם[20] — אל תקרי למוצאיהם אלא למוציאיהם בפה״[20*], ביז אויך אין מעשה (כמדובר לעיל אין דער השתתפות צום כינוס תורה[21], ווי אין יעדער מצוה איז דא מחשבה דיבור ומעשה, כמבואר בלקו״ת[22]).

נאר ביחד עם זה - וואס לימוד התורה דארף זיין על מנת לעשות - דארף פאר דעם זיין דער לימוד התורה בהבנה והשגה (העכער פאר עניני עשי׳), און דעמולט איז אויך די מעשה בפועל (וואס קומט דערנאך ארויס) באופן נעלה יותר, בהתאם לאופן הלימוד בתורה.

ווי דאס איז בנוגע צו מעשה המצוות בכלל, אז בכדי וויסן ווי צו מקיים זיין א מצוה, דארף מען אנקומען צו ״תורה אור״, וואס באלייכט די וועג, איז עד״ז פארשטאנדיק, אז בשעת דער לימוד התורה איז באופן נעלה יותר, איז דעמולט די עשי׳ אויך אויף א העכערן אופן.

און דאס איז דער ״והחי יתן אל לבו״ אין דעם שבת - לכל לראש בנוגע צו הוספה בלימוד התורה, ובאופן של הבנה והשגה, וואס דעמולט איז די מעשה אויך באופן נעלה יותר.

ד. ויה״ר אז אז עס זאל זיין דער ״והחי יתן אל לבו״

---

15) ע׳ שצ ואילך. ע׳ תכא. 16) פסחים נ, א. 17) ע״ז יט, א. 18) ישעי׳ נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג. 19) פאה פ״א מ״א. שבת קכז, סע״א. 20) משלי ד, כב. 20*) עירובין נד, א. 21) שיחת יום ב׳ דחגה״ש. 22) ר״פ פינחס (עה, א).

אנהויבנדיק ברוחניות - אין תורה וואס ״היא חיינו ואורך ימינו״ (כנ״ל), און דערפון זאל דאס נתשלשל ווערן אויך אין גשמיות - חיים בפשטות ובשלימות,

ביז בתכלית השלימות בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, וואס וועט זיין דוקא לנשמות בגופים,

און בכלל - איז דער עיקר חידוש פון דער גאולה בנוגע צו מעשה בפועל בגשמיות העולם, ווארום ברוחניות הענינים איז שוין בא רשב״י ניט געווען קיין חורבן וגלות[23], אע״פ וואס בגשמיות איז ער געווען אין א גלות בתוך גלות - אין גלות רומי גופא איז ער געווען אין מערה, און ניט איין יאר אדער צוויי יאר, נאר י״ג שנה[24] (וואס דאס איז נאכמער ווי די שלימות פון עשרה), און כאטש ער איז געווען פטור מתפלה האט ער מפסיק געווען לעשיית סוכה ועשיית לולב[25], ועאכו״כ די מצוה עיקרית פון מתפלל זיין אויף דער גאולה,

ועד״ז אויך איצטער - דארף יעדער איד מצפה זיין און מתפלל זיין אויף דער גאולה,

און צוגעבן אין זיין עבודה צו נאכמער צואיילן די גאולה, כולל ובמיוחד - דורך לימוד התורה, ובפרט - פנימיות התורה, מאור שבתורה, והפצת המעינות חוצה,

ביז באופן אז דאס ווערט א מאור ואור לכל העולם כולו, ביז אויך ״והלכו גוים לאורך״[26] - דורך משפיע זיין אויף זיי צו מקיים זיין די שבע מצוות בני נח, לפי שצוה משה מפי הגבורה לכוף את כל באי עולם לקבל מצוות שנצטוו בני נח, כפס״ד הרמב״ם[27].

ובפרט אז דאס (די השפעה אויף בני נח בנוגע זייערע ז׳ מצוות) גרייט אויך צו די וועג צו דער גאולה, ווען כל העולם כולו וועט דינען דעם אויבערשטן.

און דאס איז אלץ נאכמער בהדגשה אין אונזער דור, ווען ס׳איז שוין אלץ פארענדיקט, און עס דארף נאר זיין דער ״עמדו הכן כולכם״[28].

וכל זה - טוען אידן באופן פון לא עכבן אפילו כהרף עין[29],

---

23) פלח הרמון (לר״ה מפאריטש) שמות ע׳ ז. 24) שבת לג, ב. 25) ירושלמי שבת פ״א סוף ה״ב. 26) ישעי׳ ס, ג. 27) הל׳ מלכים פ״ח ה״י. 28) סה״מ קונטרסים ח״ב שצז, ב. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ רעט. 29) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.

ווערט דאס א כלי צו דעם לא עכבן אפילו כהרף עין דלמעלה,

און תיכף ומיד ממש גיין אלע אידן ארויס פון גלות, האנשים והנשים והטף, ״קהל גדול ישובו הנה״[30].

* * *

ה. מאמר (כעין שיחה) ד״ה נשא את ראש גו׳.

* * *

השלמות לשיחה ב׳

[בנוגע למצות הפרשה לצדקה]:

ו. דער ענין פון הפרשה לצדקה נאך איידער ס׳איז דא די נתינה - איז בהדגשה איצטער, קומענדיק פון חגה״ש, ווען מ׳האט געזאגט אין ״יזכור״, ״בלי נדר אתן צדקה כו׳״ (א סכום מסויים, אדער אן אויסטייטשן א סכום - ווי דער מנהג איז, נהרא ונהרא ופשטי׳[31]).

און אויך בנוגע צו דער הפרשה דארף זיין זריזות, דלכאורה קען ער מיינען, אז וויבאלד ער קען עס סיי-ווי נאך ניט אפגעבן צו אן עני, קען ער נעמען זיין צייט וכו׳. זאגט מען אז וויבאלד הפרשה איז אויך אן עיקר אין דער מצוה, איז אויך אויף דעם חל דער ציווי פון מצוה הבא לידך אל תחמיצנה[32], און מ׳דארף עס טאן בזריזות, כידוע דער גודל המעלה פון זריזות, ווי מ׳לערנט עס אפ[33] פון ״וישכם אברהם בבוקר״[34], דארף ער אויך די הפרשה טאן בזריזות; מ׳מאנט ניט פון אים ער זאל אויפשטיין אין מיטן האלב נאכט... נאר בבוקר, בעלות השחר.

ועד״ז איז אויך בנוגע צו די צדקה ברוחניות - הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, וואס דארטן איז דאס נאך מער נוגע באווארענען, ווייל לאחרי ווי נשיא דורנו האט אנגעזאגט אז מ׳זאל מפיץ זיין די מעינות, און מ׳האט דאס געטאן באופן הכי רחב, אזוי אז דאס האט דערגרייכט צו א ריבוי מישראל, קען זיין אז בכמה מקומות זיינע נתמעט געווארן די עניים בידיעת המעינות וכו׳.

---

30) ירמי׳ לא, ז. 31) חולין יח, ב. 32) מכילתא ופרש״י בא יב, יז. 33) פסחים ד, א. 34) וירא כב, ג.

ובפרט אין אן ארט של חכמים וסופרים, ביז אז ער טענה'ט, אז זיי זיינען אפשר בעסער פאר אים - ער ווערט נאך דערצו אן עניו גדול!...

[בענין החיבור דב' תנועות במ"ת - ביטול והתפשטות]:

ז. וואס דאס איז ע"ד דער חיבור פוןביידע מעלות פון צדיקים און בעלי תשובה, לאתבא צדיקיא בתיובתא[35], וואס ביידע ענינים זיינען געווען בא מתן תורה, דאע"פ אז אידן זיינען דעמולט געווען בדרגת צדיקים, די מעלה פון די לוחות ראשונות שניתנו ברעש[36] [ולהעיר, אז נתינת הלוחות ברעש איז געקומען מלמעלה, ניט ע"י אתעדל"ת פון אידן, אידן האבן דאס ניט געבעטן און געמאנט, ואדרבה - דאס האט אויף זיי גע'פועל'ט אז "וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק"[37], ביז אפילו משה רבינו האט געדארפט האבן א ציווי מיוחד ער זאל נתקרב ווערן, "נגש אל הערפל"[38]]; און צוזאמען דערמיט איז אויך געווען תכלית הביטול, פון עבודת התשובה.

[בענין דברי הרס"ג שאין אומתנו אומה בלי תורתי']:

ח. וועגן דעם מאמר הרס"ג ווייסן אויך די מנגדים, נאר זיי זאגן אז נשתנו העתים, און איצטער דארף זיין ככל הגוים בית ישראל[39], און מ'דארף זיך רעכענען מיט דעמאקראטיע און מה יאמרו הבריות און מה יאמרו השבעים אומות, און דעריבער דארף מען אפגעבן די חלקים אין ארץ ישראל וואו רובם מהתושבים זיינען ניט-אידן, ביז אויך ירושלים העתיקה, וואס רוב התושבים דארט זיינען ניט-אידן [אבער דער טעם לזה איז - ווייל אידן לאזן זיי אהינצו ניט באזעצן זיך!...].

דארף מען וויסן אז די איינציקע רעכט און בעה"ב'ישקייט וואס אידן האבן אויף ארץ ישראל - איז ווייל דער אויבערשטער האט דאס זיי אפגעגעבן, ווי רש"י זאגט בתחלת פירושו על התורה[40] - אז גוים וועלן טענה'ן "לסטים אתם" - ווי זיי טענה'ן איצטער - און דער איינציקער ענטפער אויף דעם איז ווייל "כל הארץ של הקב"ה היא כו' וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו".

ארץ ישראל באלאנגט צו אידן ווייל זיי זיינען געשטאנען בא מתן תורה און האבן באקומען דעם ברית בירושה אז ארץ ישראל

---

35) ראה לקו"ת ר"ה נח, ד. האזינו עה, סע"ב. ועוד. וראה זח"ג קנג, ב. 36) ראה יתרו יט, טז. וראה לקו"ת האזינו עב, ד. אוה"ת תבוא ע' תתרצא. 37) יתרו כ, טו. 38) שם כ, יח. 39) ראה יחזקאל כה, ח. 40) בראשית א, א.

באלאנגט צו זיי!

און די טענה, אז מ׳דארף זיך רעכענען מיט אומות העולם וועלכע גיבן געלט צו ארץ ישראל - דארף מען וויסן, אז דער אויבערשטער איז זן ומפרנס ארץ ישראל, ויתירה מזו - ער איז זן ומפרנס אויך אומות העולם, נאר דארטן גייט עס דורך מזלות כו׳, משא״כ בא אידן איז "אין מזל לישראל"[41], זייער מזל איז פון בחי׳ אין[42].

ט. און דא רעדט זיך כאמור, וועגן אן ענין פארבונדן מיט חיים - היא חיינו ואורך ימינו.

[אין ארץ ישראל איז דא אן ענין פון "טיפת חלב", וואס דאס איז אן ענין טוב, כמ״ש[43] "דבש וחלב תחת לשונך", אבער דא רעדט מען וועגן "טיפת חיים"...].

אין דעם חינוך פון ילדי ישראל איז תלוי זייער חיים און די חיים פון עם ישראל, ווארום תורה און אידישקייט איז די אמת׳ע מציאות פון א אידן, אפילו ווען דאס איז בהעלם - האט יעדער איד א נשמה וואס איז א חלק אלוקה ממעל[44] (און ווי דער אלטער רבי גיט צו[45] -) ממש, מ׳קען דאס אנטאפן מיטן חוש המישוש,

און דאס דריקט זיך אויס אין דעם וואס א איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסן פון אלקות[46]: אפילו אויב ער וויל - קען ער ניט. און נאכמער: אויך מצד זיין רצון (וויל) - וויל ער אויך ניט, כפס״ד הרמב״ם[47] (וי״ל אז דאס איז דער יסוד פון "ניט ער וויל") אז "רוצה כל ישראל לעשות כל המצוות כו׳", אפילו ווען ער שרייט אז "איני רוצה", און בחיצוניות וויל ער טאקע ניט, והראי׳ - אז ער טוט פארקערט.

דעריבער איז מובן, אז בשעת מ׳וועט נאר רעדן צו די קינדער דברים היוצאים מן הלב, וועט מען בא זיי מגלה זיין דער רצון אמיתי צו וועלן לערנען תורה און מקיים זיין אלע תרי״ג מצוות און די ז׳ מצוות דרבנן (וועלכע זיינען נכלל אין די תרי״ג מצוות, וואס דערפאר איז דאס ניט בגדר בל תוסיף, כמבואר באגה״ק[*47]).

און די טענה, אז מ׳דארף זיך רעכענען מיט די עלטערן, ביז אז דאס איז אויך פארבונדן מיט א החלטה פון דעם "בית-דין גבוה" -

---

41) שבת קנו, א. 42) ראה לקו״ת ר״פ האזינו (עא, א-ב). ועוד. 43) שה״ש ד, יא. 44) איוב לא, ב. 45) תניא פ״ב (ו, א). 46) "היום יום" כח תמוז. 47) הל׳ גירושין ספ״ב. *47) סכ״ט.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

מ׳ווייסט דאך די ״טובות״ (בלשון סגי נהור) וואס מ׳האט געהאט פון בג״ץ בקשר מיט ״מיהו יהודי״ וכו׳ [ואין להאריך בזה, מער פעלט מיר ניט צו זיך פארטשעפען מיטן ב״ד גבוה] - איז דאך שוין בלאו הכי מקויים געווארן דער סימן פון עקבתא דמשיחא[48], אז ״בת קמה באמה״, דארף מען דאס אויסנוצן בצד הקדושה, צו משפיע זיין אויף די קינדער בעניני יהדות.

[סיום השיחה, לאחרי הענין שיוכבד השלימה מנין שבעים נפש]:

י. און פון יוכבד האט זיך דערנאך אויפגעשטעלט בתי כהונה בתי לוי׳ ובתי מלכות[49], דורך אירע דריי קינדער, אהרן (בתי כהונה) און מרים (בתי מלכות) און משה (בתי לוי׳), וואס משה איז דער גואל ראשון[50], און בתי מלכות איז כולל דוד מלכא משיחא - גואל אחרון[50].

ומעין זה איז בא יעדער איד, אויך בא יעדער קינד, אז ער איז עולה מן המנין, מפני חביבותו לפני הקב״ה, ווי רש״י איז מפרש[51] אז מפני חביבותם מונה אותם בכל שעה), וע״ד ווי כוכבים שמוציא במספר צבאם[52]. ואדרבה: אע״פ וואס יעדער איד ווערט געגליכן צו א כוכב, איז דאס אבער נאכמער בהדגשה ובגלוי בא קינדער, ווייל א גדול קען זיין מער ענלעך צו א שמש, א משפיע, אדער א לבנה, א מקבל; משא״כ קינדער זיינען בגלוי מער ווי כוכבים.

ויהי״ר אז בקרוב ממש זאל מען טאנצן לקבל פני גואל ראשון וגואל אחרון, און מ׳האט תכלית השלימות, תכלית השמחה, תכלית החירות און תכלית הגאולה - גאולה האמיתית והשלימה,

און מ׳זעט בעיני בשר דער ״מנורת זהב כולה״[9], און ווי אהרן כהן גדול צינדט אן די מנורה, דורך דער הכנה לזה - אז מ׳איז מגלה בא יעדן אידן, אפילו ביי א תינוק שנולד, דער ״מנורת זהב כולה״ וואס אין אים,

און מ׳גייט אלע אין ארץ הקודש, ולירושלים עיר הקודש, ולביהמ״ק השלישי ולקדש הקדשים, בגאולה האמיתית והשלימה.

* * *

יא. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר[53] שטעלט ער זיך אויף

---

48) סוף מס׳ סוטה (מט, ב). סנהדרין צז, א. 49) פרש״י שמות א, כא. מסוטה יא, ב. 50) ראה שמו״ר פ״ב, ד. וראה רמב״ם הל׳ מלכים פי״א ה״א. 51) שמות א, א. במדבר א, א. 52) ישעי׳ מ, כו. 53) לקוטי לוי״צ לזח״ג ע׳ שנה ואילך.

דעם מאמר הזהר[54] (וואס מ'זאגט אויך אין תיקון ליל שבועות) "אנן בחביבותא תליא מילתא דכתיב[55] ואהבת את ה' אלקיך, וכתיב[56] מאהבת ה' אתכם וכתיב[57] אהבתי אתכם אמר ה'", און ער איז מבאר אז דער ערשטער פסוק רעדט וועגן אהבת ישראל להקב"ה, און די צוויי פסוקים שלאח"ז רעדן וועגן אהבת הקב"ה לישראל.

ויש לקשר זה מיט דעם ענין פון מתן תורה, וואס אטז פארבונדן מיט כתרו[58] להקב"ה ג' כתרים, והמלך נתן אחד בראשו ושנים נתן בראשם של בניו.

דער לימוד דערפון אין "והחי יתן אל לבו":

ס'איז דא א חידוש אין דעם ענין פון אהבה (צווישן דער אויבערשטער מיט אידן) לגבי אנדערע ענינים אין תורה - אז אין דעם דארף מען ניט אנקומען צו ביאורים אז התורה היא נצחית[59] און "הימים האלה נזכרים ונעשים"[60], ווייל דער אהבה בין הקב"ה וישראל איז א דבר נצחי בפשטות בכל זמן ובכל מקום (און ווי אידן זאגן בכל יום בתפלה[61]).

דערפון האט מען א לימוד והוראה:

עס זיינען דא זמנים ווען א איד קען ווערן בא זיך אראפגעפאלן און קאלאמוטנע, מצד דעם וואס אתם המעט מכל העמים[62], און אויך אתם המעט צווישן אידן גופא וכו'.

בשעת א איד טראכט זיך אבער אריין, אז דער אויבערשטער געפינט זיך לעבן אים בכל זמן ובכל מקום און זאגט אים "אהבתי אתכם", איך האב דיר ליב - איז במה נחשב הוא די אלע חשבונות, און ס'איז מלכתחילה ניטא קיין ארט אויף זיין קאלאמוטנע, ווארום דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אים און האט אים ליב, ובפרט אז די אהבה של הקב"ה לישראל ברענגט מיט זיך מיט כל העולם כולו וכל הנמצאים שבו, ווארום כל הנמצאים בשמים ובארץ ומה שביניהם, ביז א שלשול קטן שבים[63], לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו (ווי דער רמב"ם שרייבט בתחלת ספרו[64]), במילא איז פארשטאנדיק אז וויבאלד דער אויבערשטער האט ליב א אידן, איז ניטא וואס צו נתפעל ווערן פון כל העולם כולו.

און די אהבה מה' לישראל רופט אויך ארויס בא דעם אידן אהבה

---

54) ח"ג קכח, א. 55) ואתחנן ו, ה. 56) שם ז, ח. 57) מלאכי א, ב. 58) ויק"ר פכ"ד, ח. 59) תניא רפי"ז. 60) אסתר ט, כח. וראה לב דוד (להחיד"א) פכ"ט. 61) בברכות ק"ש. 62) ואתחנן ז, ז. 63) שעהיוה"א פ"ז (פג, א). 64) הל' יסוה"ת רפ"א.

להקב״ה (״ואהבת את ה׳ אלקיך״), וואס דערצו ווארט דער אויבערשטער און ער בעט זיך ביי א אידן - ״אם״ לשון תחנונים[65].

און דורך דער אהבה קומט צו אויך כל המצוות כולם, כידוע אז אהבה איז שרש לכל מצות עשה[66], אויך למצות יראה, וואס איז דער שרש לכל מצות לא תעשה[66],

ביז אז אהבה איז שלימות העבודה, דאינו דומה מי שעובד מתוך יראה למי שעובד מתוך אהבה, וכמבואר בסוף הל׳ תשובה להרמב״ם[67], ביז די שלימות בזה פון ״אהבתה תשגה תמיד״[68].

ביז די אהבה וואס זיין בתכלית השלימות לע״ל, ״באותו זמן לא יהי׳ שם לא קנאה ולא תחרות כו׳, ולא יהי׳ עסק כל העולם אלא לדעת את ה׳ בלבד כו׳, מלאה[69] הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים״, ווי דער רמב״ם איז מסיים ספרו). ויש לומר אז דאס איז אויך פארבונדן מיט אהבה, כידוע אז אהבה (ובפרט אהבת אברהם) איז נמשל למים[70].

[סיום השיחה (לאחרי הביאור בפרקי אבות]:

יב. כאן הזמן צו בעטן אז די אלע וואס האבן צוגעשטעלט משקה זאלן ארויפגיין און מכריז זיין וועגן דעם ומזמין זיין די מסובים כאן.

ובהקדים - וועגן דעם וואס מ׳האט שוין פריער מכריז געווען (לאחרי תפלת שחרית כנגד התמיד של שחר), וועגן דער קבלת פנים וואס אגודת חסידי חב״ד הכללי מאכט בסעודת מלוה מלכה דעם מוצאי שבת פאר אלע אורחים וועלכע זיינען אהערצו געקומען פאר חג השבועות, וואס די אורחים זיינען די באי-כח אדער שלוחים פון די אידן וואס געפינען זיך אין די מקומות פון וואנעט די אורחים זיינען געקומען, ביז די אידן בכל העולם כולו,

און אפילו אויב זיי זיינען ניט שלוחים ממש, איז אבער ״זכין לאדם שלא בפניו״[71], ועאכו״כ אז דער ״זכין״ איז געווען בפניו פון רוב אידן.

און די התחלה דערפון איז דא אין דעם בית הכנסת ובית המדרש וואו כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האט עובד געווען עבודתו עשר

---

65) תו״כ ר״פ בחוקותי. 66) תניא פ״ד. 67) פרק יו״ד. 68) משלי ה, יט. 69) ישעי׳ יא, ט. 70) לקו״ת חוקת סג, א. וראה ס׳ הערכים חב״ד ערב אהבת ה׳-כמים ס״ב סק״ב. וש״נ. 71) כתובות יא, א. ועוד.

שנים פון חיים חיותו בעלמא דין, בית גדול שמגדלין בו תורה תפלה[72] וגמ"ח.

ויה"ר אז דאס זאל זיין א הכנה קרובה צו "קהל גדול ישובו הנה" און דער כינוס גדול לע"ל, באופן פון "כנסת הגדולה" (וואס שטייט אין דער ערשטער משנה פון היינטיקן פרק), וואס דאס איז כולל דעם פירוש, אז וויבאלד זיי זיינען "כנסת הגדולה" דערפאר מאכן זיי או יף א כנסי' גדולה.

ועתידים כל בתי כנסיות ובתי מדרשות שבחו"ל שיהיו בארץ ישראל[73], כולל אויך "מקדש מעט"[74], און אויך די וועלכע אידן, און אויך קינדער, האבן געמאכט פון זייערע הייזער און רכושים - "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[75], כמדובר כמ"פ[76],

ומתוך שמחה וטוב לבב, הפורץ כל הגדרים ומדידות והגבלות,

און אויך ירושלים וועט זיין באופן שלמעלה ממדידה והגבלה - "פרזות תשב ירושלים"[77], וביחד עם זה - וועט זיין "ואני אהי' לה גו' חומת אש"[78],

ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך[79],

ותיכף ומיד ממש, ומתוך שמחה וטוב לבב.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות, התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

יג. מ'וועט מסיים זיין די התוועדות בשבת זו מיט דערמאנען וועגן "והחי יתן אל לבו" - אז אין די אלע ענינים המדוברים און החלטות אין וועלכע עס דארף זיין "והחי יתן אל לבו", זאל בפועל זיין "והחי יתן אל לבו",

און נוסף צו דער שכר בזה גופא - "שכר מצוה מצוה"[80], דער שכר וואס מ'האט פון דעם עצם ענין פון מקיים זיין א מצוה של הקב"ה, איז דאס אויך ממהר די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח

---

72) ראה מגילה כז, א. 73) ראה מגילה כט, א. 74) יחזקאל יא, טז. מגילה שם. 75) תרומה כה, ח. 76) ראה לקו"ש חכ"ה ע' 303 ובהנסמן שם. קונטרס משיחת ש"פ תרומה תשמ"ז. ועוד. 77) זכרי' ב, ח. 78) שם ב, ט.
79) ישעי' ל, כ. 80) אבות פ"ד מ"ב.

צדקנו, און ס׳וועט זיין ״שיבנה ביהמ״ק במהרה״, במהרה בימינו ובמהרה בימינו בתוך במהרה בימינו, תיכף ומיד ממש.

כ״ק אדמו״ר שליט״א צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״. ואח״כ התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

——— * ———

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לזכות

הרה״ת הוו״ח אי״א

ר׳ **יששכר דוב** וזוגתו **מרים** שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 23 כפר חב״ד טל. 03-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ט"ו סיון
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

בס״ד. שיחת ט״ו סיון ה׳תשמ״ח. הנחת התי׳ בלתי מוגה

א. מ׳זוכט דאך ענינים פון ״הימים האלה נזכרים״[1], אז דערנאך זאל דערפון אויך זיין ״ונעשים״[1], און אלע המשכות טובות זאלן נמשך ווערן, ובהקדם, ובלשון הידוע[2] - ״לא עכבן אפילו כהרף עין״ (כמדובר כמה פעמים).

היינט ביינאכט איז ט״ו סיון, וואס ביום זה האט פאסירט א מאורע פארבונדן מיט כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו (ובמילא איז דאס פארבונדן מיט דעם גאנצן דור, ווארום ״הנשיא הוא הכל״[3].

ובהקדים: כאטש אז בכלל זאגט מען ״הנשיא הוא הכל״, זיינען אבער פאראן א ריבוי ענינים במאורעות פון ימי חייו; אזוינע וועלכע האבן בהדגשה א שייכות מיט דעם גאנצן דור, און אזוינע וואו די שייכות איז ניט אזוי בהדגשה.

אויך צווישן די מאורעות גופא אין וועלכע די שייכות לכל הדור איז בהדגשה, זיינען פאראן אזוינע וואס האבן טאקע פועל געווען בשעתם בשייכות לכל הדור, לאח״ז אבער בלייבט נאר א פעולה נמשכת, און מ׳דארף דערצו האבן א ראי׳ פון ״הימים האלה נזכרים״, אז דערנאך ווערט אויך במילא ״ונעשים״ ווי ס׳איז געווען בפעם הראשונה (אדער נאך מער פון דעם).

עס זיינען אבער דא מאורעות וואס ביי זיי זעט מען ווי מידי שנה בשנה איז פאראן (נוסף צו א פעולה נמשכת פון דעם פריערדיקן יאר, אויך) אן ענין וואס טוט זיך אויף דעם יאר, ווי מ׳זעט דאס בכמה וכמה ענינים.

עד״ז איז אויך בנוגע צו דער מאורע פון חמשה עשר בסיון, וועלכע איז געווען א התחלה מיוחדה אין חיים פון נשיא דורנו - וואס ביום זה אין שנת פרז״ת (תרפ״ז) איז געווען דער מאסר הידוע פון נשיא דורינו[4] - איז דאס אן ענין וואס ווערט (ניט נאר נמשך בכל שנה, נאר בכל שנה טוט זיך עס אויף מחדש.

ב. וביאור הענין:

אע״פ אז בהתחלה האט מען זיך ניט פאנאנדערגעקליבן וואס איז דא די כוונה און תוכן פון דעם מאסר, עד כדי כך אז מ׳האט געזען נאר דער צד השלילי און ענין הבלתי רצוי שבזה (ניט

---

1) אסתר ט, כח. וראה רמ״ז בס׳ תיקון שובבים, הובא ונתבאר בס׳ לב דוד (להחיד״א) פכ״ט. 2) מכילתא ופרש״י בא יב, מא. 3) פרש״י חוקת כא, כא. 4) אג״ק שלו ח״ב ריש ע׳ פ. וש״נ.

נוצנדיק קיין שארפערן ווארט), ביז אז ס׳איז ארויסגעקומען דערפון ענינים של תפלות ובקשות כמובן ומפורסם וכו׳ וכו׳ -

האט זיך אבער דערנאך אויסגעוויזן בסופו של ענין, אז דערפון איז אויסגעוואקסן א ישועה גדולה. ווארום אזוי איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט אדער אפשריות מצד סדרי המדינה און חוקי המלכות אז מ׳זאל ארויספארן פון דער מדינה, און די מאורע פון ט״ו סיון האט דערנאך געגעבן די מעגלעכקייט אז ער האט געקענט ארויספארן, הוא וכל בני ביתו וכל הספרים והכתבים שלו וכל רכושו, און אין אן אופן און סדר חיים אז ער זאל זיך קענען פירן בכל ענייניו בלי כל הגבלות, הלוך והוסיף ואור, אנהויבנדיק פון עיקר ענייניו - הפצת המעיינות בתוככי הפצת היהדות בכלל, ביז ווי מ׳זעט דאס אויך איצטער.

לפי״ז ווערט אבער די שאלה: פארוואס האט די ישועה גדולה ניט געקענט קומען אן די הקדמה פון ענינים וועלכע בשעת מעשה ולעיני בשר זיינען געווען פונקט דער היפך פון ישועה?

איז דער ביאור אין דעם אז בדוגמא לזה געפינט מען אויך ביי דעם ערשטן גלות - גלות מצרים, וועלכע איז געווען דער ערשטער גלות מיט די ערשטע שוועריקייטן פון אידן, א גלות שאין כמוהו באופן פון ״ירוד ירדנו״[5] ירידה אחר ירידה מיט שוועריקייטן פון ״עבודת פרך״[6] שאין כמוהו, ועד כדי כך אז תורה איז מאריך וועגן די פחדים פון יעקב אבינו (בחיר שבאבות[7]) צו גיין אין מצרים[8], כאטש ער האט געוואוסט פון דבר ה׳ לאברהם אבינו אז ס׳וועט זיין ״ועבדום וענו אותם וגו׳״[9], ווארום זייענדיק בחיר שבאבות, האט יעקב גערעכנט (מצד שכל וחכמה דקדושה) אז די גלות קען דורכגעפירט ווערן אין א רוחניות׳דיקן אופן, און ווי עס איז טאקע דערנאך געווען (בקשר מיט גלות מצרים), כדלקמן.

שטעלט זיך דערביי די זעלבע שאלה (ע״ד הנ״ל בנוגע דער מאסר וגאולה פון נשיא דורנו): וויבאלד אז די כוונה פון דער ירידה במצרים איז צוליב די עלי׳ שלאחרי זה, פארוואס האט מען געדארפט אנקומען צו ״ועבדו וענו אותם״ בגשמיות אין א גלות שאין כמוהו און שוועריקייטן שאין כמותם בגשמיות, און מ׳האט ניט יוצא געווען דעם ״ועבדו וענו״ ברוחניות (ווי יעקב האט

---

5) מקץ מג, כ. וראה תו״א ר״פ שמות (מט, א). 6) שמות א, יג-יד. 7) ב״ר פע״ו, א. שער הפסוקים להאריז״ל תולדות כז, כה. ועוד. 8) ראה ויגש מו, ג. 9) לך לך טו, יג.

געטראכט)?!

נאר דערפון גופא איז מוכח, אז די איינציקע וועג צו דערגרייכן די עלי׳ שלאח״ז איז דורך (דעם וואס בפעם הראשון וועט זיין) א גלות וצער פון ״עבודת פרך״ כפשוטו, ווארום ס׳איז א זיכערע זאך אז דער אויבערשטער פארשאפט ניט קיין צער א אידן, ובפרט נאך דעם גאנצן אידישן פאלק, אויב ס׳איז דא נאר א וועג דאס צו אויפטאן אן דעם צער, איז דאך פארשטאנדיק אז ביים ערשטן גלות האט מען געדארפט האבן גלות כפשוטו, והא ראי׳ ס׳איז אזוי געווען.

לאחרי ווי מ׳האט אבער דורכגעלעבט ״עבודת פרך״, ״בחומר ובלבנים״[6] כפשוטו - טוט מען אויך אלע ענינים דורך עבודה קשה ויגיעה בלימוד התורה, ״בחומר - דא קל וחומר, ובלבנים - דא ליבון הלכתא״[10], כמבואר בתורה אור[11].

ובפרט אז מ׳שטייט נאך מתן תורה, וכמה שנים לאחרי זה (שנה אחר שנה, ביז דריי טויזנט דריי הונדערט יאר, כמוזכר כמ״פ), לאחרי ביטול הגזירה פון עליונים לא ירדו ותחתונים לא יעלו[12] - איז א זיכערע זאך אז אלע ענינים פון למטה וואס אמאל האט מען געדארפט דערצו אנקומען דורך צער הגוף און צער כפשוטו למטה, קען מען זיי איצטער אויפטאן אין אן אופן פון עליון - ברוחניות, און אין תכלית הרוחניות.

ג. ועד״ז איז אויך בקשר מיט דעם צער המאסר פון נשיא דורנו, אז בפעם הראשונה האט מען געדארפט אנקומען צו א צער כפשוטו למטה בגשמיות, אבער לאחרי זה (ובפרט אז ס׳זיינען אדורך אזויפיל יארן זינט מתן תורה וביטול הגזירה), האט מען שוין דערמיט יוצא געווען,

ובפרט אז דאס איז געווען א צער פון נשיא דורנו, האט ער דאך יוצא געווען ״את חליינו הוא נשא״ (כלשון הכתוב הידוע)[13], ״נשא״ אויך פון לשון אויפגעהויבן.

און זיין מאסר כפשוטו האט דערנאך געבראכט צו ג׳ תמוז - א גאולה חלקית, ביז צו י״ב-י״ג תמוז וועלכע איז געווארן א יו״ט בכל העולם כולו, והולך ומתפשט ואור ומתוסף, פונקט אזוי ווי זיין בקשה פון הפצת המעיינות, וועלכע איז מלכתחילה געווען

---

10) זהר ח״ג קנג, א. 11) ר״פ שמות (מט, א). 12) תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג. ועוד. 13) ישעי׳ נג, ד.

בהדגשה אז דאס מוז סוף כל סוף צוקומען און דערגרייכען אונ דורכנעמען יעדער אידן.

איז לאחרי ווי עס האט זיך אפגעטאן בפעם הראשונה די מאסר וגאולה כפשוטו בגשמיות, איז מען איצטער יוצא דער מאסר וגאולה, און מ׳טוט אויף מיטן גאנצן שטורעם די יציאה פון דעם מאסר - דורך הארעווען צו אראפנעמען די מאסר והגבלות וואס זיינען דא אויף ענינים פון הבנה והשגה אין פנימיות התורה, וועלכע געפינען זיך אין א ״בית האסורים״, און זיינען ניט נתגלה געווארן בחוץ.

און אידן וואס זיינען פארבונדן מיט תורה אור[14], און עבודתם איז צו ממשיך זיין בכל העולם כולו אור בכלל, און תורה אור במיוחד, און אין תורה אור גופא, מאור שבתורה[15] - פנימיות התורה, זיינען גואל ופודה ענינים אין פנימיות התורה וועלכע זיינען ביז דעמולט ניט נתגלה געווארן מצד חושך העולם.

ד. דערפון האט מען דער לימוד והוראה פון דעם מאסר וגאולה ווי דאס איז דא בכל שנה ושנה (ניט נאר אלס פעולה נמשכת פון די יארן שלפנ״ז):

בחמשה עשר בסיון בכל שנה (בשנים שלפנ״ז) ועד״ז בשנה זו באקומט מען א נייעם כח צו יוצא זיין און ארויסגיין פון ״מאסר״ ברוחניות הענינים אויף הפצת המעינות חוצה - ווי מ׳האט פון דעם בעל המאסר והגאולה די הוראה, נתינת כח און בקשה נפשית אז מ׳זאל זיך פארנעמען מיט הפצת המעיינות חוצה,

אנהויבנדיק פון הפצת המעיינות חוצה ביי זיך אליין: ארויסנעמען דעם ״מעין״ ווי ער איז באהאלטן (אין ״מאסר״) ביי זיך אין פנימיות הנשמה, וועלכע איז פארבונדן מיט פנימיות התורה[16], און ארויסברענגען דעם מעין אין זיין שכל פון נפש האלקית, און נאכמער ארויסברענגען דעם מעין אין הסברה פון חכמה בינה ודעת ביז אז דאס ווערט פארשטאנדיק אויך צו דעם שכל פון דעם צווייטן נפש - דער נפש הבהמית.

ועד״ז הפצת המעינות חוצה בפשטות - צו זיך ארייגלייגן און הארעווען באופן נפשי ופנימי און ארויסנעמען פון ״מאסר״ א ניט פארשטאנדיקן ענין אין פנימיות התורה, וואס איז לעת עתה נאך אין ״בית אסורים״ און ניט נתגלה געווארן.

---

14) משלי ו, כג. 15) ראה ירושלמי חגיגה פ״ו ה״ז ובק״ע שם. פתיחתא דאיכ״ר וביפה ענף שם. 16) ראה זח״ג עג, א.

ה. און די הוראה ובקשה פון נשיא דורנו (אז די מעיינות זאלן אנקומען און דורכנעמען א אידן) איז שייך צו יעדער איד, אומאפהעגגיק ווי ס׳איז געווען די הנהגה פון זיין פאטער אדער זיידע, אדער אפילו זיין אייגענע הנהגה מיט א טאג לפנ״ז, ווי נאר עס קומט צו אים אן אט די ידיעה, איז מכאן ולהבא ווערט דאס זיין שליחות, און תפקיד נפשי.

און דער ענין פון לימוד פנימיות התורה און הפצת המעינות חוצה (ובמילא אויך דער לימוד אויסלייזען הנ״ל פון עניני פנימיות התורה פון מאסר) איז שייך ניט נאר צו אנשים, נאר אויך צו נשי ובנות ישראל, כהוראת נשיא דורנו[17] אז אויך זיי זאלן לערנען פנימיות התורה און זיך פארנעמען מיט הפצת המעינות חוצה.

ובאמת איז דאס ניט קיין חידוש פון תורת החסידות, נאר כמדובר כמ״פ, וויבאלד אז אין חיוב מצות פון אהבת ה׳, יראת ה׳ אמונת ה׳, ואהבת לרעך כמוך[18] וכיו״ב זיינען אנשים ונשים בשווה ממש[19] [ביז אז דאס איז שייך אויך צו טף, טאקע מצד חינוך, אבער מיטן גאנצן פארנעם], זיינען זיי אלע בפשטות אויך מחוייב בלימוד פנימיות התורה, וואס ברענגט צו אהבה ויראה וכו׳.

ובפרט ובהדגשה ווען מ׳שטייט אין שנת ״תשמח״, און ״תשמח״, און א שנת ״הקהל האנשים הנשים והטף״ (כמדובר אין די התוועדויות שלפנ״ז).

און אין דעם אלעם האט מען צוזאמען מיט דער הוראה פון נשיא דורנו, אויך די הבטחה אז ״יגעת ומצאת״[20]. און אפילו ווען ער טוט בהתחלה ניט אין אופן פון יגיעה, איז כאטש אז דעמולט ווערט ניט ומצאת - האט ער אבער די הבטחה ״לפום צערא אגרא״[21], אז ער וועט באקומען דאס וואס אים קומט לויט זיין טאן,

און נאכמערער: שכר (אגרא) דארף זיין לפי הישג יד פון בעה״ב, און וואס גרעסער דער הישג יד פון דעם נותן העבודה, אלץ מער שכר (אכילה ושתי׳) דארף ער געבן צו די פועלים.

ובפרט אז די פועלים זיינען בני אברהם יצחק ויעקב[22], און בנות שרה רבקה רחל ולאה.

---

17) ראה אג״ק שלו ח״ג ע׳ תסח ואילך. ח״ד ע׳ קפו ואילך. ח״ה ע׳ שלו ואילך. ועוד. 18) קדושים יט, יח. 19) ראה אגרת המחבר בהקדמת ספר החינוך. 20) מגילה ו, רע״ב. 21) אבות פ״ה מכ״א. 22) ראה ב״ר רפ״ז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

ו. ס׳איז אויך דא א הוראה פון היינטיקן שיעור חומש, פון ט״ו סיון - ״קיימא סיהרא באשלמותא״[*22]:

היינטיקן שיעור איז וועגן ״פסח שני״[23]. וואס דער לימוד פון ״פסח שני״ האט דער בעל הגאולה און בעל המאורע פון ט״ו סיון מסביר געווען[24] - אז ״ס׳איז ניטא קיין פארפאלן״.

דערביי פאדערט זיך אבער אז מ׳זאל מאנען ״למה נגרע״[25]. און בשעת מ׳מאנט טוט מען אויף נוסף בנוגע צו זיך אליין, אויך בנוגע אלע אידן במשך כל הדורות, אז ס׳איז צוגעקומען א נייע מצוה, וואס עכ״פ דער לימוד פון די הלכות פארבונדן מיט דער מצוה, איז זיכער שייך צו אנשים נשים וטף ובמשך כל השנה כולה, ועד״ז אויך די מעשה המצוה בפועל, ווען מ׳דארף האבן דעם פסח שני בפועל ממש - איז אויך שייך (עכ״פ מעין זה) צו אלע אידן, ווארום כל אחד ואחת האט א צייט ווען ער דארף אנקומען (בקשר מיט אן ענין של פועל) צו דעם לימוד אז ״ס׳איז ניטא קיין פארפאלן״, ווי ידע איניש בנפשו.

ז. כרגיל בכגון זה וועט מען מסיים זיין מיט מאכן יעדערן פאר א שליח מצוה אין דער מצוה פון צדקה, מ׳זאל עס דערנאך אפגעבן אין א זמן המתאים, ובהוספה דילי׳.

וואס גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה[26], וכמובן אז דאס איז מזרז ומקרב הגאולה פון אלע ענינים, כולל אויך ענינים פון פנימיות התורה וואס מאיזה סיבה שתהי׳ זיינען זיי נאך באהאלטן אין א בית האסורים, און זיינען נאך ניט נתגלה געווארן, און דער אויבערשטער וויל אז דווקא א איד זאל זיך ארייגלייגן אין דעם אין אן אופן נפשי ופנימי, וועט ער אין דעם האבן הצלחה הכי מופלגה; העלפט צדקה צו מקרב אויך דעם ענין הגאולה, כמובן.

ותן לחכם ויחכם עוד[27] - מ׳קען אין דעם מאריך זיין כהנה וכהנה, בכחו של כאו״א לפום שיעורא דילי׳.

ח. בהוספה לזה גייט מען איצטער אויך מחדש זיין די לבנה, ובפרט אז דאס אין דעם טאג און נאכט פון ״קיימא סיהרא באשלמותא״[*22].

*22) זח״א קנ, רע״א. ח״ב פה, רע״א. ועוד. 23) בהעלותך ט, א ואילך. 24) היום יום יד אייר. סה״ש תש״א ע׳ 115. 25) בהעלותך שם, ז. 26) ב״ב י, א. וראה תניא פל״ז. 27) משלי ט, ט.

וואס מ'האט דאך די הבטחה גמורה, ווי מ'זאגט אויך אין נוסח קידוש לבנה - שהם עתידים להתחדש כמותה[28],

און אזוי ווי עתידים להתחדש כמותה בכלל, איז פארשטאנדיק אז עס ווערט ביי אידן דערנאך אויך דער המשך פון חידוש כמותה אין אלע פרטים, אז כשם ווי נאך חידוש הלבנה ווערט די לבנה נתגדל מיום ליום ביז זי איז מאיר בשלימות ווען "קיימא סיהרא באשלמותא" - אזוי ווערט אויך בא אידן אז בהמשך צו "להתחדש כמותה" ווערן זיי נתגדל ביז אז ס'קומט "קיימא סיהרא באשלמותא", וואס דאס איז נראה לעיני בשר לכל העולם כולו, אפילו צו די שבעים אומות - איז דעמולט א זיכערע זאך אז מ'דארף בעטן ביים אויבערשטן, און דער אויבערשטער איז זיכער מקיים בקשת עמו ישראל, און איז דאס מקיים ברחמים ובאהבה, ולא עכבן אפילו כהרף עין

- אז תיכף ומיד ווערט "קיימא סיהרא באשלמותא" אין יעדער אידן, בענינים הרוחניים, ביז אין ענינים גשמיים, עאכו"כ בנוגע כלל ישראל, אנשים נשים וטף ווי זיי שטייען אין אן אופן פון א כלל, ביז א כלל פון "קהל גדול"[29].

און ס'ווערט גלייך ולא עכבן אפילו כהרף עין, בהוספה אויף להתחדש כמותה, וואס איז געווען פאר זמן מתן תורתנו פון שנה זו, אויך דערנאך דער גידול פון דער לבנה, ביז צו דער נאכט פון "קיימא סיהרא באשלמותא" - ווערט "קיימא סיהרא באשלמותא" בפשטות בנוגע כלל ישראל, די גאולה האמיתית והשלימה, אין תכלית פון אשלמותא.

ובפשטות - נשמות בגופים, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו"[30], שטייט מען אין ארצנו הקדושה, וואס זי שטייט אויך "באשלמותא" - ארץ עשר עממין,

און דארטן גופא אין דער שלימות פון ארצנו הקדושה - ירושלים עיר הקודש, און דארטן גופא - הר הקודש, און אויפן הר הקודש - בית הקדוש, און דארטן גופא - אין קדש הקדשים, מיט דעם ארון און לוחות הברית.

ועוד והוא העיקר - לא עכבן אפילו כהרף עין, און ס'קומט תיכף ומיד די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

---

28) סנהדרין מב, א. 29) ירמי' לא, ז. 30) בא י, ט.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א חילק לכאו"א שטר של דולר, לתת אותו (או חילופו) לצדקה, ובהוספה מדילי'.

אחרי חלוקת הדולרים לצדקה יצא כ"ק אדמו"ר שליט"א לקידוש לבנה עם כל הקהל יחד].

———— * ————

הנחת התו' בלתי מוגה

לזכות

הרה״ת הוו״ח אי״א

ר׳ **יששכר דוב** וזוגתו **מרים** שיחיו

ווייס

בניו ובתו ובני משפחתם שיחיו

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 23 כפר חב״ד טל. 03-9606887

בחו״ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש״פ בהעלותך, י״ט סיון
ה׳תשמ״ח



הנחת הת׳ בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

בס"ד. משיחות ש"פ בהעלותך ה'תשמ"ח.

א. ידועה ההוראה[1] שצריכים לחיות עם הזמן — **פרשת השבוע** השייכת לזמן זה[2], כלומר, "לחיות" עם הלימוד וההוראה דפרשת השבוע.

וי"ל הרמז בלשון הכתוב[3] "והחי יתן אל לבו" — שכל מי שהוא בבחינת "החי", כאו"א מישראל, האנשים והנשים והטף, עליהם נאמר[4] "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים", צריך ליתן[5] אל לבו[6] (שבו משכן החיות, "הדם הוא הנפש"[7]) עניני התורה, "חיינו ואורך ימינו"[8], כולל ובמיוחד — עניני התורה השייכים לזמן זה, כפרשת השבוע, ליתנם אל לבו כדי להיות "וחי בהם"[9].

ובשבת זו, שבת פרשת בהעלותך — הרי, מכיון שנמצאים בזמן השייך למתן תורה, "ירחא תליתאי" שבו ניתנה "אוריאן תליתאי"[10], ובפרט ביום השבת (שב"ירחא תליתאי")[11] ששייכותו למ"ת מודגשת במארז"ל[12] "דכו"ע בשבת ניתנה תורה לישראל" — יש בפרשה זו (ובמיוחד — בראש והתחלת הפרשה, ופירוש רש"י[13]) לימוד והוראה בענין כללי ועיקרי בתורה, כדלקמן.

ב. בהתחלת הפרשה מעתיק רש"י תיבת "בהעלותך", ומפרש[14]: "למה נסמכה פרשת המנורה לפרשת הנשיאים, לפי שכשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו, אמר לו הקב"ה חייך שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות".

פירוש רש"י זה נתבאר כבר בארוכה ובפרטיות במק"א[15], אבל,

---

1) "היום יום" ב' חשון. סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך.

2) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב (רצז, א).

3) קהלת ז, ב.

4) ואתחנן ד, ד. וראה אבות דר"נ ספל"ד.

5) "יתן" דייקא — "כל הנותן בעין יפה הוא נותן" (ראה ב"ב נג, רע"א. וש"נ).

6) ו"לבא פליג לכל שייפין" (ראה זח"ג קסא, רע"ב. רכא, ב) — שעל ידו נמשך בכל אברי הגוף.

7) פ' ראה יב, כג.

8) להעיר ממאמר הזהר ריש פרשתנו: אילנא דחיי דבי' אחיד בר נש חיין להאי עלמא וחיין לעלמא דאתי, דכל מאן דאשתדל באורייתא ואחיד בה אית לי' חיין . . בגין דהיא חיין וכל מלוי חיי, הה"ד כי חיים הם וגו'.

9) אחרי יח, ה.

10) שבת פח, א.

11) להעיר, ששבת פ' בהעלותך היא השבת השלישית ב"ירחא תליתאי".

12) שם פו, ב. וראה תו"א יתרו ע, ג. ויקהל פח, א ואילך.

13) דמכיון ש"אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא" (פרש"י בראשית ג, ח), הרי זה שייך גם ל"בן חמש שנים למקרא"; וביחד עם זה, יש בו גם "ענינים מופלאים" (של"ה קפא, א) ו"יינה של תורה" ("היום יום" כ"ט שבט) — גם לגדול שבגדולים (נוסף לכך שגם הוא לומד פשוטו של מקרא).

14) ראה לקו"ש חי"ח ע' 92 הערה 1 — הדפוסים והמפרשים כו' שבהם הובא פירוש רש"י זה.

15) לקו"ש שבהערה הקודמת.

עדיין דרוש ביאור והסבר בדיוק לשון רש"י "חלשה דעתו":

הלשון הרגיל בענינים כגון־דא הוא — לשון של צער, או לשון של שאלה ותביעה, כמו בהמשך פרשתנו[16]: "למה נגרע", וכיו"ב; אבל "חלשה דעתו" — הוא לשון בלתי־רגיל, ועד שלא מצינו דוגמתו בפירוש רש"י על התורה!

והדיוק בלשון זה מודגש יותר כשמשווים לשון רש"י עם לשון המדרש[17]:

במדרש מצינו ש"הי' אהרן נפשו עגומה"[18], "הי' מיצר"[19], "הי' אומר אוי לי"[20]; ואילו רש"י משנה מלשון המדרש[21] וכותב לשון בלתי רגיל — "חלשה דעתו", שמזה מובן, שכוונת רש"י להדגיש את הענין ד"חלשה דעתו" (לא רק כתוצאה מהצער, אלא) כענין בפ"ע, כלומר, הדגשת ענין הדעת ("דעתו") של אהרן, שנעשה בו חלישות, "חלשה דעתו"[22].

ג. וההסברה בזה — מובנת גם לבן חמש למקרא[23]:

עיקר ותכלית ענין ה"דעת" — מעלתו של האדם לגבי שאר הנבו'אים שבעולם — לידע תכלית בריאתו ("אני נבראתי לשמש את קוני"[24]), ולהעמיק דעתו[25] בכל הקשור למילוי תכלית בריאתו בתכלית השלימות.

ובנדו"ד, "דעתו" של אהרן — עיקרה ותכליתה בנוגע לתפקידו המיוחד של אהרן — "לכהנו לי"[26], "שיהא כהן לי, ולשון כהונה שירות הוא"[27], משרת לה', "לעמוד לפני ה' לשרתו"[28], ע"י עבודתו

16) ט, ז.

17) המקור לפירוש רש"י. אלא, שרש"י מפרש כן בפשוטו של מקרא, ולא כותב "דרשו רבותינו", וכיו"ב.

18) תנחומא תצוה ב.

19) תנחומא פרשתנו ג. ה. במדב"ר פרשתנו פט"ו, ג — בנוגע לשבט לוי בכללותו.

20) במדב"ר שם, ו.

21) נוסף לכך שגם כשלשון רש"י הוא כלשון המדרש — צ"ל בהתאם לפשוטו של מקרא, שהרי, אין ענינו של רש"י להעתיק לשון המדרש, אלא לפרש פשוטו של מקרא (כדמוכח מהא שבכו"כ מקומות משנה רש"י מלשון המדרש בהתאם לפשוטו של מקרא), כמדובר כמ"פ בכללי רש"י.

22) בלקו"ש שם (הערה 22) מבואר שבנדו"ד לא היתה לאהרן תביעה ע"ד השייכות לחנוכת המשכן, מכיון שחשב שאינו ראוי להשתתף בחנוכת המשכן לפי שנשאר אצלו רושם מחטא העגל, ולכן, לא כותב רש"י הלשון "הי' מיצר", ששייך (בעיקר) כשחושב שמגיע לו הדבר, כי אם, חלישות הדעת בלבד, עיי"ש.

אבל, עדיין אינו מחוור הלשון "חלשה דעתו" כשלעצמו, היינו, לא רק תיאור מדת ותוצאת הצער כו', אלא, ההדגשה על ענין הדעת, ובאופן של חלישות, כבפנים. — וראה לקמן ס"ה.

23) שלכן, מסתפק רש"י במ"ש "חלשה דעתו", ואינו צריך להוסיף מאומה.

24) משנה ובריי תא סוף מס' קידושין.

25) ראה תניא ספ"ג: והדעת כו' לשון התקשרות והתחברות, שמקשר דעתו בקשר אמיץ וחזק מאוד ויתקע מחשבתו בחוזק.

26) תצוה כח, ג.

27) פרש"י עה"פ.

28) עקב יו"ד, ח.

במשכן, להעמיק דעתו בכל הקשור לעבודת המשכן שתהי' בתכלית השלימות.

ועפ"ז מובן ש"כשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה" — דמכיון שהמציאות ד"דעתו" היא בעיקר בשביל העבודה במשכן, הרי, בראותו "שלא הי' עמהם בחנוכה" דהמשכן, נעשה אצלו חלישות במציאות הדעת ("חלשה דעתו"), כי, עיקר ענינה בשביל עבודת המשכן, ולפתע, נוכח לדעת שאינו יכול להשתמש בדעתו בשביל חנוכת המשכן.

ד. ליתר ביאור:

גם לאחרי שראה אהרן "שלא השתתף עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו" — ידוע ידע שמכל בנ"י נבחר הוא ושבטו "לעמוד לפני ה' לשרתו", היינו, שכללות העבודה במשכן נעשית ע"י אהרן[29] ובניו, בעזרתם של הלוים ש"ילוו עליך וישרתוך"[30] (משא"כ שאר בנ"י[31]). ויתירה מזה — שגם ב"חנוכת הנשיאים" הקריב אהרן את קרבנותיהם של הנשיאים.

אלא, שפעולתו של אהרן בהקרבת קרבנות הנשיאים אינה נחשבת להשתתפות בחנוכת המשכן — כי, חנוכת המשכן הו"ע של הוספה מיוחדת ויתירה כהתחלה ויסוד לכל המשך קיום המשכן, בדוגמת ענין החינוך[32] כפשוטו, "חנוך לנער"[33], שנותנים לו מתנות כו'[34], ואילו פעולת אהרן בהקרבת קרבנות הנשיאים היא חלק מעבודתו הרגילה במשכן, ואין בה משום הוספה יתירה מצד הענין דחנוכת המשכן.

ולכן, "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה" — שהעדר השתתפותו בחנוכת המשכן בלבד (אף שכל שאר עניני עבודת המשכן היו על ידו) גרמה לחלישות הדעת, כי, מכיון שעיקר המציאות של דעתו היא בשביל עבודת המשכן, הרי, כשישנו ענין מסויים במשכן (ועאכו"כ ענין עיקרי כמו חנוכת המשכן) שנעשה ללא השתתפותו, ובמילא, אינו יכול להשתמש בדעתו בשביל עבודת המשכן בענין מסויים זה (אף שעוסק בכל שאר עניני עבודת המשכן), הרי זה פועל חלישות[35] במציאות הדעת כולה, שעיקרה בשביל עבודת המשכן.

---

29) ובפרט העבודה המיוחדת לאהרן (כה"ג) בקדש הקדשים אחת בשנה — שכה נאמר (אחרי טז, יז) "וכל אדם לא יהי' באוהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו".

30) קרח יח, ב.

31) כולל גם "אנשי מעמד" (ישראל במעמדם) — שאינם עושים עבודה במקדש, אלא, עומדים על הקרבנות (בשליחותם של כל ישראל) כבעל הקרבן, מכיון ש"אי אפשר שיהי' קרבנו של אדם קרב והוא אינו עומד על גביו" (רמב"ם הל' כלי המקדש רפ"ו).

32) להעיר מפרש"י (צו ז, לז) "ולמילואים — ליום חינוך הכהונה".

33) משלי כב, ו.

34) תו"א וישב כט, ד. לקו"ת נשא כט, א. ובכ"מ.

35) חלישות דייקא, אבל לא ביטול הדעת ח"ו — שהרי דעתו יכולה וצריכה לפעול בנוגע לכל עניני עבודת המשכן.

ה. ויש להוסיף בביאור הענין ד"חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה":

במדרש[20] איתא ש"הי' (אהרן) אומר אוי לי שמא בשבילי אין הקב"ה מקבל שבטו של לוי", "על שהי' לי חלק בעגל, כמ"ש בת"כ ריש שמיני שהי' אהרן מתירא לקרב למזבח מטעם זה ביום השמיני"[36], כלומר, אהרן הי' סבור שעדיין נשאר רושם מחטא העגל, עד כדי כך, שבגלל זה לא זכה להשתתף בחנוכת המשכן, "לא הוא ולא שבטו", להיותו הנשיא דשבט לוי[37].

אמנם, מכיון שרש"י כותב רק "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה", ואינו מזכיר מאומה שאהרן חשש שסיבת הדבר היא באשמתו כו' — ע"ד פירושו בפ' שמיני[38] ש"הי' (אהרן) מצטער ואומר יודע אני שכעס הקב"ה עלי ובשבילי לא ירדה שכינה לישראל" — עכצ"ל, שרש"י סובר שכאן לא הי' מקום לחשש שהסיבה לכך "שלא הי' עמהם בחנוכה לא הוא ולא שבטו" היא באשמתו כו'.

וטעם הדבר — בפשטות — כי, ביום השמיני למילואים נתברר כבר שאין מקום לחשש זה, כדברי משה רבינו לישראל (במענה לדבריהם "כל הטורח שטרחנו שתשרה שכינה בינינו ונדע שנתכפר לנו עון העגל")[38]: "זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, אהרן אחי כדאי וחשוב ממני, שעל ידי קרבנותיו ועבודתו (דוקא) תשרה שכינה בכם ותדעו שהמקום בחר בו"[39], ומכיון שכן, הרי, כשנשלמה חנוכת הנשיאים — לאחרי שראו שהמקום בחר בו, ועומד ומשמש בכהונה י"ב ימים כו' — בודאי שאין מקום לחשוש מענין בלתי־רצוי כו'.

וי"ל שרש"י מדגיש ענין זה (שאין מקום לחשש כו') בכתבו "לא הוא ולא שבטו" — שהרי, בנוגע לשבט לוי כתב רש"י לפנ"ז[40] ש"כל השבט כשר", כלומר, שבט לוי הוא, אדרבא, היחידי מכל שבטי ישראל שכל אנשי השבט "לא טעו בעגל", ובמילא, לא יתכן לומר שדוקא שבט לוי לא ישתתף בחנוכת המשכן בגלל חטא העגל, בה בשעה ששבט לוי הי' בתכלית השלילה דחטא העגל יותר מכל שבטי ישראל!

ולכן מפרש רש"י "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה"· — שהסיבה היחידה לחלישות הדעת היא (לא החשש שהדבר הוא

36) פי' המהרז"ו לבמדב"ר שם.

37) קרח יז, יח.

38) ט, כג.

39) להעיר ממארז"ל (ויק"ר פ"י, ג) "אמר אהרן . . מוטב שיתלה הסרחון בי ולא בישראל (הובא בפרש"י תשא לב, ה) . . אמר לו הקב"ה לאהרן אהבת צדק אהבת לצדק את בני ושנאת מלחייבן על כן משחך אלקים . . חייך שמכל שבטו של לוי לא נבחר לכהונה גדולה אלא אתה", היינו, שפעולת אהרן בעשיית העגל (מסירת נפשו בשביל הצלת ישראל) היא הסיבה שנבחר לכהונה גדולה!

40) תשא לב, כו. במדבר א, מט.

באשמתו, סיבה לרגש של צער כו', כי אם) אך ורק העובדה "שלא הי' עמהם בחנוכה", שכן, בידעו שהמקום בחר בו בשביל כל עניני המשכן, חלשה דעתו מזה שלא נצטווה להשתתף (ובפרט) בחנוכת המשכן, כנ"ל.

ו. עפ"ז יש לבאר גם המסופר בהמשך הפרשה בענין פסח שני — "ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם גו' ויאמרו גו' אנחנו טמאים לנפש אדם למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו בתוך בני ישראל"[41]:

לכאורה אינו מובן[42]: אמירתם "אנחנו טמאים לנפש אדם" היא היא המענה לטענתם "למה נגרע לבלתי הקריב קרבן ה' במועדו בתוך בני ישראל"?!

והביאור בזה — ע"ד האמור לעיל:

הן אמת — אמרו האנשים ההם — ש"אנחנו טמאים לנפש אדם", היינו, שידעו והבינו הטעם שאינם יכולים להקריב קרבן ה' במועדו, אבל אעפ"כ — טענו הם — כאשר כל בנ"י מקריבים קרבן ה' ואילו הם אינם יכולים להשתתף עם כל בנ"י (תהי' הסיבה איזו שתהי'), אזי נעשה גרעון בכל מציאותם — כדיוק הלשון "(למה) נגרע", היינו, לא רק שיגרע מאתנו דבר מסויים (חפצא של מצוה), אלא שאנחנו נגרע, מכיון שסוכ"ס חסרה לנו מצוה זו!

וע"ד האמור לעיל בנוגע לאהרן — שבראותו "שלא הי' עמהם בחנוכה", היינו, שחסר אצלו ענין מסויים (ועיקרי) בעבודת המשכן, נעשה חלישות (גרעון) בכללות דעתו (עיקר מציאותו).

אלא שאעפ"כ יש חילוק ביניהם:

האנשים שהיו טמאים כו' — מכיון שהי' אצלם ענין של חסרון (טומאה), אלא, שהחסרון לא הי' באשמתם, כי אם, מצד ציווי משה ("מישאל ואלצפן .. שהיו עוסקים בנדב ואביהוא"[43]), לכן היתה להם טענה: "למה נגרע", היתכן ש"נגרע" בגלל קיום ציווי משה?! ואכן נתקבלה טענתם, וניתן להם הציווי דפסח שני כו'.

משא"כ אהרן — מכיון שלא הי' אצלו ענין של חסרון (כנ"ל ס"ה), ואדרבה, המקום בחר בו שכל עניני המשכן (מלבד החנוכה) יהיו על ידו דוקא — לא היתה לו עילה וסיבה לטעון "למה נגרע" (שהרי בודאי לא נגרע חלקו בהמשכן מכל הנשיאים), אלא שאעפ"כ "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה", מכיון שסוכ"ס חסר אצלו הענין דחנוכת המשכן, ועל זה "אמר לו הקב"ה, חייך, שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות", היינו, שהפעולה דהדלקת (והטבת) הנרות היא גם ענין של חנוכה[44],

---

41) ט, ו ואילך.

42) ראה ספורנו ואוה"ח עה"פ.

43) סוכה כה, רע"ב. ספרי עה"פ. ועד"ז לשאר הדעות שם — "נושאי ארונו של יוסף היו", או ש"עוסקין במת מצוה היו".

44) להעיר מלשון המדרש (תנחומא שם — הובא בדפוס ראשון דפרש"י) "א"ל הקב"ה לאהרן ולבניו כל השבטים עשו לעצמם חנוכה ואתם לעצמכם עשו חנוכה כו'".

ואדרבה, "חנוכה" שמעלתה גדולה יותר כו' (כמשנ"ת בארוכה במק"א[15]).

ז. ומענין זה — "חלשה דעתו" (של אהרן) — למדים הוראה נפלאה בעבודת האדם לקונו. ובהקדמה:

ענינו של אהרן שייך גם לעבודת כאו"א מישראל, שהרי, במתן תורה (בחודש זה, "ירחא תליתאי") נעשו ישראל "ממלכת כהנים"[45], "כהנים גדולים"[46], דרגתו של אהרן. וכפס"ד הרמב"ם בסוף הלכות שמיטה ויובל[47] "לא שבט לוי בלבד אלא כל איש ואיש . . אשר נדבה רוחו אותו והבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה' לשרתו ולעובדו . . הרי זה נתקדש קדשי קדשים" — דרגתו של אהרן, כמש"נ[48] "ויבדל אהרן להקדישו קודש קדשים".

ובפרטיות יותר:

עבודתו של כאו"א מישראל היא בענין המשכן (דוגמת עבודת הכהנים), כמ"ש[49] "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כאו"א[50], המשכן והמקדש הרוחני שבלבו פנימה, בביתו וד' אמותיו.

ובזה נכלל גם הענין ד"בהעלותך את הנרות" — כי, "הנשמה קרוי' נר כמ"ש[51] נר ה' נשמת אדם"[52], ועבודת האדם היא — "בהעלותך את הנרות" — להדליק את "נר ה' נשמת אדם" שתאיר ע"י "נר[53] מצוה ותורה אור"[54], הן בנוגע לעצמו, "נר ה'" שבו, והן בנוגע לפעולה על הזולת, "נר ה'" שבכאו"א מישראל עד לכללות בנ"י[55], ש"כללות נש"י נקרא מנורה ויש בה ז' נרות שהם ז' סוגי בנ"י בעבודת ה', יש עובד מאהבה משוך כמים ויש מאהבה כרשפי אש כו'"[52] (והולך ומפרט בכל ז' המדות[56]), היינו, לפעול בעבודתו ש"אל מול פני המנורה יאירו[57] שבעת הנרות" (דוגמת פעולתו של

---

45) יתרו יט, ו.

46) בעה"ט עה"פ.

47) להעיר, שהתחלת הלימוד דהלכות אלו (בשיעורי הרמב"ם דג"פ ליום) — ביום ראשון, מוצאי שבת זו.

48) דה"א כג, יג.

49) תרומה כה, ח.

50) ראה אלשיך עה"פ. של"ה סט, א. ועוד. לקו"ת פרשתנו לד, ד. ובכ"מ.

51) משלי כ, כז.

52) לקו"ת ריש פרשתנו.

53) משלי ו, כג.

54) ובפרטיות יותר: נש"י נקראו נר ע"ש הכלי שבו השמן והפתילה, והמצוות נקראו נר מצוה ע"ש השמן והפתילה, ותורה היא האור הנתלה ונאחז בשמן ופתילה (ראה בארוכה — לקו"ת שם לג, ג ואילך).

55) ועל ידם — בכל העולם, דוגמת המנורה שממנה אורה יוצאה לכל העולם (ירושלמי ברכות פ"ד ה"ה).

56) להעיר שבלקו"ת שם לא ביאר מדת היסוד (וכן לא בהעתקתו שבאוה"ת פרשתנו ע' שלז), אבל נמצא הוא בד"ה זה שבאוה"ת ע' של. ועוד.

57) ועד לשלימות האור — אור השמש, שדוגמתו בעבודה — אור המשפיע (בניגוד ללבנה, אור המקבל). ולהעיר מזהר ריש פרשתנו: "רבי יהודה פתח והוא כחתן יוצא מחופתו וגו' . . שמשא דנהיר לכלא כו'", וראה לקוטי לוי"צ לשם (ע' שעג־ד) —

אהרן ש״הי׳ מעלה הנרות נש״י שיהי׳ לבם מכוון לא״ס ב״ה שהוא בחי׳ מול פני המנורה״[58]), עד שיהי׳ ניכר בגלוי לעין כל[59] שכל ישראל הם בבחינת ״מנורת זהב כולה״[60].

ח. עפ״ז יש לבאר הלימוד וההוראה מהסמיכות דפרשת המנורה לפרשת הנשיאים — ש״כשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה אז דעתו כשלא הי׳ עמהם בחנוכה״:

כאשר יהודי רואה או שומע שכו״כ מישראל עסקו בענין שהוא בבחינת חנוכת המשכן, ולדוגמא: פעולת החינוך (חנוכה) של יהודי (קטן בשנים או קטן בידיעות) בעניני התומ״צ, וכן הדלקת המנורה [שגם זה ענין של חינוך[61], ואדרבה, ״שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות״] להדליק ״נר ה׳ נשמת אדם״, כל ז׳ הסוגים דבנ״י, ב״נר מצוה ותורה אור״, ע״י הפצת התורה והיהדות — הרי, בראותו שהוא ״לא הי׳ עמהם בחנוכה״, צריך להיות אצלו חלישות הדעת, ״חלשה אז דעתו כשלא הי׳ עמהם בחנוכה״!

בסגנון אחר: ״הבינו (לשון דעת) להבדל לעמוד לפני ה׳ לשרתו״ — צ״ל באופן שכל המציאות ד״מדעו״ אינה אלא בענין ד״לעמוד לפני ה׳ לשרתו״, ע״י העבודה במשכן, עד כדי כך, שכאשר נעשה דבר מסויים בעבודת המשכן ע״י אחרים והוא לא הי׳ עמהם, ״חלשה אז דעתו״, שנעשה אצלו חלישות בכל מציאות הדעת, מכיון שאינה אלא בשביל עבודת המשכן, ״לעמוד לפני ה׳ לשרתו״; ואם לא חלשה דעתו מזה שלא הי׳ עמהם — הרי זו הוכחה שעדיין לא הגיע לדרגא ש״הבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה׳ לשרתו״ (עכ״פ בשלימות), שזוהי כל מציאות דעתו.

ליתר ביאור:

מכיון שאמרו חז״ל[62] ״כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם״[63], הרי, המחשבה שהוא צריך להשתתף בכל פעולה ועבודה בעניני המשכן, עד כדי חלישות הדעת כשנעשה דבר מסויים ללא השתתפותו — אין בה משום גאוה.

אבל אעפ״כ, אין הכרח שהוא בעצמו ישתתף בכל פעולה ועבודה בעניני המשכן, שהרי, מכיון ש״כל ישראל ערבים זה

נתבאר בארוכה בהתוועדות.

58) לקו״ת שם ל, סע״ד.

59) גם לאוה״ע, ע״ד מארז״ל (תנחומא פרשתנו ד — הובא בדפוס ראשון דפרש״י): ״בהעלותך, לעלות אתכם בפני האומות שהיו אומרים היאך מאירים ישראל למי שמאיר לכל״. ולהעיר מפרש״י אמור כד, ג: ״עדות הוא (נר מערבי) לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל״. וראה גם פי׳ האוה״ח ריש פרשתנו: ״בדרך רמז ירמוז בז׳ נרות לאומות העולם שהם ע׳ אומות כ״א ירמוז לכלל העשירי, ורמז כי כולן מאירים לנוכח המערבי שהם ישראל שהם בחינת המערב כידוע ליודעי חן״.

60) זכרי׳ ד, ב.

61) להעיר מפי׳ האוה״ח שם שבהדלקת המנורה ״כל יום כעושה מעשה חדש שמחנך הוא המנורה בכל הדלקה והדלקה״.

62) סנהדרין לז, סע״א — במשנה. וראה רמב״ם הל׳ סנהדרין פי״ב ה״ג.

63) שעי״ז נעשה מעין נדו״ד אף שהוא במשכן הכללי דכל העולם.

בזה״[64], יכול הדבר להעשות ע״י אחר וכיו״ב.

ואעפ״כ, כשרואה או שומע שכו״כ מישראל עסקו בענין (של חנוכת המשכן) והוא לא הי׳ עמהם בחנוכה — הרי, אע״פ שהדבר לא הי׳ באשמתו, מכיון שהי׳ אנוס וכיו״ב, ויתירה מזה, שבשעה זו הי׳ עסוק בעבודה אחרת בעניני המשכן[65], מ״מ, כאשר כל מציאות הדעת שלו אינה אלא בשביל עבודת המשכן, ״הבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה׳ לשרתו״ — לא יועילו כל ההסברים להרגיעו, שכן, בידעו שמציאות הדעת היא בשביל עבודת המשכן, הרי, העובדה שנעשה דבר מסויים בעבודת המשכן ללא השתתפותו (תהי׳ הסיבה אשר תהי׳) פועלת אצלו חלישות הדעת!

ט. אמנם, בענין זה יש חילוק בין עבודת אהרן לעבודת כאו״א בעניני המשכן (הרוחני):

ובהקדים — דיוק הלשון ״חלשה אז דעתו״, שחלישות דעתו של אהרן לא היתה אלא לאחרי שנסתיימו י״ב ימים דחנוכת המשכן, כי, כל זמן שלא נסתיימה חנוכת המשכן הו״י יתכן שסוכ״ס יצטווה גם הוא להשתתף בחנוכה, ורק לאחרי שנסתיימה חנוכת המשכן, ונוכח לדעת בוודאות ״שלא הי׳ עמהם בחנוכה״ — ״חלשה אז דעתו״.

אבל בנוגע לעבודת כאו״א בעניני המשכן (הרוחני) — הרי, כל זמן שמשיח צדקנו עדיין לא בא, לא נסתיימה חנוכה זו, ולכן, בראותו שכו״כ מישראל עוסקים בענין של חנוכת המשכן ללא השתתפותו — הרי, במקום שתהי׳ לו חלישות הדעת ״כשלא הי׳ עמהם בחנוכה״, עליו לנצל את חוזק הדעת לחפש דרכים כו׳ להשתתף עמהם בחנוכה, וכשיתקע מחשבתו ודעתו בחוזק (היפך הענין דחלישות הדעת לגריעותא) בודאי ימצא הדרך הנכונה להשתתף עמהם בחנוכה!

בסגנון אחר קצת: הסיבה לכך שבהשגחה פרטית ראה או שמע אודות פעולתם של כו״כ מישראל בענין של חנוכת המשכן, היא — לא כדי שתהי׳ אצלו חלישות הדעת ״שלא הי׳ עמהם בחנוכה״, אלא אדרבה — כדי שילמד הוראה בעבודתו לקונו, שגם הוא צריך לעסוק בעבודה זו, ע״י ההתבוננות בדעתו (בחוזק הדעת) כיצד יוכל אף הוא להשתתף עמהם בחנוכה.

י. וענין זה הוא בהדגשה יתירה בדורנו זה:

דורנו זה הוא דור האחרון של הגלות שיזכה להיות דור הראשון של הגאולה. וכמובן מההכרזה הידועה דכ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו — לפני עשרות שנים — ״לאלתר לתשובה[66] לאלתר

64) שבועות לט, סע״א. וש״נ. רמב״ם הל׳ שבועות פי״א הט״ז. פרש״י בחוקותי כו, לז.

65) ולא עוד, אלא, שיתכן שבסופו של דבר (אף שלע״ע אינו יכול לידע זה) יתברר ש״שלך גדולה משלהם כו׳״.

66) כולל גם הפירוש הפנימי דתשובה — ״שאין הפי׳ תשובה גשמיות מעבירות דהיינו עזיבת החטא בלבד . . אלא תשובה ומעשים טובים, דהיינו שלהיות המעשים

לגאולה"[67], מכיון שכבר עומדים בסיומה של העבודה, ולא נשאר אלא "לצחצח את הכפתורים"[68], ובימינו אלו — הצחצוח האחרון של הכפתור האחרון!

ומזה מובן, שבימינו אלו, כל פעולה ופעולה בעניני התומ"צ, ועאכו"כ הפעולה ד"בהעלותך את הנרות" ע"י הפצת נר מצוה ותורה אור, התורה והיהדות, שתוכנה חנוכת המשכן באופן ד"שלך גדולה משלהם" (כנ"ל ס"ח) — מודגש בה ביותר וביותר הענין דחנוכת (חינוך והכנה) בנין ביהמ"ק השלישי[69].

ולכן, היתכן שכאשר כו"כ מישראל עוסקים בחנוכת והכנת בית המקדש השלישי, יעמוד מישהו מן הצד ולא יהי' עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו (ב"ב, תלמידיו וכו')?! — אלא ודאי ישתדל גם הוא להשתתף עמהם בחנוכה, לקרב ולזרז את חנוכת ביהמ"ק השלישי שיבנה במהרה בימיו ובימינו.

וכאמור, כל זמן שמשיח צדקנו עדיין לא בא, אין מקום לחלישות, ח"ו, בהדעת בחנוכה זו, אלא אדרבה — לחזק ולהוסיף ביתר שאת וביתר עוז, ומתוך זריזות הכי גדולה, ע"ד מ"ש בנדבת המשכן "והם הביאו אליו עוד נדבה בבוקר בבוקר"[70], "לשני בקרים הביאו כל מלאכת המשכן"[71], ולא פסקו מלהביא עד ש"ויצו משה . . איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה גו'"[72], ואילו בנדו"ד, לא רק שאין רשיון ממשה רבינו שבדורנו, נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר, להפסיק ח"ו בעשיית המלאכה, אלא אדרבה, ישנו ציווי מפורש להוסיף בה ביתר שאת וביתר עוז, עד שמשלימים מלאכת החנוכה דביהמ"ק השלישי.

יא. ויש להוסיף, שהצורך בהשתתפותו של כאו"א מישראל בחנוכת המשכן הרוחני ע"י הפעולה ד"בהעלותך את הנרות" (חנוכה באופן ד"שלך גדולה משלהם"), מודגש (לא רק בפירוש רש"י "חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה", כנ"ל בארוכה, אלא) גם בפירוש רש"י בד"ה בהעלותך הב' — "בהעלותך, על שם שהלהב עולה כתוב בהדלקתן לשון עלי', שצריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'. ועוד דרשו רבותינו, מכאן שמעלה[73] היתה לפני המנורה שעלי' הכהן עומד ומטיב"[74].

טובים ומאירים באור ה' א"ס ב"ה צריך להיות בחי' תשובה שהוא להשיב את הנפש למקורה ושרשה כו'" (לקו"ת דרושי שמע"צ פה, א. ובכ"מ).

67) "קול קורא" ב"הקריאה והקדושה" דשנת תש"א־ג. ועוד.

68) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

69) ראה גם קונטרס משיחות ש"פ ויגש תשמ"ז.

70) ויקהל לו, ג.

71) שמו"ר פמ"א, ב. תנחומא תרומה ג. ועוד.

72) שם, ו.

73) בדפוס ראשון: מעלות. ובספרי (פרשתנו), ובתמיד פ"ג מ"ט: אבן היתה לפני המזבח ובה שלש מעלות כו' (וראה רע"ב תמיד שם: כנגד ג' העלאות שכתובות במנורה, בהעלותך את הנרות, והעלה את נרותי', להעלות נר תמיד).

74) בדפוס ראשון — מסיים: את הנרות.

ובהקדים — הביאור בפירוש רש״י, דלכאורה אינו מובן:

א) מדוע לא מסתפק רש״י בפירוש הראשון, וצריך להביא פירוש נוסף, ובפרט שמדגיש ״ועוד דרשו רבותינו״, היינו, שפירוש זה אינו פשוטו של מקרא, אלא ע״ד הדרש?

ב) מדוע כותב רש״י[75] (בפי׳ הב׳) ״שעלי׳ הכהן עומד ומטיב״[76], ולא ״מדליק ומטיב״, כמ״ש בד״ה שלפנ״ז ״שאתה מדליק ומטיב[77] את הנרות״?

ויש לומר הביאור בזה[78]:

רש״י אינו מסתפק בפירוש הראשון ש״בהעלותך״ (ולא ״בהדליקך״ וכיו״ב) הוא ״על שם שהלהב עולה כו׳״, כי, עליית הלהב אינה פעולת המדליק (״בהעלותך״)[79], אלא, כהמשך לשון רש״י ״שלהבת עולה מאלי׳״ (אלא ש״צריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי׳״).

ולכן מוסיף רש״י פירוש שני, ״ועוד דרשו רבותינו מכאן שמעלה היתה לפני המנורה שעלי׳ הכהן עומד ומטיב״ — שלפירוש זה ישנה פעולה של עלי׳ אצל הכהן המדליק, שעולה ע״ג מעלה.

אלא, שפירוש זה רחוק מפשוטו של מקרא יותר מפירוש הראשון (ואינו אלא ע״ד הדרש, ״דרשו רבותינו״) — כי, בפסוק לא נאמר ״בעלותך״ (עליית הכהן) אל הנרות״, אלא ״בהעלותך את הנרות״, היינו, ש(פעולת)העלי׳ היא ב״הנרות״, כפירוש הראשון, ״על שם שהלהב עולה״.

ומ״ש רש״י (בסיום פי׳ הב׳) ״שעלי׳ הכהן עומד ומטיב״ — י״ל, שכוונתו לרמז תירוץ (בדוחק עכ״פ) לשאלה על הפירוש הראשון שעליית הלהב אינה פעולת הכהן המדליק (אלא שה״שלהבת עולה מאלי׳״) — ש״עלי׳ הכהן עומד ומטיב״, ומכיון שפעולת ההטבה מסייעת לעליית הלהב, י״ל שגם עליית הלהב (״שלהבת עולה

---

75) אף שכן הוא לשון רבותינו (ראה לעיל הערה 21).

76) ובפרט שרש״י אינו סובר כהרמב״ם (הל׳ תמידין ומוספין פ״ג הי״ב) ש״הדלקת הנרות היא הטבתם״ (ומצוה להדליק גם בבוקר*, שנאמר (תצוה ל, ז) ״בבוקר בבוקר בהטיבו את הנרות״), אלא, ההטבה היא רק ההכנה להדלקה, ניקוי הבזיכין וכו׳ (וההדלקה אינה אלא בין הערביים), כפשטות הכתובים ופרש״י תצוה שם. ועוד (וכ״ה שיטתו בש״ס — שבת כב, ב. חגיגה כו, ב).

77) ראה לקו״ש חי״ח ע׳ 95, שרש״י מפרש כאן גם הטבת הנרות — להדגיש שגם ההטבה היא חלק מפעולת החנוכה, עיי״ש.

78) ראה גם מפרשי רש״י על אתר.

79) ומטעם זה מסתבר לומר שנוסח הברכה על הדלקת נרות המנורה (ראה מל״מ ריש הל׳ מעשה הקרבנות. שם רפ״י) הוא: אקב״ו להדליק כו׳ (כמו בנר שבת), אע״פ שבכתוב נאמר בלשון עלי׳.

---

*) ולשיטתי׳ צ״ע הטעם שמדליקין נר חנוכה (זכר לנרות המקדש — ראה בארוכה רמב״ן ריש פרשתנו) רק בלילה, ואין מדליקין גם ביום (עכ״פ בלא ברכה), כמשנ״ת במ״א. ואכ״מ.

מאלי'") מתייחסת לפעולת הכהן, "בהעלותך את הנרות".

יב. וביאור הענין בעבודת האדם — ועד להדלקת שבעת הנרות, דכללות ישראל, כל הסוגים דנש"י:

הדלקת "נר ה' נִשמת אדם" במנורה דכללות נש"י היא באופן ד"בהעלותך" — שבזה ב' ענינים כלליים:

א) "צריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאלי'" — שפעולתו על הזולת להדליק "נר ה'" שבו (ע"י "נר מצוה ותורה אור") צ"ל באופן "שתהא שלהבת עולה מאלי'", היינו, ששוב אינו זקוק לפעולת המשפיע, מכיון ש"שלהבת עולה מאלי'", ע"י עבודתו בכח עצמו.

ב) "מעלה היתה לפני המנורה שעלי' הכהן עומד ומטיב" — שכאשר יהודי עוסק בהדלקת "נר ה'" שבבנ"י (ועאכו"כ שבציבור, או בקהילה, או בהמנורה דכללות ישראל), אזי עולה במעלה, שעי"ז נעשה עלי' בכל מציאותו, מהראש עד לעקב שברגל. ולא עוד, אלא, שהעלי' במעלה קודמת לפעולת ההדלקה, היינו, שעולה במעלה בשביל להדליק המנורה, ויתירה מזה — שקודמת אפילו להטבת הנרות ("עלי' הכהן עומד ומטיב"), היינו, שגם כשמחליט לעסוק בהכנות להדלקת המנורה נעשה אצלו עלי'.

ובזה מודגש הצורך בהשתתפותו של כאו"א מישראל בחנוכת המשכן הרוחני ע"י הפעולה ד"בהעלותך את הנרות" (חנוכה באופן ד"שלך גדולה משלהם") — שענין זה נוגע לא רק לשלימות הדעת (היפך הענין ד"חלשה אז דעתו כשלא הי' עמהם בחנוכה"), אלא גם לכל מציאותו, כאמור, שע"י העלי' במעלה מתעלית כל מציאותו, לא רק הראש (דעת), אלא גם כל הגוף, עד לעקב שברגל[80].

וי"ל יתירה מזה — שענין זה נוגע לעלי' ("בהעלותך"[81]) שהיא תכלית ומטרת ירידת הנשמה למטה, מאיגרא[82] רמא לבירא עמיקתא[83], שירידה זו היא צורך עלי', היינו, שע"י העבודה דהדלקת הנר (שבפרט ושבכלל, ועד להמנורה דכללות נש"י) ב"נר מצוה ותורה אור", נעשה "בהעלותך את הנרות", העלי' ד"נר ה' נשמת אדם" למקום עליון יותר[84] מכמו שהיתה באיגרא רמא, קודם הירידה.

---

80) ואדרבה — העלי' במעלה היא ע"י ה(עקב שב)רגל, ועי"ז מתעלה כל מציאותו, עד וכולל הראש.

81) ועפ"ז יומתק (ע"ד הרמז) שכללות הפירוש "למה נסמכה פרשת המנורה כו' חלשה אז דעתו וכו'" קאי על תיבת "בהעלותך", ולא על התחלת פרשת המנורה, "דבר אל אהרן וגו'" — לרמז שענין זה נוגע לכללות עליית הנשמה כו', כבפנים. ולהעיר גם מלקו"ת פרשתנו לא, ב — בהפירוש ד"בהעלותך", עיי"ש.

82) ע"פ ל' חז"ל — חגיגה ה, ב.

83) כלומר, ירידה ממקום הכי עליון — "איגרא" שלמעלה מכללות הבית, ובזה גופא "איגרא רמא", עד למקום הכי תחתון — "בירא" שלמטה משטח הארץ, ובזה גופא "בירא עמיקתא".

84) ובפרטיות יותר: "שלש מעלות", די"ל, שרומז לכללות סדר ההשתלשלות שנחלק לג' דרגות, היינו, שהעלי' היא למעלה (על גבי) מכל סדר ההשתלשלות.

יג. המורם מכל האמור לעיל בנוגע למעשה בפועל — המעשה הוא העיקר[85]:

כאשר קורין בתורה ״בהעלותך את הנרות״ בכל שנה ושנה — אזי מודגש הציווי וההוראה ביחד עם נתינת־כח ״לחיות״ (״החי[86] יתן אל לבו״) בעניני העבודה דהדלקת המנורה ברוחניות, ועד להדליק הנרות דכללות נש״י שיאירו ב״נר מצוה ותורה אור״, להיות ״מנורת זהב כולה״ גם בפועל ובגלוי ממש, ע״י העבודה דהפצת התורה והיהדות, כולל ובפרט בהפצת המעיינות (בחי׳ השמן שבתורה[87]) חוצה, בכל קצוי תבל.

ובענין זה ניתוסף לימוד והוראה מפירוש רש״י — הדגשת הצורך שהפעולה בכל זה תהי׳ ע״י כאו״א מישראל, עד כדי כך, שבראותו העוסקים בעבודה זו, ״חלשה אז דעתו כשלא הי׳ עמהם בחנוכה״, ולכן משתדל גם הוא להשתתף עמהם בעבודה זו, ובפרט בידעו, שעי״ז נעשה אצלו ענין העלי׳, ועוד ועיקר — שעי״ז ממהרים ומזרזים החנוכה דביהמ״ק השלישי, כנ״ל בארוכה.

יד. וכאן המקום להזכיר עוה״פ המדובר בהתוועדויות האחרונות[88] — אשר, מצד גודל ההבהלה שבדבר וההכרח הכי גדול לתקן המצב יש צורך לחזור ולעורר אפילו מאה פעמים[89], נוסף לכך ש״אין מזרזין אלא למזורזין״[90] — ע״ד גודל ההכרח בהפצת התורה והיהדות בימינו אלו שהיא בדומה לפיקוח־נפשות ממש, ומפקחין על צרכי ציבור בשבת[91], ועאכו״כ בענין של פיקוח־נפשות:

בכל העולם כולו, כולל ובמיוחד בארץ הקודש[92], מסתובבים מאות אלפי ילדי ישראל, וכן מבוגרים (אנשים ונשים), שאין להם ידיעה באל״ף־בי״ת של יהדות, להיותם ״תינוקות שנשבו״[93], שלא נתחנכו בדרך התורה.

ומכיון שמדובר אודות מצב של פיקוח־נפשות, רחמנא ליצלן — פיקוח־נפשות ברוחניות, הקשור גם עם פיקוח־נפשות בגשמיות — הרי, צו השעה לפרסם ולהרעיש בכל מקום ומקום שחוב גמור

ומ״ש רש״י ״מעלה״ (או ״מעלות״) סתם — י״ל הרמז ב״יינה של תורה״ (מלבד הפירוש הפשוט שבפשש״מ אין הכרח שהיו ג׳ מעלות), שהעלי׳ אינה מוגבלת רק ביחס לסדר ההשתלשלות, אלא עצם ענין העלי׳ (אפילו לא ״מעלות״ לשון רבים, כברוב הדפוסים), למעלה מכל מדידה והגבלה.

85) אבות פ״א מי״ז.

86) להעיר מהמבואר בלקו״ת פרשתנו (לד, ג ואילך) הקשר דהדלקת המנורה עם הענין ד״החכמה תחי׳״.

87) ראה בארוכה אמ״ב שער הק״ש פנ״ד ואילך.

88) שיחת חגה״ש וש״פ נשא.

89) ראה ב״מ לא, א. שו״ע אדה״ז או״ח סקנ״ו ס״ז.

90) ספרי נשא בתחלתו. במדב״ר פ״ז, ו. וראה מכות כג, א.

91) ראה שבת קנ, א. רמב״ם הל׳ שבת פכ״ד ה״ה. שו״ע אדה״ז או״ח סש״ו סי״ב.

92) שבה נקל יותר לפעול בהפצת התורה והיהדות, מצד מעלת אה״ק, אוירא דא״י כו׳ וכו׳.

93) ראה רמב״ם הל׳ ממרים פ״ג ה״ג.

על כאו"א לעסוק בהפצת התורה והיהדות חוצה! ולא להסתפק בכך שישנם כו"כ שעוסקים בזה, אלא, כל יחיד ויחיד צריך להצטרף ו"להיות עמהם בחנוכה", חינוך בני ובנות ישראל בדרך התורה, שעי"ז נעשה החינוך (הכנה) לגאולה העתידה.

ופשוט, שאין מקום לטענות של "דמוקרטיא" (היתכן להתערב באורח־חייו של הזולת) וכיו"ב — שהרי מדובר אודות ענין של פיקוח־נפשות ממש, מהיפך החיים, רחמנא ליצלן, לחיים רוחניים וגשמיים גם יחד. ואם יש מי שטוען שאין רצונו בכך, הרי, "יצרו הוא שתקפו"[94], ובמילא, יש להצילו מה"אנס" זה היצה"ר[95].

ובכל זה ישנה נתינת־כח מיוחדת (נוסף על הנתינת־כח מהקריאה בתורה בפ' בהעלותך את הנרות) בבואנו מיום ט"ו סיון[96], שבו התחילה פרשת המאסר והגאולה דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו[97] — נתינת־כח מיוחדת להפיכת החושך באופן דיתרון האור מן החושך[98], מכיון שלאמיתתו של דבר "אין עוד מלבדו"[99] [וחודר גם בלשון דאוה"ע, עד ללשון המדינה שבה הי' המאסר — כפי שניגנו בגאולה די"ב תמוז: "ניעט ניעט ניקאַוואָ כו'"[100]], וכל מציאות החושך אינה אלא בשביל העילוי ד"אתהפכא חשוכא לנהורא"[101], וכמ"ש[102] "וגם רשע[103] ליום רעה", ש"יעשה הרע .. יום ואור"[104], עד להפיכת חושך הגלות — עי"ז שממשיכים בו האל"ף, אלופו של עולם — שאז נעשה מ"גולה" "גאולה"[105].

טו. ויה"ר שע"י העבודה ד"בהעלותך את הנרות" נזכה בקרוב ממש לקיום היעוד בהפטרה דפ' בהעלותך: "ראיתי והנה מנורת זהב כולה גו' ויאמר אלי זה דבר ה' אל זרובבל גו'"[106], כמבואר בלקו"ת דפרשתנו[107] שאף ש"קאי ג"כ על זמן עכשיו", היינו, שגם בזמן הגלות (ש"נקראו בשם זרובבל על שם וזרעתי' לי בארץ והם

---

94) רמב"ם הל' גירושין ספ"ב.

95) להעיר משו"ת מהרשד"ם חיו"ד סר"ד (הובא בכנסת הגדולה לטור חו"מ ר"ס תכו) שנקט להלכה שיש בכגון־דא משום "לא תעמוד על דם רעך" (וראה לקו"ש קדושים שנה זו ס"ו, ובהערה 35).

96) שעלייתו ושלימותו באופן ד"ויכולו" — ביום הש"ק זה.

97) ראה אג"ק אדמו"ר מוהריי"צ ח"ב ריש ע' פ. וש"נ.

98) קהלת ב, יג.

99) ואתחנן ד, לה.

100) ראה ספר התולדות אדמו"ר מוהריי"צ ח"ג ע' 221.

101) ראה זח"א ד, א.

102) משלי טז, ד.

103) ולהעיר מהפירוש ד"רשע" מלשון הצלחה ("בכל אשר יפנה ירשיע", "יצליח" — ש"א יד, מז, ובמצו"ד), שע"י הפיכת הרשע כו' ניתוסף ענין של הצלחה — שהיא מרובה וגדולה מטוב סתם.

104) תניא פכ"ז (לד, ב).

105) ראה ויק"ר ספל"ב. לקו"ת פרשתנו לה, ג. ובכ"מ.

106) זכרי' ד, ב־ו.

107) לג, רע"ג.

היו אז בגלות בבל[52]) ה"ה בבחינת "מנורת זהב כולה", ואדרבה, "דוקא ע"י גלות בבל נעשה מנורת זהב", "מ"מ, עיקר בחי' זו קאי אלע"ל"[108], כשהקב"ה פודה את בנו בכורו — "בני בכורי ישראל"[109] — "ממצרים", ממיצר הגלות[110].

ואז גם רואים הדלקת המנורה ע"י אהרן — "בהעלותך את הנרות" כפשוטו (של מקרא) — בביהמ"ק השלישי, יראה כהן בציון (ש"הוא[111] יכוננה עליון"[112]), אהרן הכהן עולה ועומד על שלש מעלות, בביהמ"ק השלישי, בגאולה השלישית.

וכל זה — במהרה בימינו ממש, "לא עיכבן המקום כהרף עין"[113], מכיון שגם העבודה ד"בהעלותך את הנרות" תהי' ללא כל עיכוב, אפילו "כהרף עין" — יהי' ותחזינה עינינו.

---

108) שם לה, ד.

109) שמות ד, כב.

110) להעיר מהשייכות לפרשתנו — "כי לי כל בכור בבני ישראל גו' **ביום הכותי כל** בכור בארץ מצרים גו'" (ח, יז). ולהעיר גם משיעור היומי ברמב"ם (**משנה תורה**): **"מצות** עשה לפדות כל איש מישראל בנו שהוא בכור כו'" (הלכות בכורים רפי"א).

111) תהלים פז, ה.

112) כולל גם — שציון (ירושלים) עצמה נעשית בבחי' "עליון", **עי"ז שבירושלים** של מטה נמשך ומתלבש ומתגלה ירושלים של מעלה (ראה תענית ה, א. ובכ"מ).

ולהעיר מהמבואר בלקו"ת פרשתנו (לא, ב) השייכות ד"בהעלותך את הנרות", **פעולת** אהרן בעליית נש"י, למ"ש "ירושלים הבנוי' כעיר שחוברה לה יחדיו (**חיבור דירושמ"ע** עם ירושלמ"ט — תענית שם) ששם עלו שבטים גו'".

113) מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

השלמות לשיחה ראשונה

[בתחלת השיחה - אמר:]

א. וויבאלד אז "והחי יתן אל לבו" איז כולל יעדערער וואס איז בבחי׳ "חי", ד.ה. יעדער איד, אנשים נשים וטף, דערפאר איז מתאים אז מ׳זאל אנהויבן רעדן אין תורה (וואס היא חיינו) אין אן ענין וועלכע איז שייך צו יעדער איד (יעדער "חי"), וואס דאס איז פשוטו של מקרא, וואס איז שייך אפילו צו א בן חמש למקרא, עאכו״כ צו עלטער דערפון.

און אויך בנוגע צו קינדער וועלכע זיינען אינגער דערפון - דארף מען זיי דאך מחנך זיין בדרך התורה, ואדרבה - וואס פריער ס׳איז דא דער "חנוך לנער", אלס שטארקער איז דער "גם כי יזקין לא יסור ממנו"[1] באורך וברוחב ובעומק [ווי ס׳איז מודגש אין מצות הקהל, וואס איז א מצוה פאר האנשים והנשים והטף, וואס טף איז כולל קטני קטנים*[1]].

און הגם אז חינוך איז ניט אין די תרי״ג מצוות, נאר דאס איז א מצוה מדרבנן (ווי דער אלטער רבי פסק׳נט אין שו״ע[2]) - האט מען אמאל גערעדט (ווי דער ענין איז אויך ע״פ נגלה)[2*], אז דאס איז דערפאר וואס דאס איז א דבר הכי פשוט, א הכנה מוכרחת בכדי מ׳זאל דערנאך קענען מקיים זיין תומ״צ.

[בביאור ההוראה כאשר יהודי רואה פעולה טובה בעולם שלא נעשה בהשתתפותו - צ״ל אצלו "חלשה דעתו", כי מכל דבר שהוא רואה ושומע בעולם יש לו ללמוד הוראה בעבודתו, שגם הוא צריך לעסוק בעבודה זו]:

ולדוגמא - בשעת א איד דערוויסט זיך פון "נייעס" וואס טוט זיך אין דער וועלט, און ער האט נאך אין דעם א חיות, במילא לייענט ער די "פייפערס" [אויב ער איז א פרומער - לייענט ער זיי ניט שבת ח״ו, אים פאלט דאס גארניט איין, אפילו ניט זיין יצה״ר און נה״ב, ווארום ס׳איז שבת קודש, און ער האט דעמולט קיין שייכות ניט מיט עניני חול; אבער ווען עס קומט מוצאי שבת גייט ער קויפן דעם "פייפער", אדער ער הערט די נייעס, ניט-אום-שבת-גערעדט] - דארף ער וויסן, אז דער אויבערשטער האט געמאכט אז עס זאל זיין נייעס אין וועלט, בכדי אז בא אים זאל צוקומען נייעס אין זיין עבודה - אן עבודה חדשה.

* * *

1) משלי כב, ו. *1) ראה לקו״ש חי״ט ע׳ 612. וש״נ. 2) הל׳ ת״ת רפ״א. הל׳ שבת סשמ״ג. *2) שיחת אחש״פ והתוועדויות שלאח״ז תשמ״ז.

ב. מאמר (כעין שיחה) ד״ה בהעלותך גו׳.

* * *

ג. עד״ז איז אויך דא דער לימוד אין ״והחי יתן אל לבו״ פון די אנדערע שיעורי תורה פון יום זה.

אנהויבנדיק פון די הערות פון טאטן אויפן זהר[3], וואו ער שטעלט זיך אויף דעם מאמר הזהר וועגן מהלך השמש[3*] - ״שמשא דנהיר לכלא כו׳ ב׳ סטרין אחדין בי׳ חד לצפון וחד לדרום חד ימינא וחד שמאלא כו׳״, און ער איז דאס מבאר אין אותיות הקבלה.

דער לימוד דערפון:

שמש איז בחי׳ משפיע ״להאיר על הארץ״[4] [והגם אז אויך די לבנה איז באשאפן געווארן ״להאיר על הארץ״, אלס איינער פון די ״שני המאורות הגדולים״[4*] - איז זי אבער מקבל איר אור פון שמש[5]].

און דערפון איז דער לימוד - אז יעדער איד דארף זיין א משפיע (שמש)[6] להאיר ולזרוח צו אנדערע בעניני תומ״צ, סיי אנשים - בנוגע זיין השפעה לאשתו ובני ביתו, און אויך בחלקו בעולם, און סיי נשים וטף - צו די וועלכע זיי קענען אויף זיי משפיע זיין, וואס בערכם זיינען זיי בבחי׳ שמש ומשפיע.

ד. און די השפעה דארף זיין אין אלע קצוות, אין אלע דרגות פון סדר השתלשלות - פון ״מזרח״ (ז״א), וואו ס׳איז דא דער ״וזרח השמש״[7] (וואס על שם זה הייסט עס ״מזרח״), ביז אין ״מערב״ (מלכות, שכינה במערב[8]), וואו ״והערב השמש״[9], און אויך אין צפון ודרום (ווי די צוויי אופנים בזה, כמבואר אין דער הערה) - וואס דאס איז כולל גאנץ סדר השתלשלות[10].

אנהויבנדיק פון דער סדר השתלשלות אין דעם אדם עצמו, פון זיינע מדות (ז״א), ביז זיין מחשבה דיבור ומעשה (מלכות), ועד״ז אויך אין גאנץ סדר השתלשלות שבחלקו בעולם, עלמא

---

3) פרשתנו ע׳ שעג ואילך. *3) ח״ג קמח, ב. 4) בראשית א, טו. יז. *4) שם א, טז. 5) זח״א עה״פ (לג, ב). שם רמט, ב. ובכ״מ. 6) ראה ד״ה תקעו תרכ״ח (בסוף סה״מ תרכ״ז). המשך תער״ב פרצ״ד. ובכ״מ. 7) קהלת א, ה. 8) במדב״ר פ״ב, ט. ב״ב כה, א. זח״ג קיט, ב. 9) ל׳ חז״ל - יומא ו, א. ירושלמי שבת ספ״ב. 10) ראה ס׳ הליקוטים - דא״ח צ״צ ערך רוחות, ד׳ רוחות.

דפרודא שמקבל ממלכות - אז ער איז משפיע אין אלע דרגות און ענינים שבעולם.

ה. און דער ענין (די השפעה ממזרח למערב) דריקט זיך אויך אויס אין כללות ימי חיי האדם, כמ"ש[11] "יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב", וואס דאס גייט אויף עבודת האדם במשך כל ימי חייו, אנהויבנדיק ווען "וזרח השמש" כשנולד ויצא אדם לפעלו, ועאכו"כ בצהריים (באמצע ימי חייו) ווען ס'איז מאיר תוקף השמש, ביז "עדי ערב", בסוף ימי חייו לאחרי מאה ועשרים שנה, און אין די אלע יארן דארף דער אדם זיין א שמש וואס איז מאיר ומשפיע.

ועד"ז איז דאס בפרטיות יותר בכל יום ויום, אז ער דארף משפיע זיין מתחלת היום, ווען "וזרח השמש", און ער ווערט א "ברי' חדשה"[12] לאחרי וואס "החזרת בי נשמתי"[13] ויצא אדם לפעלו במזרח, ביז סוף היום, "עדי ערב" בסוף היום, ווען עס ווערט "בידך אפקיד רוחי"[14] (מיט די זיכערקייט אז מארגן וועט זיין "החזרת בי נשמתי" מחדש).

ביז אז מ'טוט אויך אויף (דורך דער השפעה) אז פון "מערב" מלשון עירוב ומעורב (אויסגעמישט), אז מ'קען ניט מבחין זיין צווישן אור און חושך, צווישן טוב און היפך הטוב וכו', ניט ווי בשעת ס'איז מאיר דער אור היום וואס דעמולט קען מען זען דעם חילוק צווישן די ענינים - מאכט מען איבער דעם עירוב, און מ'איז דאס מהפך צו "מערב" מלשון עריבות ומתיקות (כידוע פירוש כ"ק מו"ח אדמו"ר אין "עדי ערב"[15]), כמבואר בתניא[16] אז עס זיינען פאראן צוויי דרגות אין עריבות ומתיקות, דברים ערבים מצ"ע, און דברים שנהפכו למתוקים פון דברים חריפים וחמוצים כו'.

ביז מ'קומט צו די דרגא פון "עדי ערב", דער שכר וואס מ'באקומט לאחרי העבודה "עדי ערב", און אלס נשמות בגופים, אז ווי מ'געפינט זיך למטה אין עלמא דפרודא, עולם הזה התחתון, בחי' "מערב", איז דארטן מאיר וזורח השמש פון ז"א דאצילות.

ו. און דער כח (צו ממשיך זיין בחי' מזרח (ז"א דאצילות) אין עוה"ז התחתון) האט יעדער איד בפרט מצד בחי' משה שבו[17],

---

11) תהלים קד, כג. 12) יל"ש תהלים רמז תשב. שו"ע אדה"ז ס"ו ס"א. 13) הנוסח ד"מודה אני". 14) תהלים לא, ו. נוסח קשעה"מ. 15) הובא בסד"ה יצא אדם (סה"מ אידיש ע' 203). נתבאר בלקו"ש חי"ד ע' 176-7. 16) פכ"ז (לד, ב). 17) תניא רפמ"ב. מברכות לג, ב.

כמבואר בלקו״ת[18] אז בא משה רבינו האט מאיר געווען אצילות בגילוי למטה, ד.ה. אז אפילו ווען משה האט גערעדט מיט פרעה מלך מצרים, בארץ מלאה גילולים[19], און דארטן גופא - אין עיר הבירה, און צו פרעה מלך מצרים, ווי ער איז געשטאנען בתקפו אלס מלך בכיפה[20], נאך איידער די מכות האבן מחליש און מבטל געווען קליפת פרעה - איז דאס געווען ווי אצילות בגילוי געפינט זיך בעומק פון ג׳ קליפות הטמאות לגמרי, און ער האט אים געוויזן ווי ״ויבלע מטה אהרן את מטתם גו׳״[21]!

ושמץ מנהו איז דא בא יעדער איד[17], אז ווי ער געפינט זיך למטה אין בי״ע, ביז אויך אין זמן הגלות, ווען ״החושך יכסה ארץ״[22], האט ער א ״נשמה שנתת בי טהורה היא״[23] פון בחי׳ אצילות (וואס איז העכער פאר ״אתה בראת אתה יצרת אתה נפחת בי״, כנגד בי״ע), און דערפאר האט ער דעם כח צו דארטן מאיר ומשפיע זיין מיט זיין שמש (ז״א) דאצילות, אויך אין דעם חושך הגלות, ביז אז ער זאל מהפך זיין ״מערב״ לעריבות ומתיקות כו׳, כנ״ל.

ווי דאס וועט זיין בשלימות בגאולה האמיתית והשלימה.

ז. ויש לקשר זה (ענין הגאולה) מיט היינטיקן שיעור רמב״ם[24], וואו עס רעדט זיך (אין א פרק שלם[25]) וועגן דיני פדיון בכור:

עס שטייט אין ספר החינוך[26], אז דער טעם אויף די מצוה איז - ״לזכור הנס הגדול שעשה לנו בבכורי ממצרים שהרגם והצילנו מידם״, וכמפורש אין תושב״כ[27] דער טעם אויף מצות פדיון בכור.

זעט מען דערפון דעם קשר פון פדיון בכור (אין היינטיקן שיעור רמב״ם) מיט דער גאולה - גאולת מצרים און די גאולה העתידה[28].

איינער פון די לימודים פון דעם וואס די מצוה האט א טעם מפורש אין תושב״כ - איז, די הדגשה אויף, דעם ענין פון שכל ודעת האדם, אז לימוד התורה דארף זיין בהבנה והשגה באופן פון חכמה בינה דעת, מיט א הסברה וטעם בשכל, ביז אז דאס ווערט ״יתפרנסון״[29] מיני׳, און עס ווערט דם ובשר כבשרו[30].

---

18) נצבים מט, ב. 19) ראה פרש״י בא יב, א. 20) מכילתא בשלח יד, ה. 21) וארא ז, יב. 22) ישעי׳ ס, ב. 23) ב״ברכות השחר״. 24) הל׳ ביכורים פ״ט-יא. 25) פי״א. 26) מ״ע ט (פ׳ בא). 27) בא יג, טו. במדבר ג, יג. 28) ראה גם הדרן על מס׳ פסחים תשכ״ב - נדפס בהגש״פ ע׳ תקכג (ס״ח). 29) לשון התקו״ז ת״ו בסופו. הקדמת המקדש מלך לספרו. כסא מלך לתקו״ז שם. ועוד. 30) ראה תניא פ״ה (ט, ב).

ח. ויש לומר בדרך אפשר אז דאס האט א קשר מיטן היינטיקן פרק אין אבות:

אין אנהויבס פון היינטיקן פרק לערנט מען[31], ״רבי אומר איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם, כל שהיא תפארת לעושי׳ כו׳״.

דערביי שטעלט זיך די שאלה: פארוואס די משנה רופט אים אן בשם ״רבי״ און ניט בשם ״רבי יהודה הנשיא״, אזוי ווי עס שטייט אין דער משנה שלאח״ז[32]? ובפרט אז אין די משניות בפרקי אבות רעכנט ער אויס די שלשלת במסורה מדור לדור, ווי עס שטייט אין דער משנה הנ״ל[32], ״רבן גמליאל בנו של רבי יהודה הנשיא״ - האט דאך געדארפט לכל לראש שטיין דער נאמען פון רבי יהודה הנשיא.

איז דער ביאור אין דעם, אז אין דער משנה איז נוגע אז רבי יהודה הנשיא זאגט דעם מאמר אלס ״רבי״, דער רבי פון אלע אידן, אנשים נשים וטף, ווארום בכדי ענטפערן די שאלה ״איזו היא דרך ישרה״ דארף מען אנקומען צו (רבי יהודה הנשיא ווי ער איז) **רבי**, א רבי וועלכע לערנט און איז א מורה דרך צו אלע אידן.

און דער דרך איז - ״שיבור לו האדם״, ד.ה. עבודה בכח עצמו[33] - וואס דאס איז דער יסוד פון גאנץ עבודת האדם (ובפרט ע״פ המבואר בחסידות) - אז דער איד, אלס א מציאות בפ״ע, זאל דינען דעם אויבערשטן **בכח עצמו**, און ניט באופן פון ״נהמא דכיסופא״[34].

וכדמוכח דערפון וואס מ׳זאגט בכל יום בברכת השחר ״אתה משמרה בקרבי״, וואס דאס איז מדגיש אז א מענטש איז א מציאות בפ״ע פון דעם אויבערשטן כביכול, ווייל אויב ניט איז צוויי זאכן: ניט ער דארף אנקומען צו שמירה, און ניט ס׳איז דא וועמען צו היטן!

אפילו דער ״ממש״[35] (וואס מיינט ממש ממש וועלכע מ׳קען אנטאפן בחוש המישוש[36]) פון דעם ״חלק אלוקה ממעל״[35] - דארף ניט אנקומען צו שמירה; בשעת מ׳זאגט אז ער דארף אנקומען צו שמירה איז א ראי׳ אז ער איז א מציאות בפ״ע וועלכע דארף האבן שמירה פון ״אתה משמרה״.

---

31) פ״ב מ״א. 32) מ״ב. 33) ראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ תזו״מ שנה זו. 34) ראה ירושלמי ערלה פ״א ה״ג. לקו״ת צו ז, ריש ע״ד. 35) תניא רפ״ב. 36) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ תז.

און אלס ענטפער אויף דער שאלה ״איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם״ זאגט רבי - ״כל שהיא תפארת לעושי׳ כו׳״:

דער עצם ענין אז מ׳דארף פרעגן און זוכן ״איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם״ - דארף מען ניט זאגן דעם אידן, ווייל וויבאלד אז מ׳זאגט ״שיבור לו האדם״, אז דער אדם דארף דאס מברר זיין, איז פארשטאנדיק אז ער האלט שוין בא די דרגא וואס ער גייט פרעגן זיין רבי ״איזו היא דרך ישרה״;

אויף וואס דארף מען אנקומען צו רבי - בכדי זאגן ״איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם״, אין וואס באשטייט טאקע דער ״דרך ישרה״. און אויף דעם זאגט ער - ״כל שהיא תפארת לעושי׳ כו׳״.

דערביי דארף מען נאך אבער פארשטיין: פון וואנעט ווייסט דער תלמיד וואס איז תפארת - אויף דעם גופא דארף ער אנקומען צו רבי?

איז דער ביאור אין דעם, אז די הוראה פון רבי קומט אין פרק שני וועלכע קומט נאך פרק ראשון, וואו מ׳האט שוין געלערנט ״משה קיבל תורה מסיני ומסרה כו׳״ ביז ״והעמידו תלמידים הרבה״, כולל אים ועאכו״כ רבו, במילא ווייסט ער שוין ע״פ כללי ויסודי התורה (שקבל מרבו עד למשה רבינו מסיני) וואס איז תפארת, לכבוד ולתפארת פאר א אידן, וואס ער דארף טאן בכדי ביי אים זאל זיין בשלימות הגילוי דער ״מעשה ידי להתפאר״[36], ווי מ׳זאגט פאר פרקי אבות, און ״הרבה[37] להם תורה ומצוות״ באופן פון ״יגדיל[38] תורה ויאדיר״ (עם כל הפירושים שבזה) מצד דעם וואס ״רצה הקב״ה לזכות את ישראל״, ווי מ׳זאגט לאחרי הפרק.

ט. דעריבער איז כאן הזמן אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה פאר פארשידענע פעולות, כולל - פעולות וועלכע זיינען מוסיף אין ״יגדיל תורה ויאדיר״, ביז צו די שלימות אמיתית בזה - ״תורה חדשה מאתי תצא״[39] בזמן הגאולה, ולפנ״ז - ״הרבה להם תורה ומצוות״, און נאך זייענדיק אין זמן הגלות, ווערט דער ״דבר ה׳ אל זרובבל״, דער דבר ה׳ וואס איז מהוה ומחי׳ ומקיים יעדער זאך[40] -

זאלן זיי איצטער ארויפגיין און מכריז זיין ועגן דעם און מזמין זיין די מסובים כאן, ומתוך שמחה וטוב לבב.

---

36) ישעי׳ ס, כא. 37) מכות ספ״ג. 38) ישעי׳ מב, כא. 39) שם נא, ד. ויק״ר פי״ג, ג. 40) שעהיוה״א פ״א.

ויה"ר אז דאס אלץ זיין בזריזות ובאופן פון לא עכבן אפילו כהרף עין[41], ובפשטות - אז עס קומט גלייך די גאולה האמיתית והשלימה.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות כו' התחיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

[בשיחה האחרונה (ע"ד גודל ההכרח בההשתדלות בחינוך) בענין שיצרו אנסו, ולכן אין בזה שאלות של דמוקרטי' כו' - אמר]:

וכמבואר בכ"מ די דינים בנוגע צו אנוסים (נאר אין שו"ע, איז דאס נשמט געווארן ע"י הצענזאר), משא"כ אין רמב"ם ובפרט אין די דפוסים וואו דער צענזאר האט ניט אנגערירט.

[בסוף השיחה, לאחרי הענין דעלי' על ג' מעלות]:

און דערפון זאל מען קומען צום ביהמ"ק השלישי, בגאולה השלישית, חוט המשולש לא במהרה ינתק[42],

און מ'גייט מיטן גואל ראשון, משה רבינו, וגואל אחרון, דוד מלכא משיחא, לגאולה האמיתית והשלימה, תיכף ומיד ממש.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להש"צ שי' לנגן "ניעט ניעט ניקאווא". ואח"כ "יה"ר כו' שיבנה ביהמ"ק כו'".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

----- * -----

41) מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 42) קהלת ד, יב.

לזכות

כ"ק אדמו"ר שליט"א

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 23 כפר חב"ד טל. 03-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש"פ שלח, מבה"ח תמוז
ה'תשמ"ח



הנחת הת' בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
"ועד הנחות התמימים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

בס״ד. משיחות ש״פ שלח, מבה״ח תמוז ה׳ תשמ״ח.

א. שבת מברכים תמוז - וואס איז דער לעצטער שבת אין חודש סיון - לייענט מען (ברוב השנים) פרשת שלח. און לויט דעם וואס דער של״ה שרייבט[1], אז די פרשיות התורה זיינען פארבונדן מיט דעם זמן ווען מ׳לייענט זיי, איז פארשטאנדיק אז ס׳איז דא א שייכות צווישן דעם שבת מיטן תוכן פון פ׳ שלח;

אין אנדערע ווערטער: פון פ׳ שלח קען מען ארויסנעמען א (תורה) הוראה בנוגע צו דער ספעציעלער עבודה וואס איז אונטערשטראכן אין דעם שבת, וואס כל יומא ויומא עביד עבידתי׳[2], עאכו״כ שבת מברכים תמוז, וועלכע איז אויך דער לעצטער שבת פון חודש סיון, חודש השלישי - דער חודש פון זמן מתן תורתנו.

ב. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים דעם ביאור פון מפרשים אין דעם טעם פארוואס משה האט געשיקט די מרגלים. דלכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק:

אויף דעם וואס דער אויבער־שטער האט געזאגט משה רבינו ״שלח לך אנשים״[3] זאגן חז״ל[4]: ״שלח לך - לדעתך״, אבער ״אני איני מצוה אותך״, ״לפי שבאו ישראל ואמרו נשלחה אנשים לפנינו כו׳, ומשה נמלך בשכינה, אמר אני אמרתי[5] להם שהיא טובה כו׳״[6].

שטעלט זיך די שאלה: וויבאלד אז דער אויבערשטער האט צוגע־זאגט אידן אז ער וועט זיי ברענגען אין ״ארץ טובה ורחבה״[5] - איז פארוואס האט משה געהאלטן אז מ׳דארף שיקן מרגלים, ביז אז ״וייטב בעיני הדבר״[7] - צי דען האט זיך משה ח״ו ניט פארלאזט לגמרי אויף הבטחתו של הקב״ה?!

זיינען מפרשים[8] מבאר, אז די כוונה אין שיקן די מרגלים איז געווען (ניט בכדי צו מברר זיין צי מ׳זאל גיין כובש זיין ארץ ישראל, ווארום אויף דעם איז געווען א ציווי מפורש און א הבטחה פון דעם אויבערשטן, נאר) בכדי וויסן אין וועלכן דרך ואופן איז לייכטער כובש זיין ארץ ישראל. וכמפורש בכתוב[9] ״נשלחה אנשים לפנינו גו׳ וישיבו אותנו דבר את הדרך אשר נעלה בה ואת הערים אשר נבוא אליהן״.

ווי דער סדר איז ביי מלחמה

1) חלק תושב״כ ר״פ וישב (רצז, א).
2) ראה זח״ג צד, ריש ע״ב.
3) ריש פרשתנו (יג, ב).
4) סוטה לד, ריש ע״ב (עפ״י גירסת הע״י). פרש״י עה״פ. ועוד.
5) שמות ג, ח.
6) פרש״י פרשתנו שם. וראה פרש״י סוטה שם.
7) דברים א, כג.
8) רמב״ן ריש פרשתנו. וראה גם אוה״ח שם.
9) דברים שם, כב.

וכיבוש ארצות, אז מ׳שיקט פריער ארויס מרגלים ״לדעת הדרכים ומבוא הערים״ בכדי צו וויסן מיט וועלכע שטעט מ׳זאל פריער מלחמה האבן און פון וועלכן דרך איז לייכטער איינ-נעמען די לאנד וכו׳.

און וויבאלד אז (ע״פ תורה) אין סומכין על הנס[10] און מ׳דארף זיך גרייטן צו מלחמה בדרך הטבע (״כי הכתוב לא יסמוך בכל מעשיו על הנס אבל יצוה בנלחמים להחלץ ולהשמר ולהארב כו׳״[11]) - דערפאר האט משה געהאלטן (״וייטב בעיני הדבר״) צו שיקן מרגלים. (נאר פונדעסטוועגן, האט ער זיך ניט געוואלט פארלאזן אויף דעת עצמו, און ״נמלך בשכינה״).

ועפ״ז פארענטפערן מפרשים נאך א קשיא:

בנוגע די מרגלים וואס משה האט געשיקט ״לרגל את יעזר״[12], שטייט ניט אפילו אז ״נמלך בשכינה״, ער האט עס געטאן (לגמרי) לדעתו. ועד״ז אויך די מרגלים וואס יהושע האט געשיקט[13]. ולכאורה תמוה: ווי קומט עס אז משה און יהושע האבן געשיקט מרגלים מדעתם עצמם, ובפרט נאך דעם ווי זיי האבן געזען די תוצאות וואס זיינען ארויסגעקומען פון שילוח המרגלים דפרשתנו?!

וע״פ הנ״ל מובן: דער ענין פון שילוח מרגלים בכדי צו וויסן ״את הדרך אשר נעלה בה״, איז ניט נאר וואס ס׳איז ניטא אין דעם קיין חסרון, נאר אדרבה, דאס איז דער דרך (ע״פ תורה) צו מקיים זיין דעם ציווי הקב״ה צו כובש זיין ארץ כנען[14]. און דאס וואס פון די מרגלים דפרשתנו זיינען ארויס-געקומען תוצאות בלתי רצויות, איז עס מצד דערויף וואס זיי האבן (תיכף בהליכתן[15]) **משנה** געווען פון די שליחות וואס משה האט זיי געשיקט [און געג-אנגען נאכקוקן (ניט ״את הדרך אשר נעלה בה״, נאר) צי ס׳איז כדאי און צי מ׳האט בכח לכבוש את הארץ]. און דערפאר האבן משה און יהושע שפעטער זיך ניט אפגעהאלטן פון צו שיקן מרגלים, טראכטנדיק (און אזוי איז געווען בפועל) אז **די** מרגלים וועלן מקיים זיין די שליחות.

---

10) פסחים סד, ב.

11) רמב״ן שם.

12) חוקת כא, לב.

13) כדמשמע בפשטות הכתובים בתחלת ספר יהושע (הפטרת פרשתנו). וכן משמע ברמב״ן ובאוה״ח שבהערה 8. וצ״ע בלקו״ת פרשתנו רד״ה וישלח יהושע (נא, ג) ש״בודאי לא עשה יהושע מדעתו רק שהשי״ת ציוהו על כך״.

14) ומה שאמר הקב״ה ״אני אמרתי להם שהיא טובה״, וגם משה עצמו הסכים לשילוח המרגלים רק משום שחשב ״שמא תחזרו בכם כשתראו שאיני מעכב״ (פרש״י דברים א, כג) - הוא ע״פ כוונת בני ישראל בשילוח המרגלים לתור ולבחון אם צריכים לעלות ולכבוש כו׳ (ראה אוה״ח ריש פרשתנו). אבל שילוח המרגלים (כהאופן ששלחם משה) לתור באיזה אופן לכבוש - הרי זה דבר טוב ורצוי, כבפנים.

15) פרש״י פרשתנו יג, כו.

ג. לויט דעם אבער ווערט די שאלה לאידך גיסא: וויבאלד אז צוליב כיבוש הארץ דארף מען מרגלים, איז פארוואס האט דער אויבערשטער ניט מצוה געווען אויף דעם, און איבערגעלאזט עס לדעתו של משה?

איז דער ביאור אין דעם, אז אדרבה, היא הנותנת: וויבאלד אז בכדי לכבוש הארץ פאדערט זיך (ע"פ טבע) שילוח מרגלים - איז לאחרי ווי ס'איז געווען דער ציווי פון דעם אויבערשטן צו כובש זיין ארץ כנען, איז שוין מובן מעצמו אז בכדי צו מקיים זיין דעם ציווי דארף מען שיקן מרגלים, און מ'דארף ניט קיין ציווי פרטי אויף דעם פרט.

דוגמא לדבר:

ווען דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אברהם אבינו "קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק ולך לך אל ארץ המורי' והעלהו שם לעולה"[16] - האט דער אויבערשטער אים ניט געדארפט אנזאגן אז ער זאל חובש זיין חמורו און מיטנעמען עצי עולה און א מאכלת ואש (נאר אברהם האט דאס אליין געטאן[17]), ווארום לאחרי ווי ס'איז דא דער ציווי ה' צו אברהם'ן "והעלהו שם לעולה" - וואס קיום ציווי ה' דארף זיין ע"י אברהם - איז מובן מעצמו, אז דערצו דארף אברהם צוגרייטן און האבן עצים, אש און א מאכלת, און לפני זה - חבישת חמור, וואס מיט דעם אלעם וועט מען גיין לארץ המורי'!

ועד"ז איז אויך בנוגע צו אלע מצוות התורה, אז אויף די "מכשירי מצוה" איז ניטא קיין ציווי. ווי, לדוגמא, מצות מילה, איז ניטא קיין ציווי אויף צוגרייטן אן איזמל וכו'.

[ועפ"ז קען מען אויך מבאר זיין וואס מן התורה איז ניטא קיין מצוה מפורשת ובפני עצמה צו מחנך זיין בניו ובנותיו. ובכלל איז אין דעם ענין פון חינוך א שקלא וטריא בגדרי חיובו וכמה דעות בזה[18].

ולכאורה תמוה: ס'איז מובן בפשטות, אז הנהגת האדם בגדלותו (תיכף לכשיגדל) איז תלוי אין זיין וויסן וועגן דעם, אין דעם חינוך בקטנותו[19]. איז היתכן אז ס'איז ניטא קיין ציווי (מן התורה) צו מחנך זיין?

דער פלא איז נאך גרעסער: מ'זעט בפועל אז דער עיקר החינוך איז אפהענגיק פון דער מוטער[20] [ובפרט ביי א קליין

16) וירא כב, ב.

17) שם, ג. ו.

18) נזיר כט, א. רמב"ם הל' ציצית פ"ג ה"ט. הל' לולב פ"ז ה"ט. שו"ע אדה"ז הל' שבת סשמ"ג ס"ב. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך חנוך בתחלתו. וש"נ.

19) כמ"ש חנוך לנער ע"פ דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה (משלי כב, ו).

20) וראה של"ה שער האותיות מד, א (נעתק ב"חנוך לנער" ע' 34) "הנשים

קינד, תינוק הצריך לאמו]. און אעפ"כ איז מצות החינוך (אפילו) מדברי סופרים נאר על האב און ניט על האם?!

ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם[21], אז אדרבה: וויבאלד אז חינוך [ובפרט חינוך האם] איז א דבר המוכרח ע"פ טבע האדם[22] איז פשוט אז מען וועט עס טאן כדי אז כשיגדל לתומ"צ, זאל ער זיי מקיים זיין[23].

ויש לומר דעם טעם אויף דעם בפנימיות הענינים: דאס וואס ס'איז ניטא קיין ציווי אויף צוגרייטן די ענינים וועלכע זיינען לצורך קיום המצוה, איז עס בכדי צו געבן די מעגלעכ-קייט א אידן צו טראכטן און האערעווען מיט זיין אייגענעם שכל ווי צו מקיים זיין די מצוה.

ועפ"ז יש לומר דעם פירוש אין דעם וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו "שלח לך לדעתך אני איני מצוה לך" - אז די וועג ווי צו מקיים זיין דעם ציווי פון כיבוש הארץ, אויף דעם זאגט מען ניט קיין ציווי, דאס דארף זיין "לדעתך" - ער דארף האערעווען אויף דעם מיט זיין אייגענעם דעת.

ד. ויש להוסיף, אז די צוויי ענינים הנ"ל (בנוגע אופן קיום הציווי דכיבוש הארץ - (א) אז דער כיבוש זאל זיין ניט ע"פ נס נאר ע"פ טבע (שילוח המרגלים), און (ב) אז דער אופן קיום הציווי זאל זיין "לדעתך" פון דעם אדם המקיים את המצוה - זיינען שייך במיוחד צו כיבוש הארץ:

ס'איז מבואר אין לקוטי תורה פרשתנו[24] (די "חסיד'ישע פרשה"), אז דאס וואס די מרגלים האבן ניט געוואלט אריינגיין אין ארץ ישראל איז געווען מצד דעם וואס זיי האבן ניט געוואלט זיך אראפנידערן פון דעם הויכן גייסטיקן מצב של התבודדות אין מדבר, וואו מ'איז געווען העכער פון ענינים ארציים, אן דאגות הפרנסה (ווייל דער אויבערשטער האט זיי אלץ צוגעשטעלט אין מדבר - לחם מן השמים[25], מים מבארה של מרים[26] און ענני

מצוות על תוכחת בניהם כמו האב ויותר מהם, מטעם שהם פנויות ומצויות יותר בבית כו'".

21) ראה בארוכה שיחת חגה"ש תשמ"ז. עוד ביאור בזה - ראה שיחת אחש"פ תשמ"ז.

22) משא"כ בכו"כ (רוב ה)בע"ח, כנראה בפשטות.

23) והא שיש ציווי "ושננתם לבניך" (ואתחנן ו, ז) - אף שגם זה הוא (לכאורה) דבר המוכרח, כמ"ש ברמב"ן שם "אנחנו מצווים שידעו בנינו המצוות, ואיך ידעו אותם אם לא נלמדם" - כי זהו הוספה לגודל וחשיבות הענין.

ואולי יש לומר, לפי שזה (ללמד תורה לבניו הקטנים) אינו מוכרח, כי ע"י שיחנכום במצוות ידעו איך לקיימם.

24) לו, ג ואילך.

25) בשלח טז, ד.

26) פרש"י חוקת כ, ב.

הכבוד וועלכע האבן זיי געפירט און באשיצט וכו׳[27]), און מ׳קען לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן במנוחה שלימה, בשלימות הלימוד והעשי׳.

אבער די שיטה (פון די מרגלים) איז געווען א ״טעות גדול״[28]. ווייל דער תכלית הכוונה איז צו מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים, אז גשמיות העולם זאל ווערן פארוואנדלט אין רוחניות און ג-טלעכקייט. און דערפאר האט מען געדארפט אוועקגיין פון מדבר און אריינגיין אין ארץ ישראל, אן ארץ נושבת וואו מען האט זיך געדארפט פארנעמען מיט ענינים גשמיים (חרישה, זריעה וכו׳), בכדי צו מאכן פון די גשמיות א דירה צום אויבערשטן.

און וויבאלד די כוונה אין כיבוש הארץ און התיישבות בארץ איז בכדי צו מאכן די ״תחתונים״ פאר א דירה לו יתברך - דעריבער איז אויך דער אופן הכיבוש וההתיישבות דארף זיין פארבונדן מיט גדרי ה״תחתון״: (א) אז דער כיבוש זאל האבן אן אחיזה (עכ״פ) בדרך הטבע, און (ב) אז די וועג צו כובש זיין זאל זיין (ניט ע״פ ציווי מלמעלה, נאר) ״לדעתך״ פון דעם ״תחתון״[29], פון דעם אדם המקיים את הכיבוש.

ה. ע״פ הנ״ל וועט מען פארשטיין דעם קשר פון פ׳ שלח מיט שבת מברכים תמוז בסיום חודש סיון:

חודש סיון און חודש תמוז באשטייען פון צוויי באזונדערע עבודות[30]:

ענינו פון חודש סיון (חודש השלישי) איז - מתן תורה[31].

---

27) פרש״י בהעלותך י, לב. עקב ח, ד.

28) ל׳ הלקו״ת שם לז, ב. וראה שם לח, ב.

29) ויש לומר (בפנימיות הענינים), שזהו גם הטעם על זה שההצעה לשלוח מרגלים באה (לא ממשה אלא) מישראל. ויתירה מזו - שההצעה מישראל היתה באופן ד״ותקרבון אלי כולכם - בערבוביא״ (דברים א, כד ופירש״י שם).

30) החילוק דלקמן הוא גם בהתאם לזה שחודש סיון הוא חודש השלישי* (ראה הערה הבאה) וחודש תמוז הוא חודש הרביעי - כמבואר בכ״מ ההפרש בין שלישי ורביעי, ששלישי מורה בעיקר על בחי׳ המשפיע ורביעי מורה בעיקר על בחי׳ מקבל (ראה בארוכה שיחת ש״פ קרח תשמ״ז. וש״נ).

31) דאף שמ״ת הי׳ בתחלת החודש - הרי זה שייך וקשור לכל החודש, כמודגש בזה שבתושב״כ נזכר שמ״ת הי׳ ״בחודש השלישי״ (יתרו יט, א) ולא נזכר באיזה יום בחודש [עד שיש בזה

---

*) ולהעיר מהקשר ל: (א) הפרק שלומדים בשבת זו - פרק **שלישי**, והתחלתו היא - ״הסתכל **בשלשה** דברים כו׳״, ובזה גופא - שלשה בבות (ראה בארוכה קונטרס משיחת ש״פ אחו״ק שנה זו ס״ט). (ב) שיעור היומי ברמב״ם (הל׳ ביהב״ח פ״ז ה״א) - **שלש** מחנות היו במדבר מחנה ישראל ומחנה לוי׳ ומחנה שכינה, וכנגדן לדורות מפתח ירושלים עד הר הבית כמחנה ישראל ומפתח הר הבית עד פתח העזרה שהוא שער ניקנור כמחנה לוי׳ ומפתח העזרה ולפנים מחנה שכינה - שהם (כהנים לויים ישראלים) כנגד חג״ת (תקו״ז תס״ט (קד, א). וראה לקוטי לוי״צ לזהר **פרשתנו** ע׳ שעה).

(מלמעלה). און אויך די **קבלת** התורה וואס אידן האבן מקבל געווען, איז אין אן אופן ווי אידן שטייען לעבן הר סיני און הערן די דברות ווי זיי קומען מלמעלה, פון אויבערשטן. משא״כ ענינו פון חודש תמוז (דער חודש וואס **נאך** קבלת התורה[32]) איז ווי אידן גייען אוועק פון הר סיני און הויבן אן זייער עבודה בכח עצמם צו מאכן די וועלט פאר א דירה לו יתברך, לויט די הוראות וועלכע זיי האבן מקבל געווען **פריער** בא מתן תורה.

ויש לומר, אז דאס איז א רמז אין דעם וואס שבת מברכים תמוז איז אין דעם לעצטן שבת פון חודש סיון - ווייל די ברכה ונתינת כח אויף דער עבודה אין וועלט (בחודש תמוז) באקומט מען פון דעם שבת האחרון אין חודש השלישי, די שלימות וסך-הכל פון מתן תורה, אוריין תליתאי[33].

ו. עפ״ז וועט מען פארשטיין די הוראה - ״והחי יתן אל לבו״[34] - וואס קומט צו אין שבת מברכים תמוז פון פ׳ שלח:

אזוי ווי אלע ענינים אין תורה וועלכע איז נצחית, איז אויך דער ציווי אויף כיבוש הארץ א ציווי נצחי בכל זמן ובכל מקום - יעדער איד האט דעם ציווי צו ״איינעמען״ (כובש זיין) זיין גוף ונפש הבהמית וחלקו בעולם, ״מלאו את הארץ **וכבשוה**״[35], און מאכן דערפון א כלי צו אלקות (ארץ ישראל - וועלכע איז **מקודשת** מכל הארצות[36]), כפתגם הידוע פון דעם צ״צ[37] - ״מאך **דא** ארץ ישראל״.

און די עבודה שטייט בהדגשה אין חודש תמוז (וואס קומט **נאך** דעם חודש פון מתן תורה), ווען א איד גייט אריין אין וועלט צו כובש זיין, איינעמען איר מיט תורה און אידישקייט.

און אין דער עבודה האט ער די הוראה פון פ׳ שלח - א צווייענדיקע אנווייזונג:

ערשטנס בנוגע צו זיין עצם עבודה: א איד קען דאך מיינען אז ס׳איז גלייכער בלייבן בא ״הר סיני״ און לערנען תורה, איידער אראפגיין טאן די עבודת המצות, עבודה אין דער גשמיות-דיקער וועלט, טראכטנדיק אז

ב׳ דיעות בגמרא (שבת פו, ב)], וכן בתושבע״פ (שם פז, א) - ״ירחא תליתאי״ [ומש״נ (יתרו שם, טז) ״ביום השלישי״, ״יומא תליתאי״ - ה״ז לא יום השלישי בחודש, כ״א מימי הכנה (הגבלה) למ״ת].

32) להעיר מזה שהבעש״ט הי׳ מחבב במיוחד יום השני דחגה״ש, להיותו יום הראשון שלאחרי מתן תורה (סה״ש תש״ד ע׳ 135). וראה לקו״ש ח״ד 1028, שהמעלה דהיום שלאחרי מ״ת הוא - שאז התחיל ענין העבודה דהמטה. עיי״ש בארוכה.

33) שבת שם.

34) רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ז הי״ב - שיעור היומי דש״ק זה.

35) קהלת ז, ב.

36) בראשית א, כח.

37) אגרות קודש אדמו״ר (מהוריי״צ) ח״א ע׳ תפה.

וואס דארף ער זיך ארייינלאזן אין די נסיונות וספיקות וועלכע קענען ווערן אין דעם וואכעדיקן לעבן, מצד דעם וואס "עז העם היושב בארץ"[38], און אפשר גאר אז "לא נוכל לעלות גו׳ כי חזק הוא ממנו"[39], ביז אז "ארץ אוכלת יושבי׳"[40], בעסער בלייבן זיצן באשיצט אין ד׳ כותלי בית המדרש ובית הכנסת.

אויף דעם לערנט ער זיך אפ פון טעות המרגלים - אז דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אז די תכלית הכוונה פון ירידת הנשמה בגוף איז דוקא אריינ-גיין און כובש זיין ארץ כנען און מאכן דערפון ארץ ישראל. ואדרבה - "טובה הארץ מאד מאד"[41], דוקא דורך דער עבודה אין ארץ הגשמיתווערט נתגלה תכלית השלימות פון טוב, ביז אין אן אופן פון "מאד מאד", ווארום נתאוה הקב״ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים דוקא[42].

ביז אז דאס טוט אויף תכלית השלימות אין דעם אידן, אז ניט נאר וואס די וועלט שטערט אים ניט, נאר **אדרבה** - "לחמנו הם"[43], דאס ווערט זיין לחם וועלכע איז אים מחי׳ און טוט אין אים אויף אן עלי׳ באין ערוך.

38) פרשתנו יג, כח.
39) שם, לא.
40) שם, לב.
41) פרשתנו יד, ז.
42) לקו״ת פרשתנו לז, ב ואילך.
43) פרשתנו שם, ט.

דערצו איז אויך דא די הוראה פון כיבוש הארץ - בנוגע צו אופן העבודה, אז דאס דארף זיין "לדעתך": צו טראכטן און הארעווען מיט זיין שכל ודעת צו אויסזוכן אלע וועגן (לויט טבע העולם) ווי צו כובש זיין די גשמיות׳דיקע וועלט און מאכן דערפון "ארץ ישראל".

ז. ובפרטיות יותר - איז אין דעם פאראן א לימוד במיוחד פאר אונזער דור:

משה רבינו פון אונזער דור - כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו - האט געגעבן יעדערן פון דעם דור, דער דור האחרון אין גלות, די שליחות צו פארענדיקן די לעצטע שיריים פון דער עבודה אין "מדבר העמים" פון גלות, און צוגרייטן די וועג פאר דער כניסה וכיבוש בשלימות פון ארץ ישראל, און פון דער גאנצער וועלט (שעתידה ארץ ישראל תתפשט על העולם כולו[44]),

ולהדגיש גם הלימוד וההוראה הנ"ל — שהפעולה בחיזוק התורה והיהדות תהי' מתוך הכרת מעלתו של הזולת, גם של זה אשר בשם ישראל יכונה, במצבו ההוה, עד כדי כך, שירידתו היא התחלת העלי', כנ"ל בארוכה.

יג. ועוד ענין עיקרי בזה — הדגשת חובתו (וזכותו) של כאו"א לעסוק בחיזוק התורה והיהדות:

יכול מישהו לטעון שחפצו ורצונו "להפליג משאר בני אדם" ולעסוק אך ורק בענינים רוחניים בלבד, לימוד התורה, נגלה דתורה ונסתר דתורה, להיות "טלית שכולה תכלת", לסגף גופו בתעניות, "שיהא חלבי ודמי שנתמעט כאילו הקרבתיו לפניך"[80] וכו'; אבל, מה לו — טוען הוא (ולפעמים ברוגזא גדולה) — וליהודים שנמצאים בדרגא תחתונה, "בשם ישראל יכונה", יהודי שנראה במצב של "קרח"?!

והמענה לזה — מפ' קרח גופא: השלילה בתוקף ד"קרח" באה ללמדנו שהעבודה צריכה להיות בציור דאות ה"א, היינו, לא להשאר בעולם המחשבה והדיבור, אלא לירד למטה (רגל השמאלי) לעולם המעשה, ואדרבה, המעשה הוא העיקר; ולאידך, הטוב ד"קרח" בא ללמדנו שיש למצוא את הטוב והיפה שבכאו"א מישראל. ולכן צריך לירד ממעלתו הרוחנית עד למקום ה"חוצה" כדי לעסוק עם יהודי אשר בשם ישראל יכונה[81].

ולאמיתתו של דבר, אין זו ירידה בשבילו, אלא אדרבה, זוהי העלי' שלו, מכיון שעי"ז ממלא תכלית הכוונה דירידת הנשמה למטה, שכן, כדי להיות בתנועה של עלי' והפלגה בענינים רוחניים לא הוצרך לירד לעוה"ז, כי מצב זה הי' גם (ואדרבה — בשלימות נעלית יותר) בהיות הנשמה למעלה, אלא, כוונת הירידה למטה היא כדי לפעול בירור המטה.

וכדאיתא בגמרא[82] "בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה (ואח"כ) קבעת עתים לתורה"[83], כלומר, השאלה הראשונה ששואלים לאחרי ק"כ שנה, היא (לא

---

78) ראה שבת קנ, א. רמב"ם הל' שבת פכ"ד ה"ה. טושו"ע (ואדה"ז) או"ח סש"ו ס"ו (סי"ב).

79) מגילה בתחלתה.

80) ברכת יז, א.

81) ויתירה מזה — שיש ללמוד ממנו, כהוראת המשנה ברפ"ד דאבות (שלומדים בשבת זו) "איזהו חכם הלומד מכל אדם".

ולהעיר, שמאמר זה נאמר ע"י "בן זומא" — שכניסתו לפרדס היתה באופן של עלי' וכניסה בלבד (דלא כר"ע שנכנס בשלום ויצא בשלום), ולכן, מדגיש כאן שצ"ל גם הירידה והיציאה למטה, לראות מעלתו של "כל אדם", אדם אתם, היהודי שנמצא למטה, וללמוד ממנו.

82) שבת לא, א.

83) ומה שאמרו "אין תחלת דינו של אדם אלא על דברי תורה" (קידושין מ, ב. סנהדרין ז, א) — הרי זה בנוגע להתחלת העונש והדין, אבל (בנוגע הדו"ח שכאו"א עתיד ליתן ה)שאלה, שואלין תחלה על משא ומתן באמונה ואח"כ שואלים קביעת עתים לתורה (תוס' שם).

בנוגע ללימוד התורה, אלא) "נשאת ונתת באמונה": האם המשא ומתן שלו, שבשבילם ירדה נשמתך למטה — בירור המטה, ע"י הפצת התורה והיהדות בכל מקום — הי' באופן ד"נשאת ונתת באמונה", בכל התוקף והשלימות, כולל גם מלשון אומנות[84]!

יד. ובפרטיות יותר — בנוגע לדורנו זה:

כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו — בעל המאסר והגאולה — הטיל על כאו"א את התפקיד והשליחות לעסוק בהפצת התורה והיהדות.

נשיא דורנו אומר שעבודתו של כאו"א צריכה להיות בדוגמת עבודת שבט לוי, כלשון הכתוב בפרשתנו "ואני הנה לקחתי את אחיכם הלוים . . נתונים לה'"[85], "אני חלקך ונחלתך"[86], ובלשון הרמב"ם[87] ש"הובדל לעבוד את ה' לשרתו ולהורות דרכיו הישרים ומשפטיו הצדיקים לרבים, שנאמר[88] יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל", ומסיים[89], "לא שבט לוי בלבד, אלא כל איש ואיש כו' הרי זה נתקדש קודש קדשים, ויהי' ה' חלקו ונחלתו לעולם ולעולמי עולמים . . ה'[90] מנת חלקי וכוסי אתה תומיך גורלי"[91].

והוסיף לפרש ולבאר בנוגע לפרטי העבודה — החל מלימוד אל"ף בי"ת עם תינוקות, הן כפשוטו, חינוך הקטנים[92], והן אל"ף בי"ת של יהדות לקטנים בידיעות, בתוככי כל שאר הפעולות דחיזוק התורה והיהדות בכל מקום ומקום לפי ענינו.

ולכן, אף אחד אינו יכול להשתמט ח"ו משליחות זו ולומר האמתלא ששליחותו בענין אחר, ואפילו לא להתנהג כמו "בן יחיד מפונק" באמרו ולומר שאינו יודע מה וכיצד עליו לפעול וכו'[93] — מכיון שנשיא דורנו אמר בפירוש ששליחותו של כאו"א היא לעסוק בהפצת התורה והיהדות, ופירש גם דרכי ואופני הפעולה כו', ובמילא, אין הדבר תלוי ברצונו לבחור לו איזו שליחות שרוצה, אלא, צריך לקיים השליחות שהוטלה עליו, אפילו אם הדבר הוא בניגוד לרצונו שבגלוי, ובלשון המשנה בסיום וחותם פרק רביעי דאבות שלומדים בשבת זו — "על כרחך אתה חי", היינו, שגם אם הדבר הוא "על כרחך", מ"מ, "אתה חי", צריך אתה לחיות בזה (באופן ד"החי יתן אל לבו").

וכאשר עוסק בענינים אחרים, אפילו ענינים הכי נעלים — שואלים אצלו "נשאת ונתת באמונה":

עסקת אמנם בענינים הכי נעלים, ובשכר זה תקבל ש"י עולמות וכו' וכו', אבל, השאלה (ויתירה מזה — השאלה הראשונה) היא, מה עם המשא ומתן בענין העיקרי, שבשביל זה "הניח הקב"ה את העליונים ואת התחתונים"[94] והתעסק ומתעסק בכל יום ליתן בך הנשמה ומשמרה בקרבך בעולם הזה; היכן הם "הילדים" שלמדת עמהם אל"ף בי"ת (דיהדות), היכן הם היהודים שקרבת ליהדות?!...

ובפרט בהתחשב עם המצב המבהיל

84) תניא ספמ"ב.

85) יח, ו.

86) שם, כ.

87) הל' שמיטה ויובל פי"ג הי"ב.

88) ברכה לג, יו"ד.

89) הלכה יג.

90) תהלים טז, ה.

91) "הנחת ידי על גורל הטוב לומר את זה קח לך" (פרש"י ס"פ נצבים).

92) כידוע בפרשת המאסר והגאולה שעיקר המס"נ היתה על העבודה בחינוך הקטנים והנוער כו'.

93) ראה גם קונטרס משיחות ש"פ שלח ס"ח.

94) ל' אדה"ז בתניא פמ"ו (סה, ב). וראה גם שם רפמ"א.

בימינו אלו שהוא בדומה לפיקוח נפשות ממש, שמסתובבים מאות אלפי ״ילדי״ ישראל ללא ידיעה באל״ף בי״ת של יהדות (כולל — בארץ הקודש, שאף שישנם מפלגות דתיות וכו׳, עיקר הנשאת ונתת שלהם, באמונה — אינם בחינוך הנוער ליהדות), כמדובר כמ״פ בהתוועדויות האחרונות[95], ופשוט, שאין די במחשבה ודיבור, עריכת אסיפות וקבלת החלטות טובות ואפילו לא במצב ד״מתניכם חגורים״[96], אלא, צריך ומוכרח וחיוני הוא כנ״ל, ללכת בפועל ולפעול במעשה בפועל, ובלשון הידוע[97] ״טאַפּאָרו דאַ פלאַחו״ (להפעיל הגרזן בהבול־עץ, לעשותו כלי).

טו. ובכל זה ניתוסף הציווי וההוראה, ביחד עם נתינת־כח, מימי הגאולה, החל מהתחלת הגאולה בג׳ תמוז — ״להוסיף אומץ בהרבצת תורה והחזקת היהדות״[4].

והדגשה יתירה בהנתינת־כח — בדברי בעל המאסר והגאולה בג׳ תמוז (הנ״ל ס״ט) ״נושאים אנו תפלה להשי״ת — יהי ה׳ אלקינו עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו אל יעזבנו ואל יטשנו, שיש בזה גם בקשה וגם הבטחה, אשר השי״ת יהי׳ עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו, הגם שאין אנו יכולים להידמות לאבותינו כו׳״.

כלומר, כשמתעוררת שאלה או ספק כו׳ האם יש לו הכחות הדרושים למילוי השליחות דהפצת התורה והיהדות — אומרים לו, שג׳ תמוז פועל גאולה מכל השאלות והספקות כו׳, מכיון שנשיא דורנו הכריז ״יהי ה׳ אלקינו עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו״, ש״הגם שאין אנו יכולים להידמות לאבותינו״, מ״מ, ישנה הבטחה ברורה ש״יהי ה׳ אלקינו עמנו״, ולא עוד, אלא, ״כאשר הי׳ עם אבותינו״, ולכן בודאי שניתנו הכחות הדרושים למילוי השליחות בהצלחה ובשלימות, ואין הדבר תלוי אלא ברצונו של כל אחד ואחת.

טז. ועוד ענין בזה — בהמשך דברי בעל המאסר והגאולה בג׳ תמוז, ״לא מרצוננו גלינו כו׳ ולא בכחותינו אנו נשוב כו׳, אבינו מלכנו ית׳ הגלנו כו׳ והוא ית׳ יגאלנו כו׳״, שבזה מרומז ענין נפלא:

כיון שהגאולה היא ״לא בכחותינו כו׳״ אלא ע״י ״אבינו מלכנו ית׳״, הרי, מובן וגם פשוט, שגם כאשר חסר משהו ב״מעשינו ועבודתינו״, אין זו סיבה לעכב, ח״ו וח״ו, אפילו לרגע אחד בלבד, את פעולתו של הקב״ה, ש״יגאלנו ויקבץ נדחינו כו׳ ויוליכנו קוממיות ע״י משיח גואל צדק לארצנו הקדושה במהרה בימינו אמן״.

ועאכו״כ לאחרי שכבר ״כלו כל הקיצין״[98], וכבר נסתיימה כל העבודה, גם ״צחצוח הכפתורים״[99], הרי בודאי שהגאולה צריכה לבוא תיכף ומיד ממש.

ולכן ובמילא, כל האמור לעיל אודות תפקידו ושליחותו של כאו״א לעסוק בהפצת התורה והיהדות, אינו מחליש כלל וכלל ואפילו משהו, ח״ו, מהבקשה והדרישה של הגאולה בכל התוקף — ״עד מתי״!

יז. ויה״ר שמהדיבור אודות הגאולה, ובפרט בימי הגאולה שמתחילים בג׳ תמוז — נזכה ונכנס ממש בגאולה האמיתית והשלימה ע״י

95) שיחות: חגה״ש, ש״פ נשא, בהעלותך. ועוד.

96) ל׳ הכתוב — בא יב, מא.

97) סה״ש ה׳ש״ת ע׳ 105. תש״ב ע׳ 84. תש״ד ע׳ 104. ועוד.

98) סנהדרין צז, ב.

99) ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט.

משיח צדקנו, תיכף ומיד ממש, ״לא עיכבן כהרף עין״[100].

ובהמשך לזה ובמילא, נחגוג את ימי הגאולה י״ב־י״ג תמוז ביחד עם בעל הגאולה, נשמה בגוף, ״הקיצו ורננו שוכני עפר״[101], והוא בראשם,

ובבוא שבעה עשר בתמוז — ידחה ״צום הרביעי״, ובפרט בקביעות שנה זו ששבעה עשר בתמוז חל בשבת, שבעבר נדחה התענית בקביעות כזו, וכדברי נשיא דורנו אז[102]: הלואי שידחה באמת, ויתירה מזה, שיהפך לששון ולשמחה ולמועדים טובים.

100) מכילתא ופרש״י בא יב, מא.

101) ישעי׳ כו, יט.

102) נסמן לעיל בהערה 77.

בס״ד. שיחת ש״פ קרח, ג׳ תמוז ה׳תשמ״ח.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

א. מאמר (כעין שיחה) ד״ה ויקח קרח.

* * *

ב. מ׳איז אויך רגיל ארויסנעמען א לימוד אין ״והחי יתן אל לבו״ פון פרש״י בריש הפרשה.

בנוגע צו דער ערשטער פרש״י בפרשתנו (אויף ״ויקח קרח״)[1] - ״פרשה זו יפה נדרשת במדרש רבי תנחומא״ - האט מען שוין אמאל גערעדט און ס׳איז שוין געדרוקט (ניט-אום-שבת גערעדט), וועט מען איצטער דערמאנען עטלעכע ענינים וואס מ׳האט דעמולט ניט גערעדט (אדער דאס וואס איז עכ״פ ניט געדרוקט).

א) ס׳איז א דבר בלתי רגיל אז רש״י זאל אנהויבן מיט א הקדמה ובלשון ״פרשה זו יפה נדרשת כו׳״ - דאס איז דער איינציקער מאל בפרש״י על התורה וואו עס שטייט אזא לשון.

ב) וואס האט דאס פארא שייכות מיט פשוטו של מקרא - וואס דאס איז ענינו פון פרש״י, ווי רש״י האט געשריבן בפ׳ בראשית[2] ״אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא״, ״ולא על פירוש המדרש״[3]?

ג) ובפרט אז רש״י איז דערנאך מפרש די פרשה ע״ד הפשט - איז אפילו אויב ער וויל ברענגען אז ס׳איז דא אויף דעם א דרש, איז זיין סדר הרגיל בזה, אז ער ברענגט עס **נאך** דעם פירוש ע״ד הפשט.

ד) אפילו ווען רש״י ברענגט אז ס׳איז דא א פירוש ע״ד הדרש - שרייבט ער נאר אז ס׳איז דא א פירוש ע״ד הדרש, וואס איז דער לשון ״יפה נדרשת״, און ה) דוקא ״במדרש רבי תנחומא״ - און ניט ״כדאיתא במדרש״ (וכיו״ב) סתם?

איז דער ביאור בזה:

אע״פ וואס רש״י איז מפרש די פרשה ע״ד הפשט, איז זיין פירוש ניט אינגאנצן גלאטיק אדער ס׳איז ניט מפרש אלע פרטים בפרשה זו, דעריבער איז ער מקדים אז ״פרשה זו יפה נדרשת במדרש רבי תנחומא״, ד.ה. אז כאטש דאס איז א מדרש איז אבער ״**יפה** נדרשת״, דאס איז א דרש יפה וואס איז מיישב און ״קרוב לפשוטו של מקרא״[4]. און דערפאר שרייבט ער אויך ״במדרש רבי תנחומא״ - ווייל דער דרש יפה (מיט וועלכע מ׳קען מיישב זיין פירוש

---

1) טז, א. 2) ג, ח. כד. 3) שפ״ח כאן. 4) רא״ם ושפ״ח כאן.

הכתובים ע״ד הפשט) איז דוקא אין תנחומא, משא״כ אין אנדערע מדרשים איז דאס ניט אזוי פארבונדן מיט פשוטו של מקרא.

[וע״ד ווי מ׳זעט בפרש״י בהמשך הכתובים, אז ער איז מעתיק נאר געוויסע ענינים פון מדרש און ניט אלץ - נאר די ענינים וועלכע זיינען נוגע צו פשוטו של מקרא. לדוגמא: ער ברענגט נאר טענת קרח וועגן ״טלית שכולה של תכלת חייבת בציצית או פטורה״, אבער ניט די (צווייטע) טענה וואס ברענגט זיך אין מדרש[5] וועגן ״בית מלא ספרים מהו שיהא פטור מן המזוזה״. וואס אע״פ אז דער טעם לזה בפשטות איז - ווייל דער בן חמש האט נאך ניט געלערנט וועגן מצות מזוזה משא״כ וועגן מצות ציצית האט ער געלערנט בסוף פרשה שלפנ״ז; אעפ״כ האט אבער רש״י וועגן דעם יע געלערנט, און מ׳זעט בכ״מ אז ער ברענגט ענינים וואס שטייען שפעטער - נאר דא ברענגט ער עס ניט, ווייל דאס איז ניט נוגע אין פשוטו של מקרא].

ג. א לימוד אין ״והחי יתן אל לבו״ וואס מ׳קען ארויסנעמען פון פרש״י בתחלת הפרשה:

אין זיין פירוש לאחרי זה שרייבט רש״י (אויף ״ויקח קרח״) ״לקח את עצמו לצד אחד להיות נחלק מתוך העדה לעורר על הכהונה״.

דער לשון ״לקח את עצמו״ איז א לשון בלתי רגיל. ויש לומר אז דערפון איז אויך דא א לימוד למעליותא:

״לקח את עצמו״ באדייט אז ס׳איז דא צוויי זאכן: (א) דער ״עצמו״, וואס דאס גייט אויף עצמותו - אים אינגאנצן [א בן חמש פארשטייט נאך ניט דער חילוק צווישן עצמות און כחות וכו׳, אבער ער ווייסט אז ״עצמו״ מיינט - אים אינגאנצן]. און (ב) דער ״לוקח״, דער נעמער, וואס דאס גייט אויף יעדער איד וועלכע מ׳האט געגעבן דעם כח אויף ״לקח את עצמו״ - צו נעמען זיך אליין - אלע דרגות פון זיין נשמה, ביז עצם הנשמה, וועלכע זיינען אלע אפגעגעבן געווארן צו אים, ״נשמה שנתת בי טהורה היא אתה בראת אתה יצרת אתה נפחת בי״[6], ביז אויף ״אתה משמרה בקרבי״, אז א איד ״נעמט״ אויך די דרגא פון ״אתה״ וואס איז ״משמרה בקרבי״ (וואס דאס איז נאך העכער ווי די פריערדיקע דרגות)[7].

5) במדב״ר פי״ח, ג. תנחומא פרשתנו ב. 6) ברכות השחר. 7) ראה לקו״ת שה״ש ל, ג. ובכ״מ.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

און אין דעם איז די הוראה, אז בשעת א איד טוט א זאך אין עבודת ה׳ דארף ער דאס טאן אין אן אופן פון ״לקח את עצמו״, ד.ה. ניט נאר מיט איין כח אדער איין אבר, נאר בכל עצמותו, מיט זיין גאנצן עצם ומהות און תוקף, אז ער ליגט אין דעם אינגנאצן, וואס דאס איז בכחו של כל או״א מישראל - צו נעמען זיך אליין אינגאנצן (״לקח את עצמו״), נעמען כל עצמותו (ובמילא אלע כחות וואס ער פארמאגט), און דאס אינגאנצן אריינלייגן אין עבודת ה׳.

און דער כח וואס א איד האט אויף דעם (וואס דערפאר קען ער און סיי ביי אים דארף זיין ״לקח את עצמו״) איז דערפון וואס ער איז ״בן יצהר בן קהת בן לוי״ [און דערצו - אויך ״בן יעקב״ (״בן ישראל״), ווי רש״י איז מוסיף, אבער ס׳איז געווג ״בן לוי״], מלשון ״ילוה אישי אלי״[8].

ולהוסיף אז דאס איז אויך נרמז אין טענת קרח וועגן ״טלית שכולה תכלת״ (ווי רש״י ברענגט דערנאך), ווי מפרשים זיינען מסביר[9], אז יעדער איד איז ווי א ״טלית שכולה תכלת״ (און קרח האט גע׳טענה׳ט אז כשם ווי א טלית שכולה תכלת דארף ניט אנקומען צו ציצית, אזוי אויך אידן, וואס ״כל העדה כולם קדושים״[10], דארף ניט אנקומען צו קדושת אהרן, און במילא ״מדוע תתנשאו על קהל ה׳״[10]). וואס דערפון האט מען דעם לימוד למעליותא, אז יעדער איד איז ווי א ״טלית שכולה תכלת״, זייענדיק ״בן לוי״, און דערפאר האט ער בכח אויף ״לקח את עצמו״.

ד. דערביי דארף מען אבער אנקומען צו דער באווארעניש פון ענין החינוך, צו באווארענען אז עס זאל ניט ווערן ח״ו ״לקח את עצמו לצד אחד״ ווי ס׳איז געווען בא קרח.

ווי א קינד זעט עס בא זיך אליין, אז אע״פ וואס ער איז ״בן לוי״, א ״טלית שכולה תכלת״, און זיינע עלטערן האבן אים ליב, כרחם אב על בנים (ועד״ז בנוגע לאמו) - איז בשעת ער וויל זיך צורירן צו א זאך וואס קען אים שאטן (א הייסע זאך לדוגמא) גיט מען אים אויפן האנט, אדער מ׳לאזט ניט אז ער זאל דאס קענען אנרירן.

ה. ובהמשך לזה איז כאן המקום צו נאכאמאל דערמאנען וועגן דעם מצב החינוך פון אידישע קינדער, וואס בעו״ה זיינען פאראן

8) ויצא כט, לד. 9) גו״א לפרש״י כאן. ועוד. 10) פרשתנו טז, ג.

הונדערטע טויזנטער אידישע קינדער, כולל אין ארץ הקודש, וועלכע באקומען ניט קיין אידישן חינוך, ביז אז עס זיינען פאראן א ריבוי גדול וואס ווייסן אפילו ניט אז ס׳איז א מצב פון פקו״נ ממש.

וואס כאטש אז עס זיינען פאראן אין ארץ הקודש די וואס רופן זיך מפלגות דתיות און אנשים דתיים וכו׳, און זיי טוען גוטע זאכן און גרויסע זאכן, און וועלן באקומען אויף דעם שכר, ש״י עולמות וכו׳ - אבער בנוגע צו דעם מצב החינוך איז זינט מען האט וועגן דעם גערעדט לעצטן מאל האט זיך בעו״ה גארניט געריירט פון ארט, עכ״פ לויט די ידיעות וואס זיינען אהערצו אנגעקומען.

עס זיינען פאראן אזוינע וואס האבן אפשר מחליט געווען מאכן אן אסיפה, און צווישן זיי - אזוינע וועלכע האבן שוין געמאכט אן אסיפה (אדער אסיפות), און צווישן זיי - אזוינע וועלכע האבן מחליט געווען אז מ׳דארף נאך אן אסיטפה, ביז אזוינע - וועלכע האבן שוין מחליט געווען אז מ׳דארף גיין למקום פלוני און דארטן אויפטאן מיט אידישע קינדער בענין החינוך.

אבער לאחרי די החלטה איז מען דערווייילע ביז היינט נאך ניט געגאנגען בפועל צו דעם מקום פלוני, אפילו אויב ס׳איז שוין געווען ״מתניכם חגורים נעליכם ברגליכם גו׳״[11]!

און דער עיקר איז דאך ״טאפארו דא פלאחו״, מ׳זאל גיין צו דעם גולם עץ (פלאחו) און אויף דעם ארויפלייגן דעם ״טאפארו״, און מאכן דערפון א כלי ודירה לו ית׳.

ו. אין היינטיקן שיעור רמב״ם ענדיקט מען אין הל׳ ביאת המקדש און מ׳הויבט אן הל׳ איסורי מזבח.

און דער קשר ביניהם דארף מען ניט זוכן, עס שטייט בגלוי - איןביידע הלכות (סוף הל׳ ביאת המקדש וריש הל׳ איסורי מזבח) רעדט זיך וועגן דיני שחיטה.

אין דעם געפינט מען אבער לכאורה א סתירה צווישן סוף הל׳ ביאת המקדש און ריש הל׳ איסורי מזבח:

אין הל׳ ביאת המקדש[12] שרייבט דער רמב״ם: ״שחיטת הקדשים כשרה בזרים, אפילו קדשי קדשים..מקבלה ואילך מצות כהונה״.

[און אפילו להדיע[13] אז שחיטת פר יוהכ״פ דארף זיין דוקא ע״י

---

11) ל׳ הכתוב - בא יב, יא. 12) פ״ט ה״ו.

גדול[13] - הכה״ג און ניט ע״י זר - איז דאס ניט נוגע לנדו״ד, ווייל (נוסף לזה אז לדעת הרמב״[14] איז שחיטת הפר ביוהכ״פ כשרה בזר, איז אפילו לדיעה אז ס׳דארף זיין דוקא ע״י הכה״ג) קען מען זאגן אז דאס איז ניט מצד דעם חסרון אין דעם זר, נאר מצד קדושת היום (פון יוהכ״פ), וואס כל עבודות פון יום זה זיינען בכהן גדול[15], ד.ה. אז דאס טוט אויף א חיוב הגברא (דער כהן גדול), אבער ניט מצד דער עצם חפצא פון שחיטת הקרבן].

אבער אין ריש הל׳ איסורי מזבח שרייבט דער רמב״ם[16]: ״השוחט בעל מום לשם קרבן לוקה שהרי נאמר בבעלי מומין לא תקריבו אלה לה׳[17], ומפי השמועה למדו שזה אזהרה לשוחט״. וואס דערפון קומט אויס אז שחיטה איז ניט א פרט והקדמה צו הקרבת הקרבן (וואס דעמולט וואלט געווען מובן פארוואס שחיטה כשרה בזר), נאר א חלק פון דין קרבן. ווערט די שאלה: לפי״ז - פארוואס איז דאס כשרה בזר? ולאידך: אויב מקבלה ואילך מצות כהונה - פארוואס לוקין הזר צוליב ״לא תקריבו אלה לה׳״?

ז. ויש לומר דער לימוד אין דעם - עכ״פ בפנימיות הענינים, אין ״והחי יתן אל לבו״ - אז דער ענין פון שחיטה (אין עבודת ה׳) איז נוגע צו כל ישראל, דערפאר איז שחיטה כשרה בזר:

תוכן עבודת השחיטה איז - ״אין ושחט אלא ומשך״[18], ד.ה. צו מושך און מעלה זיין דעם בעל חי אז ער זאל זיין מוכשר להקרבת קרבן אדער למאכל אדם, ביז אז ער ווערט דם ובשר כבשרו, וואס דורך דעם ווערט ער נתעלה פון דרגת חי צו דרגת מדבר.

וואס דאס איז אויך דער ביאור אין דעם היתר השחיטה בכלל, דלכאורה איז דאס אינגאנצן ניט מובן: צער בעלי חיים איז אן עיקר אין תורה [ביז אז לדעת הרמב״ם אין מו״נ[19] איז דאס מן התורה], ועאכו״כ שפיכות דמים פון א בעל חי[20], וואס אויך ביי א בעל חי זאגט מען ״הדם הוא הנפש״ (און דערפאר איז דא דער איסור אכילת דם)[21], און דערפאר האט אדם הראשון ניט געמעגט עסן בשר [און נאר לאחרי הירידה והמבול כו׳, איז געווארן דער היתר לנח צו עסן בשר[22], אבער אויך דעמולט - איז אסור אבר מן החי ודם מן החי[23] מצד אכזריות] - איז ווי קומט עס אז תורה

---

13) יומא מב, א ואילך. 14) רמב״ם הל׳ פסולי המוקדשין פ״א ה״ב. 15) רמב״ם הל׳ עבודת יוהכ״פ פ״א ה״ב. וראה גם תוד״ה משום - יומא כ, סע״ב. 16) פ״א ה״ד. 17) אמור כב, כ-כב. 18) חולין ל, ב. 19) ח״ג פי״ז. וראה שבת קכח, ב. ב״מ לב, ב. שו״ע אדה״ז או״ח סש״ה סכ״ו. שד״ח כללים מע׳ צער בע״ח. וש״נ. 20) ראה נח ט, ה. 21) ראה יב, כג. 22) נח שם, ג ובפרש״י. 23) שם, ד ובפרש״י.

זאל מתיר זיין ענין השחיטה והריגת בעל חי?!

איז דער ביאור אין דעם, ווייל דורך שחיטה ווערט "ומשך" - אן עלי׳ אין דעם בעל חי, אז ער ווערט דורך דעם מוכשר צו נתעלה ווערן בדרגת המדבר, און זיין דם ובשר כבשרו.

און דערפאר מאכט מען אויך א ברכה אויף שחיטה[24], מצד דעם ענין חיובי שבזה - משא״כ אויף אן ענין של פורענות (און די תוצאות דערפון - ווי עניני רפואה) מאכט מען ניט קיין ברכה[25].

ח. ויה״ר אז עס זאל מקויים ווערן בשלימות די תפלה וברכה פון דעם בעל הגאולה בשיחת ג׳ תמוז "נושאים אנו תפלה להשי״ת - יהי ה׳ אלקינו עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו אל יעזבנו ואל יטשנו כו׳" - ווי ס׳וועט זיין בתכלית השלימות בגאולה האמיתית והשלימה, ווען דער אויבערשטער וועט אונז ארויסנעמען פון גלות (כהמשך שיחה הנ״ל).

וואס דאס איילט מען צו נאכמער דורך מעשינו ועבודתינו איצטער[26], ובפרט אז ס׳איז דא דער "טועמי׳ חיים זכו" פון די גילויים דלע״ל, כולל ובמיוחד - אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה, ובפרט - מתוך שמחה של מצוה.

דערפאר איז איצטער דער זמן המתאים אז די וואס האבן צו-געשטעלט משקה המשמח בקשר מיט שמחה של מצוה ושמחה פארבונדן מיט א מסיבה בענין הפצת המעינות חוצה וכו׳ - זאלן איצטער ארויפגיין אויבן און מכריז זיין דעם וועגן דעם זמן ומקום וכו׳ צו דעם עולם, ארויפגיין סיי בפשטות, און בעיקר - נתעלה ווערן בא זיך אליין, ווארום בכדי מ׳זאל קענען רעדן צו א רבים דארף אין זיך אליין ווערן אן עלי׳, ביז אן עלי׳ אין "עצמו", עצמותו (כמדובר לעיל דער פירוש אין "לקח את עצמו").

און דאס אלץ וועט נאכמער צואיילן די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמולט וועט מען טאן די אלע עבודות בתכלית השלימות - ושם נעשה לפניך כמצוך רצונך, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה - התחיל כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן "והריקותי לכם ברכה"].

* * *

---

24) רמב״ם הל׳ שחיטה פ״א ה״ב. טושו״ע רסי״ט. 25) ראה רמ״א יו״ד סכ״ח ס״ב. וש״נ. ועוד. 26) תניא רפל״ז.

ט. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר בפרשתנו[27] איז ער מבאר אז אין זהר פרשתנו שטייט אז בא קרח זיינען געווען צוויי חטאים: א) ״קרח בעי למעבד חלופא דימינא לשמאלא״, ד.ה. כהונה (״אהרן ימינא״) און לוי׳ (״ליואי שמאלא״), און ב) ״ולא עוד אלא דאשתכח בי׳ לישנא בישא״.

און ער איז מבאר: ״היינו מה שרצה לעשות חילופא דימינא לשמאלא, הוא הפגם בז״א, שז״א הוא בחי׳ ימין וראשיתו חסד, עננא דאהרן כו׳, ולא עוד אלא דאשתכח בי׳ לישנא בישא, הוא שפגם גם במלכות, שמל׳ הי׳ בחי׳ פה דיבור כו׳״.

דער לימוד דערפון אין עבודת ה׳ - ״והחי יתן אל לבו״:

ביי א איד דארף זייןביידע עבודות (לתקן די צוויי חטאים פון קרח) - די עבודה בבירור המדות (ז״א), וואס איז כולל כל הענינים וכל כחות האדם, אנהויבנדיק פון מדת החסד (כהן איש החסד), דאזיל עם כולהו יומין[28], וואס אין דעם באשטייט עיקר עבודת האדם (בזמן הזה), כמבואר בד״ה אל תצר את מואב, ומרומז אויך אין ספר תניא קדישא; און דערנאך דארף זיין דער עיקר עבודה - אין מעשה בפעול (אין ספירות - ספירת המלכות), וואס אע״פ אז מעשה (מלכות) איז מקבל פון די מדות (ז״א), איז זי אבער דער עיקר ותכלית העבודה - המעשה הוא העיקר.

י. לויט דעם ״יש נוהגין״ (ווי דער אלטער רבי שרייבט בסידורו) צו זאגן פרקי אבות אויך בכל שבתות הקיץ - זאגט מען דעם שבת פרקי רביעי [וואס דאס איז דער צווייטער מאל בשנה זו וואס מ׳לערנט דעם פרק], וועלכע הויבט זיך אן: ״בן זומא אומר איזהו חכם הלומד מכל אדם שנאמר[29] מכל מלמדי השכלתי כי עדותיך שיחה לי״.

וואס דאס איז ווי די גירסא אין משנה ווי דער אלטער רבי ברענגט עס אין די פרקי אבות געדרוקט בסידורו; משא״כ אין אנדערע גירסאות שטייט נאר התחלת הכתוב ״מכל מלמדי השכלתי״ (אן דעם סיום ״כי עדותיך שיחה לי״).

ולהעיר פון דעם וואס שטייט אין שער הכולל[30], אז ״אפשר שמזה הטעם (וואס עס זיינען דא שינויי נוסחאות אין משניות) הדפיסם (די משניות פון פרקי אבות) אדמו״ר בסדור״, און זיך ניט מסתפק געווען נאר מיט שרייבן אז נוהגין צו זאגן פרקי אבות, און זיך פארלאזן אז מ׳זאל אליין זאגן דאס פון משניות [במכ״ש דערפון

27) ע׳ שעח ואילך. 28) ראה זח״ג קג, ב. קצא, ב. לקו״ת האזינו עו, ב. ועוד. 29) תהלים קיט, צט. 30) פ״ל ס״ג.

וואס אפילו אין סדר התפלה (בנוגע צו רצה ומודים בתפלת מוסף לשבת וכיו״ב) אין סידור צייכנט דער אלטער רבי צו ״תמצא בשחרית״, בפשטות - בכדי פארשפארן מקום שלא לעכב ההדפסה וכו׳, אבער ס׳איז ידוע הגהת אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע[31], אז ״אפשר יש בזה איזה כוונה כי גבהו דרכיו כו׳, בודאי יש בזה כוונה מיוחדת״], איז עאכו״כ אז ער האט ניט געדארפט מעתיק זיין אין סידור די משניות פון פרקי אבות, וואס איז ניט קיין חלק פון תפלה, נאר וויבאלד אז עס זיינען דא די שינויי נוסחאות וגירסאות, האט דאס דער אלטער רבי מעתיק געווען לויט זיין נוסח וגירסא.

דארף מען פארשטיין: א) פארוואס דארף מען בכלל אנקומען צו א ראי׳ פון פסוק? ב) פארוואס איז דער אלטער רבי מעתיק די גירסא אויך מיט סיום הכתוב (״כי עדותיך שיחה לי״), און ניט ווי אין אנדערע גירסאות במשנה (כגירסת הרע״ב ועוד) וואו עס שטייט נאר התחלת הכתוב? ג) וואס איז די שייכות פון דעם מאמר מיט דעם בעל המאמר - בן זומא?

יא. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים הביאור אין דעם נאמען ״בן זומא״:

מפרשים זאגן[32] אז דער טעם אויף דעם נאמען ״בן זומא״ איז - ״לפי שלא האריך ימים ולא נסמך שיקרא רבי [ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין[33] ״היושבין לפני חכמים שמעון בן עזאי ושמעון בן זומא כו׳״, ״לא באו לזקנה״[34]] היו קורין אותו על שם אביו, וכן בן עזאי, ושניהם שמם שמעון״.

[וצריך עיון פון דעם וואס שטייט במ״א אז בן עזאי האט מאריך ימים געווען (ניט נאר שבעים שנה און ק״כ שנה, נאר קל״ג שנה). וצריך להבין ווי קען זיין א מחלוקת במציאות. ויש לומר בדוחק, אז די מאמרים וואו ער ווערט אנגערופן ״בן עזאי״ האט ער געזאגט ווען ער איז נאך געווען בגיל צעיר איידער ער האט באקומען סמיכה (אויב ער האט דערנאך באקומען סמיכה)].

דערפון קומט אויס, אז אין בן זומא איז געשטאנען בגלוי ווי ער איז א **מקבל**, א תלמיד היושב לפני חכמים, און האט ניט געהאט די מעלה וחשיבות פון סמיכה[35], ביז אז ער (און זיין מאמר אין

---

31) נדפסה בהוספות לסידור עם דא״ח שכ, סע״ד ואילך. 32) רע״ב, פרש״י ומח״ו כאן. 33) יז, ב ובפרש״י שם. 34) רש״י ומח״ו שם. 35) ראה סנהדרין יד, א.

משנה) ווערט אפילו ניט אנגערופן על שמו, נאר על שם אביו (בן זומא).

ולהוסיף, אז אויך אין זיין נאמען ״שמעון״ איז מודגש די דרגא פון עבודה בבחי׳ שמיעה, וואס איז למטה מבחי׳ ראי׳[36], און שמיעה איז די עבודה פון יראה וקבלת עול (בערך לראי׳), כנגד פרשה שני׳ דקריאת שמע (״והי׳ אם שמוע״), וואס דאס איז דער סדר העבודה בזמן הזה [כידוע אז משה האט געוואלט ממשיך זיין אין אידן בחי׳ ראי, ובפועל איז אין זיי נמשך געווארן בעיקר בחי׳ שמיעה[37]].

ועפ״ז יש לומר דער קשר פון דעם מאמר ״איזהו חכם הלומד מכל אדם״ מיט **בן זומא** (דער בעל המאמר): דער תוכן פון ״איזהו חכם הלומד מכל אדם״ - וואס באווייזט אויף דער ביטול בבחי׳ מקבל צו זיך אפלערנען פון יעדער מענטש - איז מודגש בא בן זומא, וועלכער איז געווען א תלמיד היושב לפני חכמים; און דאס איז א חלק פון דער לימוד אין משנה:

בכדי אז ביי א איד זאל זיין דער אמת׳ער הרגש פון ״איזהו חכם הלומד מכל אדם״ דארף ער שטיין אין א דרגא פון ״בן זומא״, בתכלית הביטול.

איינער קען טענה׳ן, אז ער איז א גרויסער ראש ישיבה וכו׳, איז ווי קומט עס אז ער זאל זיך אפלערנען מכל אדם?! זאגט מען אים, אז ער דארף געדענקען אז ער איז אמאל געווען יונג און ער האט נאך ניט באקומען סמיכה (בדוגמת בן זומא), און מ׳האט אים גערופן ניט על שמו נאר על שם אביו! און אויך איצטער איז ביי יעדער איד פאראן ענינים אין וועלכע ער איז בדרגא זו - דעריבער דארף ביי אים זיין דער ״לומד מכל אדם״.

יב. ועוד יש לומר (בהקשר צווישן בן זומא מיט זיין מאמר ״איזהו חכם כו׳״):

בן זומא איז געווען איינער פון די ד׳ שנכנסו לפרדס (צוזאמען מיט רבי עקיבא, בן עזאי און אחר)[38], אבער ביי אים איז דאס געווען באופן פון עלי׳ וכניסה בלבד (ניט ווי רבי עקיבא וואס ״נכנס בשלום ויצא בשלום״). מ׳דארף אבער זאגן אז ביי אים איז אויך סו״ס צוגעקומען א תיקון ועלי׳ כו׳ (אז ער זאל האבן אויך מעין די מעלה פון יציאה בשלום), במכ״ש דערפון

---

36) ראה תו״א ר״פ ויחי. 37) לקו״ת ר״פ ואתחנן. שעה״ת לאדהאמ״צ חינוך ח״ב. ובכ״מ. 38) חגיגה יד, ב.

וואס אפילו בנוגע צו אחר שטייט אז רבי מאיר האט געזאגט ״תוכו אכל וקליפתו זרק״, און נאכמער - ער האט זיך משתדל געווען מעלה זיין אחר, ביז אז סו״ס האט מען אים מעלה געווען[39].

ויש לומר אז דערפאר איז ער מדגיש דא אין משנה אויך די ירידה ויציאה למטה - מ׳זאל זען און זיך לערנען פון דער מעלה אין ״כל אדם״, אדם אתם, ביז א איד וואס געפינט זיך למטה.

יג. און דערנאך איז בן זומא ממשיך - מיט דער ראי׳ פון פסוק, ״מכל מלמדי השכלתי״, וואס יש לומר אז דאס איז מוסיף, אז דער ענין האט ניט נאר דער תוקף פון תושבע״פ, נאר אויך פון תושב״כ, וואס אויך הצדוקים מודים בזה, ונפק״מ בפועל בנוגע צו א זקן ממרא[40].

[ויש להוסיף ע״ד הרמז אויך די שייכות מיט דעם אלטן רבי׳ן, וואס ער איז גורס אז אין משנה שטייט דעם גאנצן פסוק (אויך דער סיום ״כי עדותיך שיחה לי״) - וואס שמו איז ״שניאור״, וואס איז מרמז אויף די שני בחי׳ אור, תושב״כ ותושבע״פ[41], ע״ד ווי אין דער גירסא במשנה אז עס ברענגט זיך סיי דער מאמר פון בן זומא בתושבע״פ, און סיי די ראי׳ פון דעם פסוק שלם בתושב״כ].

ויש לומר אז דער פסוק גיט אויך צו א הוספה אין תוכן המאמר (״איזהו חכם הלומד מכל אדם״):

אין דעם מאמר (בתושבע״פ) שטייט נאר אז מ׳באקומט חכמה (״איזהו חכם״) איז דורך ״לומד מכל אדם״; דער פסוק ״מכל מלמדי השכלתי״ גיט צו אז דאס איז אויך מוסיף אין ״השכלתי״ - אין דעם כח המשכיל, דער שרש ומקור החכמה והשכל.

יד. און דערנאך איז ער ממשיך (לגירסת אדה״ז) - ״כי עדותיך שיחה לי״, וואס דאס איז מוסיף, אז דער לימוד מכל אדם (אלס ״עדותיך״) דארף זיין אין אן אופן אז דאס ווערט ״עדותיך שיחה לי״, די שיחה הרגילה פון דעם מענטשן וועלכע קומט אן א יגיעה (ניט ווי א לימוד עמוק), ביז אז דאס ווערט זיין שיחת חולין,

און דאס איז דערפאר וואס עס רעדט זיך וועגן ״עדותיך״, ניט א דבר שבשכל, נאר אן ענין של עדות וואס איז מעיד ומגלה ווי

39) שם טו, ב. 40) ראה רמב״ם הל׳ ממרים רפ״ג. 41) בית רבי ח״א פכ״ה הערה י.

די זאך איז לאמיתיות באופן ברור ומוחלט.

ויש להוסיף ולבאר הלשון פון ״שיחה לי״, ע״ד דברי חז״ל[42] אז ״אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה תלמוד״, ווארום בא זיי איז ״עדותיך״ (תורה) געווארן ״שיחה לי״, זייער שיחה הרגילה ביז אין שיחת חולין, און דעריבער צריכין לימוד פון שיחת חולין של תלמידי חכמים (וכל בניך לימודי ה׳[43]). ד.ה. אז מ׳דארף זיך אפלערנען ניט נאר פון תורתם, נאר אויך פון זייערע שיחת חולין.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו די ״שיחות״ פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, אז אפילו ווען ער האט געזאגט א זאך וואס איז לכאורה געווען שיחת חולין (בערכו), בשעת מ׳איז געגאנגען אויף א שפאציר, אדער דרך אגב וכיו״ב - איז שוין געקומען די צייט אז מ׳זאל וויסן אז וויבאלד דאס איז א ווארט פון נשיא דורנו, איז ניט נאר וואס צריכה לימוד, נאר דאס איז א לימוד על מנת לעשות.

לדוגמא: בשעת נשיא דורנו האט ״ארייגעווארפן״ א ווארט (בשעת א שפאציר אדער דרך אגב וכיו״ב) וועגן טאן אין הפצת המעינות חוצה - דארף דערפון זיכער זיין א לימוד, וואס זאל ברענגען אז מ׳זאל טאן בפועל ממש אין הפצת המעינות חוצה!

טו. ויה״ר אז דאס זאל נאכמער צוגעבן אין דער עבודה וואס איז מגלה ״עדותיך״ דא למטה, אין עולם מלשון העלם והסתר און חושך הגלות, ביז באופן אז דאס ווערט ״שיחה לי״, ואדרבה - דוקא אין דעם חושך ווערט נתגלה בחי׳ ״ישת חשך סתרו״[44].

ביז מ׳קומט גלייך צו דער גאולה האמיתית והשלימה, וואס דעמולט וועט זיין די עבודה בתכלית השלימות כמצות רצונך,

און ס׳וועט מקויים ווערן דער יעוד אז הלוים יהיו כהנים, וואס אני חלקך ונחלתך, ותיכף ומיד ממש.

* * *

טז. מ׳וועט מסיים זיין מיט אן ענין של מעשה בפועל, בכדי באווארענען אז מ׳זאל ניט זיין ווי א צופעשצעטער בן יחיד, און גלייך מיר ארייגשיקן ״ידידות-בריוולעך״, אדער פרעגן דורך א

42) ע״ז יט, ב. סוכה כא, ב. 43) ישעי׳ נד, יג. 44) תהלים יח, יב.

שליח: וואס איז געווען מיין כוונה, און וואס דארף מען טאן, און צי מ׳קען אויף דעם מאכן א שליח בנו הקטן ובתו הקטנה וכו׳ וכו׳ - טייטשט מען אויס קלארערהייט די הוראה אין מעשה בפועל:

שטייענדיק בג׳ תמוז, דארף מען אנהויבן מאכן די אלע הכנות צו י״ב-י״ג תמוז, אז מ׳זאל מאכן התוועדויות בכל מקום ומקום, וברב עם, באופן פון הקהל האנשים והנשים והטף (כמובן - מיט מחיצות מפני הצניעות, אבער ניט א מחיצה המפסיקה ח״ו, נאר א מחיצה המחברת לאבינו שבשמים),

און מאכן די התוועדויות אנהויבנדיק נאך פון ג׳ תמוז, און די כוונה איז צו ג׳ תמוז שנה זו, שנת תישמח ותשמח (זיך אליין משמח זיין און משמח זיין אנדערע אידן), ועד״ז אין די ימים שלאחרי זה, ובפרט בימי הקריאה (וימי הכניסה), און אין דעם שבת שלאח״ז, ועאכו״כ בי״ב-י״ג תמוז עצמו, און אין דעם שבת שלאחרי י״ב-י״ג תמוז.

ובפרט אז בשנה זו איז דער שבת (לאחרי י״ב תמוז) דוחה דעם צום הרביעי, וכדברי כ״ק מו״ח אדמו״ר: הלואי אז ער זאל נדחה ווערן באמת (און נאכמער) ויהפך לששון ולשמחה, ע״ד הואיל ונדחה ידחה[45] לעד ולעולמי עולמים, ביז יהפכו ימי אלה לששון ולשמחה ולמועדים טובים,

והולך והוסיף ואור, ביז אור עולם על ראשם, ומתוך שמחה וטוב לבב.

אח״כ צוה להש״צ שי׳ לנגן ״יה״ר כו׳ שיבנה ביהמ״ק כו׳״.

אח״כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

———— * ————

45) מגילה ה, ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לעילוי נשמת

ר' **מאיר** ב"ר **אברהם פסח** ע"ה

קירשענבוים

נפטר ג' תמוז ה'תשמ"ב

*

נדפס ע"י בנו

הרה"ת ר' **אברהם חיים** וזוג' מרת **רחל**

בניהם ובנותיהם: **אהרן יוסף, רבקה, מרדכי, אסתר זלטה,**

מנחם מענדל, שניאור זלמן, דבורה לאה שיחיו

קירשענבוים

הכתובת להשיג ה"הנחות"

באה"ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי"צ) ת.ד. 23 כפר חב"ד טל. 03-9606887

בחו"ל: VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213

TEL. (718) 774-6448

שיחת
ש״פ חקת, י׳ תמוז
ה׳תשמ״ח



הנחה פרטית בלתי מוגה



יוצא לאור על ידי
״ועד הנחות התמימים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ושמונה לבריאה
שנת הקהל

מפתח

בס"ד. משיחות ש"פ חוקת,
יו"ד תמוז ה'תשמ"ח.

א. היינט איז דער שבת צווישן ג' תמוז[1] און י"ב-י"ג תמוז[2] - דער חג הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, ווען ער איז באפרייט געווארן (אין שנת תרפ"ז) פון דעם מאסר און גלות[3] אין וועלכן מ'האט אים איינגעזעצט צוליב זיין עבודה אין "הרבצת התורה וחיזוק הדת"[4] במדינה ההיא.

און דאס איז געווען ניט קיין גאולה פרטית פאר אים אליין, נאר ווי ער שרייבט אין זיין באוואוסטן בריוו[5] (לחגיגת י"ב תמוז הראשונה)[6], אז "לא אותי בלבד גאל הקב"ה בי"ב תמוז, כי אם גם את כל מחבבי תורתנו הקדושה, שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה".

און דערפאר שרייבט דער בעל הגאולה אז ס'איז ראוי צו באַשטימען דעם טאג, "יום חג גאולת ישראל העוסקים בהרבצת התורה", פאר אלע אידן "ליום התועדות והתעוררות לחיזוק התורה והיהדות בכל אתר ואתר לפי ענינו כו', להוסיף אומץ בהרבצת התורה והחזקת היהדות כו'".

והימים האלה נזכרים ונעשים[7] - ווען עס קומען די ימי הגאולה מדי שנה בשנה, ווערט נאכאמאל באנייט דער כח וואס די גאולה האט אריינגעגעבן צו יעדער אידן אין זיין עבודה בהרבצת התורה והמצוות וחיזוק היהדות, יעדער איד באקומט דעמולט נייע כחות צו אויסגעלייזט ווערן פון זיין "מאסר" פרטי און "גלות" פרטי וואס שטערט אים צו מרביץ זיין תורה ויהדות בא זיך און בא די ארום זיך. און דערפאר דארף יעדער איד זיך דעמולט פון-דאס-ניי דערמאנען און אריינטראכטן אין פרשת הגאולה,

---

1) ובפרט ששבת זו היא שבוע שלם, שבעת ימי ההיקף לאחרי ג' תמוז (שהי' בשבת שעברה), ששבוע כולל כל שינויי הזמן (מיום ראשון עד יום השבת), כמובן גם מזה שביום השבת היא העלי' (דכל ימי השבוע) לבחי' שלמעלה מהזמן, ואח"כ מתחיל היקף חדש, ולכן אומרים היום יום ראשון בשבת, יום שני וכו', אף שכבר עברו רבבות ימים מששת ימי בראשית עד עתה (לקו"ת שה"ש כה, סע"א. ועוד).

2) דמשבת זו מיני' מתברכין כולהו יומין (זח"ב סג, ב. פח, א), ובפרט הימים זכאין דשבוע הבא.

3) ביום ג' תמוז יצא כ"ק מו"ח אדמו"ר מבית האסורים על מנת ללכת בגלות לעיר מקלט, וביום י"ב תמוז נתבשר שחופשה ניתנה לו (גם מגלות בעיר מקלט), וניתנה לו תעודת השחרור למחרתו - יום י"ג תמוז.

4) ל' המכתב שבהערה הבאה.

5) נדפס בסה"מ תרפ"ח ע' קמו. תש"ח ע' 263. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' פ.

6) בשנת תרפ"ח - לפני ששים שנה. - ולהעיר מחנוכה שלשנה אחרת קבעום כו' (שבת כא, ב).

7) ל' הכתוב - אסתר ט, כח. וראה ס' תיקון שובבים להרמ"ז הובא בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט.

על מנת אז דורך דעם און דערפון זאל זיין ״ונעשים״ - במעשה בפועל.

ואדרבה - בכל שנה ושנה דארף אין דעם צוקומען א הוספה ועלי׳ (מעלין בקודש[8]), ביז באופן פון תוספתו מרובה על העיקר[9].

ב. דארף מען פארשטיין:

דער בעל הגאולה שרייבט אז די גאולה איז אויך פאר אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״ (״כי כל איש ישראל, מבלי התחשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצות, לבו תמים עם ה׳ ותורתו״), ד.ה. אזא איד וואס מיינט אז דער נאמען ״ישראל״ איז פאר אים בלויז א כינוי, ווארום בגלוי האט ער (דערווילע) קיין שייכות ניט צו תורה ומצוות.

שטעלט זיך די שאלה: וואס האט די גאולה אין אים אויפגעטאן[10]?

בא מרביצי תורה (בכל מקום[11]) - האט די גאולה זיי געגעבן א נייעם כח צו מרביץ זיין תורה, כנ״ל, אבער אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״ האט דאך קיין שייכות ניט צו הרבצת התורה, איז וואס האט אין אים אויפגעטאן[12] די גאולה[12*]?

איז דערפון גופא פארשטאנדיק, אז די גאולה האט אויפגעטאן [נוסף צו דעם פרט פון חיזוק הרבצת התורה (די תוצאה פון אבער - נאך דער גאולה), וואס איז שייך נאר צו מרביצי תורה - אויך] אן ענין כללי אין אלע אידן - סיי אין מרביצי תורה (בנוגע זייער עבודה פון הרבצת התורה) און סיי אין אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״.

לאידך גיסא איז פארשטאנדיק: וויבאלד אז די גאולה איז אין דעם ענין פון הרבצת התורה והיהדות (ווי דער לשון אין בריוו: ״חג גאולת ישראל העוסקים בהרבצת התורה״) האט

8) ברכות כח, א.

9) שהרי נצטוו ישראל ״והלכת בדרכיו״, ודרך הנהגתו (ברכתו) של הקב״ה הוא באופן דתוספתו מרובה על העיקר (ב״ר פס״א, ד).

10) דמה שנאמר בהמכתב ״כי כל ישראל כו׳ לבו תמים כו׳״ - ה״ז רק ביאור השייכות דגאולה בהרבצת התורה גם למי ״אשר בשם ישראל יכונה״; אבל אינו מבאר לכאורה פעולת הגאולה במי ״אשר בשם ישראל יכונה״. וראה הערה 13.

11) כמובן מלשון המכתב שי״ב תמוז הוא ״יום חג גאולת ישראל העוסקים בהרבצת התורה כו׳״, לא רק של המרביצי תורה במדינה ההיא (ששם נתברר ש״מותרת היא על פי חוקי המדינה״), כ״א גם המרביצי תורה בכל העולם.

12) דאף שברור הוא שגאולת נשיא הדור (שהנשיא הוא הכל - פרש״י פרשתנו כא, כא) שייכת לכל א׳ מישראל, אבל מ״מ מהו הפעולה בפועל דהגאולה במי אשר בשם ישראל יכונה?

*12) ואף שע״י הגאולה בהרבצת התורה והיהדות נעשה אפשרי (גם ע״פ חוק המדינה) להרביץ תורה ויהדות גם למי ״אשר בשם ישראל יכונה״ (ע״י יסוד חדרים, שיעורי תורה וכיו״ב) - הרי מלשון המכתב (״לא אותי בלבד גאל כו׳ כי אם גם כו׳״) מובן, שכל אחד נגאל בגאולה זו (ולא רק שהגאולה פועלת עליו באמצעות (הרבצת תורה של) אחרים).

די פעולה כללית פון דער גאולה (אויך צו אזא וואס "בשם ישראל יכונה") צוגעגעבן במיוחד אין דער עבודה פון הרבצת התורה, ביז אז דאס האט אויפגעטאן און ארינגעגעבן כח אז די וואס "בשם ישראל יכונה" זאלן סו״ס ווערן מרביצי תורה.

ג. וועט מען דאס פארשטיין לויט דעם וואס דער בעל הגאולה שרייבט אין בריוו, אז "כל איש ישראל, מבלי התחשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצות, לבו תמים עם ה׳ ותורתו" (און דערפאר איז די גאולה שייך צו יעדער איד)[13]:

דער עצם פון יעדער איד - דאס פינטעלע איד - איז אלעמאל פארבונדן מיט דעם אויבערשטן. א איד, ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסן פון אלקות[14]. ווי דער רמב״ם פסק׳נט[15], אז א איד בטבעו וויל מקיים זיין דעם אויבערשטן׳ס רצון.

אבער צוליב ירידת הנשמה בגוף גשמי, ובעולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו, ווערט אמאל באהאלטן (לפי שעה) די אמת׳ע מציאות ורצון פון א אידן, זיין עצמיות׳דיקער פארבונד מיטן אויבערשטן.

און כל זמן וואס "עולם כמנהגו נוהג", קען דאס בלייבן בהעלם. ביז אז אויך בנוגע צו א שומר תומ״צ, קען דעמולט זיין א מצב אז ער איז מקיים תומ״צ מיט זיינע כחות גלויים כו׳, אבער ניט דוקא מיט זיין עצם הנפש.

בשעת עס ווערט אבער א גזירה וכיו״ב וואס קען אנרירן ח״ו די אמונה פון א אידן, איז דער אלטער רבי מבאר אין תניא[16], אז דעמולט איז אפילו א קל שבקלים זיך מוסר נפש, ווארום דער נסיון פון קידוש השם איז מעורר זיין עצם הנפש.

ד. עד״ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם מאסר וגאולה פון י״ב תמוז:

די גזירה ומאסר וגלות בשנת תרפ״ז האט געשטעלט אין סכנה דעם המשך פון אידישקייט ר״ל, ווארום דאס איז געווען א העלם אויף כללות קיום והפצת התורה והיהדות פון נשיא הדור ובמילא פון אלע אידן (ווארום הנשיא הוא הכל), וואס אין דע איז תלוי קיום עם ישראל[16*].

---

13) ע״פ הביאור דלקמן יש לומר, שההוספה "שכל איש ישראל כו׳ לבו תמים עם ה׳ ותורתו" היא לא רק הסברה על זה שהגאולה (דהרבצת התורה כו׳) שייכת גם למי "אשר בשם ישראל יכונה" (כבהערה 10), כ״א גם הסברה <u>בפעולת</u> הגאולה בכל ישראל (גם במי אשר בשם ישראל יכונה) - לגלות אמיתית מציאותו, שגם בכחות ובחיצוניות שלו יהי׳ ניכר פנימיות לבבו, שלבו תמים עם ה׳ ותורתו.

14) "היום יום" כא סיון.

15) הל׳ גירושין ספ״ב.

16) פי״ח-יט.

*16) וכמאמר הרס״ג (האמונות והדעות מ״ג פ״ז) "אומתנו איננה אומה כי אם בתורתי׳".

דערפון איז פארשטאנדיק אז דורך דער גאולה - וואס האט אנטפלעקט "נודע גלוי לעין כל"[4] דער נצחון פון דעם אמת פון אלקות, אידן און תורה ומצוות[17], ועד כדי כך אז "מותרת היא על פי חוקי המדינה", ד.ה. אז דאס איז אמת (ניט נאר מצד התגברות הקדושה, נאר) אויך מצד גדרי וחוקי העולם - איז דורך דעם נתגלה געווארן דער עצם פון אידן, ווי זיי זיינען פארבונדן און זיינען איין זאך מיטן אויבער-שטן, און דורך דעם קשר עצמי זיינען אידן נצחיים בכל זמן ובכל מקום אזוי כביכול ווי דער אויבערשטער איז נצחי, כמ״ש[18] "אני ה׳ לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם".

וואס דאס איז דער אמת׳ער אינהאלט פון גאולה בכלל: גאולה מיינט אז עס ווערט אויסגעלייזט און אנטפלעקט די אמת׳ע מציאות פון דעם מענטשן וואס איז געווען אין גלות. אין גלות געפינט זיך דער מענטש ניט אין זיין (געוויינ-לעכן) ארט און מעמד ומצב, און במילא איז ער באגרעניצט און ער קען זיך ניט מתפשט זיין און זיך אויפפירן אין זיין נאטירלעכן שטייגער (מצד זיין פנימיות ועצם) ווי ער איז בא זיך אין זיין אייגענער שטוב. גאולה איז דער טייטש אז ער ווערט אויסגעלייזט פון די אלע הגבלות, און קומט צוריק צו זיין אמת׳ן און ריכטיקן מקום ומעמד ומצב, און במילא קען ער זיך אויסדריקן און אויפפירן בהתפשטות ובהרחבה, ווי ביי אים קומט אויס.

ובשעת עס רעדט זיך וועגן גלות פון א אידן, ועאכו״כ פון א נשיא בישראל בנוגע צו זיין עבודה כללית אלס מנהיג ישראל אין הרבצת התורה ויהדות, איז פארשטאנדיק אז דער גלות פאר-דעקט (לפי שעה) אויף דעם אמת פון אידן, תורה ומצוות און אלקות און אויף דעם קשר אמיתי צווישן אידן מיטן אויבערשטן (ווארום מצד זייער אמת׳קייט און נצחיות, האבן זיי געדארפט שטיין בגלוי בכל זמן ומקום, בלי שינויים);

און דורך דער גאולה - איז נתגלה געווארן דער עצמיות׳-דיקער פארבונד צווישן אידן מיטן אויבערשטן, כנ״ל.

ה. עפ״ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס די גאולה איז א גאולה פון אלע אידן, "לא אותי בלבד כו׳, כי אם את כל כו׳", ביז אויף אזא וואס "בשם ישראל יכונה":

בשעת אידן זיינען עובד עבודתם ע״ד הרגיל זיינען דא חילוקים צווישן זיי אין דרגת העבודה שלהם: מרביצי תורה, מחבבי תורתנו הקדושה, שומרי

17) ומובן שנוסף להצד השוה שבכל הגאולות (שע״י כולם נתגלה אמיתית הדבר), הרי כל גאולה מגלה בפרט האמת בענין זה שבו הי׳ המאסר והגלות, וכנדו״ד - ע״י גאולת י״ב תמוז נתגלה ("נודע גלוי לעין כל") האמת בדרך העבודה שחידש בעל הגאולה בהרבצת התורה וחיזוק היהדות.

18) מלאכי ג, ו.

מצוה, ביז אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״;

בנוגע אבער דעם עצם פון א איד, אין דעם זיינען אלע אידן גלייך.

עד״ז איז אויך פארשטאנדיק לאידך גיסא: אויב די גאולה לייזט ניט אויס אלע אידן, און עס זיינען דא אידן (ווי אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״) וואס בלייבן אין גלות - איז א ראי׳ אז דאס איז ניט קיין גאולה אמיתית (באמת לאמיתתו) וואס איז פארבונדן מיט דעם עצם התקשרות בין הקב״ה וישראל (ווארום מצד דעם קשר איז ״אני ה׳ לא שניתי ואתם בני יעקב (יעדער איד, אן אויסנאם) לא כליתם״).

ע״ד כביכול ווי דאס איז בנוגע צו דעם אמת פון דעם אויבערשטן אליין - ״אמיתת המצאו״ (ובפרט אז ״כל נמצאים לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו״[19]):

כשם ווי דער אמת פון דעם אויבערשטער איז ״לא שניתי״, און שלימות גילוי האמת פון ״אמיתת המצאו״ בכל הנמצאים איז דוקא בשעת דאס ווערט אנט-פלעקט און נעמט דורך יעדער פרט ופרט פון יעדער נמצא (ובלשון הכתוב[20] - אין עוד מלבדו), ווייל אויב ס׳איז דא נאך א מציאות (אמיתית) אין וועלכע ס׳איז ניט ניכר (דער אמת) אז זי נעמט זיך פון ״אמיתת המצאו״, איז אפילו אויב זי איז א מציאות טפלה, ווייזט עס אויף א ״שינוי״ אין דעם אמת פון ״אמיתת המצאו״ (אז דאס איז ניט אמת בכל מקום (מקום אויך מלשון מעלה) וענין, ווייל ס׳איז דא נאך א זאך וואס איז כביכול ״חוץ״ פון ״אמיתת המצאו״ ח״ו),

עד״ז איז אויך מובן בנוגע צו דעם ענין הגאולה - וואס ענינה איז גילוי ההתקשרות עצמית צווישן אידן מיטן אויבערשטן - אז אויב אפילו איין איד בלייבט אין גלות בא-ווייזט עס אז די גאולה איז ניט קיין גאולה אמיתית:

בחיי עם ישראל זיינען גע-ווען גאולות פון אן איש פרטי, פון א שבט אדער פון א חלק פון אידן. וואס זייענדיק א גאולה, האט דאס מגלה געווען דעם אמת פון דעם איש פרטי אדער שבט, אדער חלק א גאולה אין זייער תפקיד מסויים, אז זיי זאלן קענען פרייערהייט ובמילא בשלימות מקיים זיין זייער שליחות בעולם.

אעפ״כ רופט מען דאס ניט א גאולה אמיתית, ווייל דאס האט ניט אנגערירט, עכ״פ ניט אויס-געלייזט אלע אידן. משא״כ די גאולה העתידה ווערט אנגערופן ״גאולה האמיתית והשלימה״, ווייל דאס וועט זיין א גאולה פון אלע אידן (און-פון כל העולם כולו).

ויש לומר אז מעין זה איז

19) ל׳ הרמב״ם בריש ספר היד.
20) ואתחנן ד, לה.

אויך געוועזן בא דער גאולה פון י״ב תמוז[20*], וואס איז א גאולה פאר און פון אלע אידן (״לא אותי בלבד גאל כו׳ כי אם את כל כו׳״) - דאס האט מגלה געווען דעם אמת פון אלקות ותומ״צ בא יעדער איד, ביז אויך ביי אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״ - ״כי כל איש ישראל, מבלי התחשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצות, לבו תמים עם ה׳ ותורתו״.

ויש לומר, אז אזוי איז אויך בנוגע צו יעדער איד בפרט - אז די גאולה האט אים דורכ-גענומען אינגאנצן, אין אלע דרגות שבו, ביז אויך די דרגא שבו וואס ״בשם ישראל יכונה״, ובכללות - זיין גוף (וועלכע איז נדמה בחומריותו לגופי אוה״ע[21]) וואס אין אים געפינט זיך די נשמה אין ״גלות ממש״[22] - האט די גאולה אויפגעטאן, אז אויך אין דער דרגא (דער גוף) זאל נגאל ווערן און אנטפלעקט ווערן אמיתית מציאותו, ווי ער איז א כלי צו זיין נפש אלקית, ועד״ז אויך בנוגע צו אלע אנדערע דרגות אין עם, אזוי אז עס בלייבט ניט איבער א פרט ונקודה וואס איז ניט דורכגע-נומען מיט דער קדושה פון דער ג-טלעכער נשמה דורך תומ״צ (ע״ד ווי גערעדט פריער בנוגע צו דער גאולה פון אלע אידן אן אויסנאם, און בנוגע גילוי אמיתת המצאו אין כל הנמצאים).

ו. ע״פ הנ״ל איז פארשטאנדיק דער אויפטו פון דער גאולה אין אלע אידן, סיי מרביצי תורה, און סיי ביז אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״:

נוסף צו דעם וואס יעדער איד ווערט נגאל אין דער גאולה צוזאמען מיט נשיא הדור, האט די גאולה אויך אויפגעטאן אין יעדער איד בפרט (ניט נאר אין מרביצי תורה בנוגע צו חיזוק בעבודתם, נאר אויך אין אזא וואס ״בשם ישראל יכונה״):

די גאולה האט אויסגעלייזט און אנטפלעקט די אמת׳ע מציאות פון יעדער איד - זיין עצם הנשמה, וואס מצד דעם איז ״לבו תמים לה׳ ולתורתו״; און אין אזא אופן אז ער זאל האבן דעם כח צו נוצן און אראפברענגען גילוי פנימיות נפשו ולבבו לה׳ ולתורתו אין אלע זיינע כחות ולבושים ביז אין מעשה בפועל און הרבצת התורה והיהדות (ווי דער בעל הגאולה איז מדגיש במכתבו ווי די גאולה איז פאר-בונדן מיט הרבצת התורה והיהדות) - ווארום גילוי העצם באמיתית איז דוקא בשעת דאס נעמט דורך כל פרט ופרט פון דעם מענטשן (כנ״ל סו״ס ד).

און דעריבער האט די גאולה (גילוי העצם פון א אידן) אויפגעטאן א חידוש סיי בנוגע

---

*20) ולהעיר שכל עניני גאולה שייכים זל״ז -״כיון דשם גאולה עלה״ (פרש״י ד״ה אתחלתא - מגילה יז, ב), ועאכו״כ גאולת י״ב תמוז שהיא גאולה של כל בנ״י, כבפנים.

21) תניא פמ״ט (ע, א).

22) תניא פל״ז (מח, א).

צו אזא וואס "בשם ישראל יכונה" - אז ער זאל דערנאך האבן דעם כח צו אראפברענגען גילוי פנימיות נפשו ולבו אויך אין זיין עבודה במעשה בפועל מצד זיין גוף ונה"ב, דורך מגלה זיין רצונו האמיתי צו מקיים זיין דעם אויבערשטן'ס רצון ע"י לימוד התורה וקיום המצוות, ביז ער זאל סו"ס אליין ווערן א מרביץ תורה ויהדות; און סיי בנוגע צו א מרביץ תורה - אז זיין הרבצת התורה (וואס איז נתחזק געווארן אלס א תוצאה פון דער גאולה) זאל זיין ניט נאר מיט זיינע כחות הגלויים (וואס ד'עמולט איז ער נאך ניט אינגאנצן איין זאך מיט דעם), נאר אויך מיט זיין עצם הנפש, מיט מסירת נפש וכו', וואס דאס גיט צו אין דער עבודה פון הרבצת התורה און חיזוק הדת בא זיך אליין און במקומו הוא (בכל אתר ואתר לפי ענינו).

ז. לויט דעם ביאור הנ"ל (סעיף ה) וועט מען פארשטיין א סיפור בקשר מיט דער גאולה[23]: בשעת ס'איז אנגעקומען די בשורה וועגן דער גאולה בי"ב תמוז, איז געוועזן א חסיד וועלכע איז ארומגעגאנגען און געזונגען א ניגון אויף רוסיש וואס תוכנו איז "אין עוד מלבדו" ("ניעט ניעט ניקאווא קראמע יעווא אדנאווא"), און דאס איז נתפרסם געווארען

יעדער זאך איז דאך בהשגחה פרטית. דארף מען פארשטיין: וואס איז די שייכות פון דער גאולה בפרט מיט "אין עוד מלבדו"?

ויש לומר הביאור בזה:

יעדער גלות ווערט נשתלשל פון דעם ערשטן "גלות" (העלם) - וואס דאס איז דער כללות'דיקער ענין פון בריאת העולם, וועלכע איז געווארן דורך ריבוי השתלשלות מדרגא לדרגא וריבוי צמצומים והעלמות כו', ביז אז ס'איז באשאפן געווארן עולם מלשון העלם והסתר[24], ביז נאכמער - עולם הזה הגשמי וועלכע איז "מלא קליפות וסט"א"[25], און "כל מעשה עוה"ז קשים ורעים והרשעים גוברים בו", וואס אין זיי געפינט זיך דער אור אלקי אין גלות, "בבחי' גלות תוך אותו דבר הנפרד להחיותו ולקיימו מאין ליש כו'"[26], די וועלט איז מעלים ומסתיר אויף איר אמת'ע מציאות און אויף דעם אמת פון אלקות - וואס "כל הנמצאים כו' לא נמצאו אלא מאמתת המצאו" - דער כח אלקי וואס איז מחי' ומהוה ומקיים יעדער נברא בכל רגע מחדש[27].

[און דערנאך און מער בפרטיות איז ירידת הנשמה בגוף פון יעדער אידן אן ענין פון

23) שיחת י"ב תמוז תשכ"ה. נעתק בס' התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג ע' 221.

24) לקו"ת שלח לז, ד. ביאוה"ז להצ"צ ע' שנה.

25) תניא פל"ו.

26) תניא ספ"ו.

27) שעהיוה"א פ"א.

"גלות ממש"[22], ווייל דער גוף ונפש החיונית איז מעלים ומסתיר אויף דער נשמה (דער עיקר ואמת פון דעם אידן), אזוי אז די נשמה קען ניט לייכטן בשלימות ווי זי איז במקומה למעלה].

און גאולה מיינט, אז אין דער וועלט [ובפרטיות - אין דעם גוף ונפש החיונית] ווערט אנפלעקט דער אמת, אז זיין אמת'ע מציאות איז נאר א כלי צו דעם אור אלקי [און צו דער נשמה] וואס איז זיי מחי', אזוי אז בכל ופרט ופרט פון דער בריאה איז ניכר "אמיתת המצאו".

וואס דאס איז דער תוכן פון "אין עוד מלבדו", אז ס'איז ניטא קיין מציאות בעולם ("אין עוד") "מלבדו", ד.ה. אז אין מציאות העולם איז נרגש ווי זיין גאנצע פאראנענקייט איז ("לא נמצאו אלא מ)אמתת המצאו"[28], אז די מציאות פון וועלט גופא איז אלקות - ווי ס'וועט נתגלה ווערן בשלימות לעתיד לבוא.

ויש לומר, אז וויבאלד אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן בשביל ישראל[29], איז פארשטאנדיק אז דורך דעם וואס די גאולה בי"ב וי"ג תמוז האט מגלה געווען דעם אמת אין כל ישראל (ובכל דרגות שבישראל), די התקשרות עצמית פון דעם עצם פון אידן מיט דעם עצם פון דעם אויבערשטן ("אמיתת המצאו") - האט דאס געגעבן דעם כח צו גואל זיין די גאנצע וועלט, אז דארט זאל אנטפלעקט ווערן אמיתית מציאותו - "אמתת המצאו".

ובפשטות - אז דורך דער גאולה איז געווארן "נודע גלוי לעין כל" אז די עבודה אין הרבצת תורה וחיזוק דת "מותרת היא על פי חוקי המדינה", אז אויך וועלט אנערקענט דעם אמת פון אלקות און תורה. ועד"ז אויך נאך דער גאולה - האט זיך אויפגעעפנט א נייער וועג (כדלקמן ס"ט) אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה בכל קצוי תבל, ביז אויך הפצת שבע מצוות בני נח[30] - אלס א הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין שלימות הגילוי בעולם פון "אין עוד מלבדו".

ויש לומר הטעם פארוואס גאולת י"ב תמוז איז דוקא באופן כזה, ווארום דער מאסר וגאולה איז אין דעם דור האחרון פון גלות (כמובן פון די סימנים אין גמרא, און ווי דער בעל הגאולה האט מעיד געווען מערערע מאל), ווען מען דארף נאר פארענדיקן די לעצטע

28) כמבואר במ"א (לקו"ש חכ"ה ע' 202 הערה 86) החילוק בין "אין עוד" (ואתחנן שם, לט) ו"אין עוד מלבדו" - ש"אין עוד" שולל לגמרי מציאות הנבראים שאין שום מציאות כלל, משא"כ "אין עוד מלבדו" פירושו ש(רק) בלעדו "אין עוד", אבל "עמו" ישנה מציאות, ובמציאות זו גופא נרגש שאינה מציאות "מלבדו". וראה לקמן הערה 39.

29) פרש"י ר"פ בראשית.

30) ראה רמב"ם הל' מלכים ספ"ח.

שיריים פון דער עבודה, ואין המצוה נקראת אלא על שם הגומרה[31] - דעריבער איז די (לעצטע) גאולה בזמן הגלות (אויף הרבצת התורה וחיזוק הדת) א גאולה פאר אלע אידן ובכל פרטיהם, וועלכע גיט אויך דעם כח צו פארענדיקן די עבודה אין וועלט, און דארט מגלה זיין ווי "אין עוד מלבדו", ווי וועט זיין בגלוי לעתיד לבוא, ווען מ'וועט זען ווי כל העולם כולו איז א דירה לו יתברך בתחתונים, וואס אין א דירה שטייט עצמות הדר בה בגלוי[32].

ונוסף לזה: די גאולה איז דער לעצטער ענין אין יפוצו מעינותיך חוצה, וואס דורך דעם ווערט אתי מר דא מלכא משיחא[33].

ח. דערפון קומט צו אויך בנוגע פעולת הגאולה אין דער עבודה פון יעדער איד:

כשם ווי די גאולה האט מגלה געווען דעם אמת ועצם הנפש אין יעדער איד בפרט (כנ"ל ס"ו) - האט זי אויך מגלה געווען גלוי לעין כל דעם אמת פון תורה און אלקות אין וועלט, אז ניט קוקנדיק אויף די גזירות און מאסר וגלות, איז אפילו מצד חוקי המדינה פון אוה"ע האט מען אנערקענט אז הרבצת התורה איז מותר.

וואס דאס גיט יעדן אידן א נייעם כח צו אויסגעלייזט ווערן פון דעם גלות וואו ער געפינט זיך, צי דער גלות פון אזא וואס "בשם ישראל יכונה", אדער דער גלות פון א מרביץ תורה, וואס אויך ער געפינט זיך אין גלות בכלל, ובפרט מצד דעם גלות הנשמה בגוף, ובכללות - דער גלות אין עוה"ז בכלל (וואס איז מעלים אויף אלקות), ונוסף צו דעם אלעם - האט יעדער איד זיין גלות פרטי בענינים מסויימים וועלכע איז מעלים ומסתיר אויף זיין אמת'ע מציאות - זיין פארבונד מיט דעם אויבערשטן דורך תורה ומצוות.

ט. דער ענין הנ"ל איז נאכמער פארשטאנדיק לויט דעם ביאור אין דרושי חסידות דפרשתנו ("די חסיד'ישע פרשה") אויף "זאת חוקת התורה" (וועלכע מ'לייענט דעם שבת[34], שבת שמיני' מתברך דער חג הגאולה):

"חוקה" איז פון לשון חקיקה ("חוקה חקקתי"[35]). וואס דאס

31) תנחומא ופרש"י עקב ח, א. וראה סוטה יג, ב.

32) ראה אוה"ת בלק ע' תתקצז. המשך תרס"ו בתחלתו (ע' ג). ועוד.

33) אגה"ק דהבעש"ט הידועה - נדפסה בכש"ט בתחלתו. ובכ"מ.

34) ולהעיר, שביום השבת מאיר גילוי האמת בעולם, עד למטה מטה, שגם עם הארץ (מלשון ארציות וחומריות, ע"ד הדרגא דבשם ישראל יכונה) אומר אמת בשבת, ועד ש"ז"ח מותר לאכול מתבואתו (ירושלמי דמאי רפ"ד), היינו לא רק שמאיר האמת בע"ה עצמו, אלא זה נוגע לפועל בנוגע אכילת אחרים.

35) תנחומא ריש פרשתנו.

באדייט אז עבודת ה׳ בתומ״צ דארף זיין אין אן אופן פון חקיקה - אז דאס איז חקוק אין זיין מציאות, מיני׳ ובי׳ ביז מעבר לעבר[36]:

דער אונטערשייד צווישן אותיות הכתיבה און אותיות החקיקה איז: בשעת מ׳שרייבט אותיות אויף קלף, זיינען די אותיות של דיו א באזונדער זאך (דבר זר) פון דעם פארמעט, און אויך ׳לאחרי ווי מ׳שרייבט אן די אותיות בלייבן זיי באזונדער, מ׳קען אפמעקן די אותיות וכו׳. משא״כ בשעת מ׳קריצט אויס אותיות אין א שטיין, זיינען זיי מיני׳ ובי׳ פון דעם אבן אליין, זיי זיינען איין זאך ממש מיט דעם שטיין, ועאכו״כ ווען עס איז ווי בא די לוחות הברית אז די אותיות זיינען מעבר לעבר.

אזוי איז דאס אויך אין נמשל אין עבודה און נפש האדם: מצד זיין עצם איז א איד איין זאך מיט דעם אויבערשטן (״לבו תמים עם ה׳ ותורתו״, כנ״ל), באופן של חקיקה מיני׳ ובי׳ ומעבר לעבר. בשעת זיין נשמה איז יורד למטה אין א גוף גשמי וועלכע איז מעלים אויף דער נשמה, זעט זיך אן (בחיצוניות) ווי דער גוף (און די נידעריקערע דרגות אין נשמה) זיינען א באזונדער זאך פון דער נשמה; די נשמה ווערט נתלבש אין גוף, אבער זיי בלייבן צוויי באזונדערע ענינים: די נשמה ציט זיך למעלה, צו רוחניות און עבודת ה׳, און דער גוף בטבעו ציט זיך למטה, צו ארציות וגשמיות.

די כוונה אין דער ירידה איז, אז די ״חקיקה״ אין פנימיות ועצם שלו (״לבו תמים לה׳ ולתורתו״) זאל ניט בלייבן אין זיין עצם, נאר ער זאל דאס מגלה זיין אין זיינע כחות הנפש, ביז אין זיין מחשבה דיבור ומעשה שלו, ביז אין זיין גוף ונה״ב, אין זיין ווייטסטע חיצוניות - אין אן אופן פון חקיקה, אז דאס נעמט אים דורך אינגאנצן, אזוי אז זיין קיום התומ״צ איז ניט ווי א צוגעגעבענע זאך צו אים, נאר דאס איז איינגעקריצט אין זיין מציאות, און עס בלייבט ניט איבער קיין פרט פון זיין מציאות וואס איז ניט דורכגענומען מיט דער קדושה פון תומ״צ (״אין עוד מלבדו״), ביז אז דאס ווערט אויסגעקריצט פון אים.

און דורך דעם - טוט אויף א איד אויך אין חלקו בעולם ביז בכל העולם כולו, אז כאטש אז מצד טבע הבריאה איז די וועלט מעלים אויף אלקות, איז ער דארט מגלה אלקות, ביז - באופן של חקיקה, אז מ׳זעט ווי יעדער פרט פון דער בריאה איז ניט א דבר נוסף, מ׳זעט ווי די אמת׳ע מציאות פון דער וועלט גופא, מיני׳ ובי׳, איז ״אמתת המצאו״ - ״אין עוד מלבדו״.

36) בנוגע לב׳ מדריגות אלו בחקיקה - ראה ד״ה אין עומדין תרס״ז (בהמשך תרס״ו). ד״ה בסוכות תש״י. לקו״ש ח״ח ע׳ 127 ואילך.

י. ויש להוסיף בכל זה - נאך אן ענין עיקרי:

נוסף צו דעם וואס דער ענין הגאולה (וואס קומט לאחרי הגלות וההעלם) איז <u>מגלה</u> אין וועלט דעם אמת פון אלקות און תורה (וואס איז ביז דעמולט געווען בהעלם אין וועלט), קומט דורך דעם אויך צו א <u>חידוש</u>, אז עס טוט זיך אויף א נייע זאך וואס איז פריער ניט געווען (אויך ניט בהעלם). כפשטות הפירוש אין גאולה - א חידוש לגבי דעם מעמד ומצב שלפני זה.

כמבואר בכ״מ[37], אז דורך דער ירידה און עבודה אין עולם הזה התחתון שאין תחתון למטה ממנו, מלא קליפות וסט״א, וואו אלקות איז בבחי׳ גלות (כנ״ל ס״ה) - ווערט אויפגעטאן א <u>חידוש</u>, אז עס ווערט נמשך אן אור אלקי וואס איז העכער ווי דער אור וועלכע איז געווען לפני זה, ביז אז די וועלט ווערט א דירה לו יתברך בתחתונים, א דירה <u>לעצמותו</u> <u>ית׳</u>.

ועד״ז בנוגע צו ירידת וגלות הנשמה בגוף, איז ירידה צורך עלי׳, ביז צו א דרגא חדשה לגמרי, און נאכמער - דורך דעם ווערט נתגלה מעלת הגוף, דער כח העצמות וואס געפינט זיך אין גוף, ובלשון הידוע[38] - דער יש הנברא איז

37) המשך תרס״ו בתחלתו. ובכ״מ.

38) ביאוה״ז לאדהאמ״צ בשלח מג, ג.

איין זאך כביכול מיט דעם יש האמיתי[39], ביז אז אויך די נשמה איז דערפון מקבל <u>איר</u> חיות[40], ווי ס׳וועט זיין

39) שענין זה הוא בעיקר בנוגע לגוף ישראל (כדמשמע בביאורי הזהר שם. וראה ד״ה להבין ענין כתיבת ס״ת תש״ל), דגופא דילהון קדישא (זח״ג ע, ב) ואתם קרויים אדם על שם אדמה לעליון (שקאי בעיקר על הגוף) - אף שבכללות כן הוא בנוגע לכל הבריאה כולה, שיש הנברא חד הוא עם יש האמיתי (ראה ד״ה ולקחתם תרס״א).

וראה לקו״ש חי״ב ע׳ 75 הערה 30 שהכוונה בזה שאמיתית מציאותו של יש הנברא דעולמות הוא יש האמיתי היא - שהעצמות ״הוא המהווה אותם...ומבלעדו אין שום מציאות כלל״ (ד״ה ולקחתם שם), משא״כ בישראל - מציאותם גופא הוא, כביכול, העצמות. ואולי י״ל יתירה מזה ש(גם)יש הנברא (דעולמות) הוא <u>כולא חד</u> עם יש האמיתי*.

שאמיתית הענין שהיש הנברא אמיתית מציאותו הוא יש האמיתי, קאי על ישראל (כנ״ל), כי השאר נברא <u>בשבילם</u> - וע״ד החילוק דמציאות עבד כנעני לגבי האדון - ומציאות נכסיו.

והחילוק בין עולם וישראל (באופן ההתאחדות עם יש האמיתי) אולי אפ״ל: זה גופא שיש הנברא חד הוא עם יש האמיתי הוא בכח העצמות שהוא כל יכול ונושא הפכים (אבל מצד הנברא - ה״ה מציאות הפכית מאלקות); משא״כ בישראל מציאותם גופא (גם מצד בריאתם) הוא, כביכול, העצמות.

40) ויש לקשר זה עם השיעור יומי ברמב״ם בהל׳ מנחות - ע״פ המבואר בתו״א וישלח ד״ה ויקח מן הבא לידו מנחה לעשו אחיו, שיעקב שלח מנחה

*) אין זח סתירח למשנ״ת במ״א דח״ו לומר ״איהו וחבריאח חד״ (ראח חקדמת תקו״ז (ג, סע״ב). לקו״ש חכ״א ע׳ 443) - כי: ״איהו וחיוהי חד כו׳״ ולא ״איהו וחבריאח חד״ ח״ו - מצד בחי׳ <u>חגילויים</u>; אבל מצד <u>חעצמות</u> גם הבריאח (יש חנברא) כולא חד עם יש תאמיתי. וצע״ג. ואכ״מ.

בגלוי לע״ל, אז הנשמה ניזונית מן הגוף[41].

ועד״ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דער גאולה פון י״ב תמוז (וואס איז געקומען לאחרי המאסר והגלות צוליב דער עבודה פון הרבצת התורה וחיזוק הדת): נוסף לזה וואס דאס האט מגלה געווען דעם אמת דא למטה, איז דורך דעם צוגעקומען א חידוש גדול, אז אויך אין כל העולם כולו זאל נתקבל ווערן הרבצת התורה וחיזוק הדת, אלס הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען כל העולם וועט זיין בגלוי א דירה לו יתברך.

און די גאולה האט אויך גע-בראכט א חידוש אין דער עבודה גופא פון הרבצת התורה וחיזוק הדת - ווי מ׳האט געזען בפועל, וואס - מעשה רב: נאך דער גאולה איז שלא בערך מער פאר-שטארקט געווארן די ארבעט פון הרבצת התורה וחיזוק היהדות והפצת המעינות חוצה, ביז אז דער מאסר וגאולה האט געבראכט אז דער בעל הגאולה זאל ארויס-גיין פון מדינה ההיא, און דערנאך - קומען אין חצי כדור התחתון, וואס דאס האט דער-מעגלעכט אז זיין ארבעט אין הפצת היהדות והפצת המעינות חוצה איז געווארן שלא בערך מער פארשטארקט און פאר-ברייטערט, ביז בכל קצוי תבל, ובאופן פון פעולה נמשכת - הולך ומתפשט[42].

יא. ויש לקשר זה מיט דעם זהר בפרשתנו[43] (פון דעם שבת שמיני׳ מתברך דער חג הגאולה)[44], וואו עס שטייט אז רבי פינחס בן יאיר האט געבעטן בא רשב״י ער זאל זאגן א ״מלה חדתא״, און ער האט אנגעהויבן ״זאת חוקת התורה״, און ווי דער טאטע איז מבאר אין זיינע הערות[45] די שייכות פון פרה

(ר״ת מזל נוצר ח׳, שהוא למעלה מהשתלשלות) בכדי לקבל אורות דתהו משרשו של עשו, ועי״ז נעשה ״וישקהו״, בכל לבו - עבודת התשובה, שזהו החידוש שנעשה ע״י ירידת הנשמה בגוף בעוה״ז. נת׳ בארוכה בהתוועדות.

41) ד״ה לכל תכלה תרנ״ט.

42) ראה בארוכה משיחת ש״פ שלח תשמ״ז בתחלתו.

43) זח״ג קעט, ב.

44) ויש לקשר זה גם עם הקביעות דשבת זו בימי החודש - בעשירי* בתמוז**, כידוע שמספר עשר הוא מספר השלם (ראב״ע שמות ג, טו. פרדס שער ב׳), וממנו מתחיל סדר חדש במספרים דעשיריות (הכולל - י״ב וי״ג (תמוז)), וגם הסדרים שלאחרי זה (מאות אלפים ורבבות) - כולם הם במספר עשר (עשר עשיריות, עשר מאות, עשר אלפים). ובהלכה - ע״י עשרה מישראל נעשה מציאות חדשה של ציבור ועדה קדושה (ולהעיר שהלכה כדעת רבי עקיבא (ברכות מט, ב במשנה), ששינוי בנוסח ברכת המזון הוא רק בעשרה).

45) לקוטי לוי״צ לזהר שם ע׳ שפט ואילך.

*) ולהעיר שפרקי אבות דשבת זו מתחיל, חולך ומונח כמה ענינים של עשרה (עשרה מאמרות, עשרה נסים וכו׳).

**) ולהעיר שבשיעור תהלים דיום זה בחודש (נח, יט) אומרים ״פדה בשלום נפשי גו׳״, שכתוב זה קשור עם גאולה (דרבותינו נשיאינו - בי״ט כסלו ויו״ד כסלו).

אדומה צו רפב״י און צו רשב״י וכו׳.

עס פאדערט זיך נאך אבער ביאור: אפילו אז רפב״י האט א שייכות מיט פרה אדומה, פאר-וואס האט ער געבעטן אין דעם דוקא א ״מלה חדתא״?

ויש לומר, ווייל דער גאנצער ענין פון פרה אדומה איז אן ענין של חידוש, ״מלה חדתא״:

דער ענין פון פרה אדומה (זאת חוקת התורה) גייט אויף עבודת התשובה, וואס איז אן עבודה בדרך חידוש (ווייל לולא הירידה למטה וואלט ניט געווען מעלת התשובה פון זדונות נעשו לו כזכיות[46], און במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים יכולים לעמוד שם[47]) - הן מצד תוכן המצוה, אז פרה אדומה איז מטהר פון טומאת מת, וואס אין עבודה - איז דאס די טהרה פון דעם פירוד פון מקור החיים, ״אתם הדבקים בה׳ אלקיכם (וואס דעמולט איז) חיים כולכם היום״[48], און הן מצד סיבת המצוה, וואס פרה אדומה איז געקומען מכפר זיין אויף מעשה העגל[49], וואס דאס האט געבראכט מיתה בעולם[50].

און אויך מצד תוצאת המצוה, איז דוקא דורך דער ירידה פון חטא העגל און טומאת מת, גע-קומען דער ציווי חדש פון ״זאת חוקת התורה״, ובעבודה - די עבודה בדרך חקיקה, כנ״ל.

יב. בהמשך לכל הנ״ל איז פאר-שטאנדיק דער לימוד לפועל צו יעדער איד - ״והחי יתן אל לבו״[51]:

די גאולה פון י״ב תמוז, ובהוספה בזה בכל שנה ושנה, גיט א אידן נייע כחות צו אויסגעלייזט ווערן פון אלע ענינים המבלבלים והעלמות והסתרים וואס קענען אים שטערן צו תורה ומצוות, סיי מצד דעם גלות הכללי, און סיי מצד די פארשידענע מניעות ועיכובים וואס יעדערער קען האבן בא זיך בפרטיות,

און די גאולה גיט אים כח צו מגלה זיין <u>ווער און וואס ער איז באמת</u> - אז ער איז א איד וואס ״לבו תמים לה׳ ולתורתו״ - און איז דאס מגלה אין זיינע כחות און לבושים פון מחשבה דיבור ומעשה, ביז אין זיין גוף ונה״ב, אין אן אופן פון חקיקה מיני׳ ובי׳ מעבר לעבר - אז בשעת מ׳גיט אויף אים א קוק (אפילו בחיצוניות), זעט מען אז עס גייט א ״תורה-איד״, א ״קדושה-איד״, און אויך גופא דילהון קדישא*[51], זיין גאנצער חיות און קאך איז אין לימוד התורה

46) יומא פו, ב.

47) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ד.

48) ואתחנן ד, ד.

49) תנחומא פרשתנו ח (בסופו). במדב״ר פי״ט, ח (בסופו). פרש״י פרשתנו יט, כב.

50) ראה מפרשי התורה פרשתנו (כלי יקר, אלשיך, ש״ך עה״ת, עץ הדעת הטוב להרח״ו ועוד).

51) קהלת ז, ב.

און קיום המצוות, און אויך בעניני רשות - איז "כל מעשיך יהיו לשם שמים"[52] און "בכל דרכיך דעהו"[53], און דאס איז ניכר אין אלע זיינע ענינים - במאכלו ובמשקהו ובטיולו ובמשאו ומתנו וכו'[54].

און נאכמער: אויב ס'איז דא א בלבול מצד דעם חושך הגלות - איז דאס אים מעורר צו זיך מתגבר זיין מיט א התגברות חדשה אין זיין עבודה, ביז אז דורך דעם זאל צוקומען א חידוש ("מלה חדתא") פון עבודת התשובה וכיו"ב, וואס איז ניט געווען ביז דעמולט.

יג. ס'איז זעלבסטפארשטענד-לעך, אז דער לימוד פון דעם חג הגאולה דארף זיין לכל לראש בנוגע צו קיום הוראת בעל הגאולה במכתבו הנ"ל - אז דער חג הגאולה "ראוי הוא לקובעו ליום התועדות והתעוררות לחיזוק התורה והיהדות בכל אתר ואתר לפי ענינו",

אז בכל אתר ואתר לפי ענינו (בכל קצוי תבל) ובכל זמן האפשרי זאל מען מאכן א התוועדות, באופן פון הקהל את האנשים והנשים והטף, און דארטן מאכן א חשבון הנפש בנוגע צו דער עבודה בשנה שעברה זינט ימי הגאולה שלפני זה, און אננעמען החלטות טובות על להבא, בנוגע צו כללות העבודה פון חיזוק התורה והיהדות, לימוד התורה וקיום המצוות, כולל אויך - הרבצת התורה והמצוות והפצת המעינות חוצה, ביי אנדערע אידן, מיט אלע פרטים המדוברים לעיל.

ומצוה לפרסם זה בכל מקום ומקום, און ס'איז זיכער אז דברים היוצאים מן הלב (ועאכו"כ אז דאס קומט פון דעם עצם, כנ"ל בארוכה) נכנסים אל הלב[55] ופועלים פעולתם.

וע"פ הנ"ל, אז דורך דער גאולה איז צוגעקומען א "מלה חדתא" (נוסף צו דעם וואס די גאולה האט מגלה געווען דעם אמת פון תורה) - יש להוסיף בתור הצעה, אז די חגיגת חג הגאולה בשנה זו (די התוועדויות וכיו"ב) זאל מען פארבינדן מיט א "מלה חדתא" בפשטות, א חידוש אין די דברי תורה ודברי התעוררות בשעת ההתוועדות, ובעיקר - א חידוש אין מעשה בפועל, אז יעדערער זאל מוסיף זיין א ענין חדש אין זיינע פעולות בהרבצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה.

וע"פ דער ביאור פון דעם מיטעלן רבי'ן[56], אז יעדע התבוננות כללית דארף אראפ-

---

52) אבות פ"א מי"ב. וראה רמב"ם הל' דיעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א.

*52) זח"ג ע, ב.

53) משלי ג, ו. וראה רמב"ם וטושו"ע שם. וראה בארוכה קונטרס משיחות ש"פ אמור וכו' שנה זו.

54) ראה רמב"ם הל' דיעות רפ"ה.

55) ס' הישר לר"ת שי"ג. הובא בשל"ה סט, א.

56) שער היחוד פ"ד.

קומען אין פרטים ופרטי פרטים - איז מען מציע א "מלה חדתא" בפרטיות:

כל אחד ואחת מישראל (און אויך טף - השייכים לזה) זאלן מאכן א חשבון הנפש וועגן די פעולות טובות וואס ער (זי) האט געטאן במעשה בפועל במשך פון שנה שעברה (פון י"ב תמוז תשמ"ז ביז י"ב תמוז שנה זו), און בכדי דאס זאל זיין א חשבון אמיתי בכל התוקף - זאל ער אראפשרייבן בכתב עכ"פ דריי נייע פעולות, דריי דברים חדשים, וואס ער האט געטאן במשך דעם יאר במעשה בפועל (ניט נאר במחשבה והחלטה. אדער בדיבור בתור הצעה צו א צווייטן וכיו"ב) - פעולות טובות ברוחו פון דעם בעל הגאולה, די ענינים אויף וועלכע ער האט זיך מוסר נפש געווען און האט געמאנט אז מ'זאל אין זיי טאן, ובכללות - הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, ובמיוחד - בקשר מיט דעם חג הגאולה, וואס איז פארבונדן ספעציעל מיט הרבצת התורה והיהדות צווישן אלע אידן, אויך אזוינע וואס "בשם ישראל יכונה".

ובכדי צו צוגעבן נאכמער תוקף בזה - קען יעדערער וואס וויל אריינשיקן בכתב די דריי מעשים חדשים וואס ער געטאן, בצירוף שמו ושם אמו. ובכדי עס זאל זיין מיט א סדר און מ'זאל קענען לייכטער אויסשטעלן די נעמען על הסדר וכו' - זאל מען אנשרייבן אויף דער פארמאכטער מעטפה (ענוועלאפ) שם המשפחה שלו (צוזאמען מיט אן אות חי"ת ר"ת חדש, אלס סימן אז די מעטפה איז פארבונדן מיט דעם דבר חדש).

ולהוסיף, אז ס'איז כדאי לפרסם כל זה.

וואס נוסף אויף דער תועלת שבזה אז מ'וועט קענען זען פאר זיך וואס מ'האט אויפגעטאן, וועט דאס אויך מזרז זיין, אז בשנה הבאה זאל מען נאכמער מוסיף זיין אין אויפטאן דברים חדשים אין די אלע פעולות הנ"ל.

יד. ויה"ר אז דער חג הגאולה זאל זיין דער שלב האחרון אין דער עבודה פון דעם דור האחרון בגלות זה האחרון, וועלכע וועט שוין פארענדיקן די לעצטע שיריים פון בירורי הגלות,

און דורך דעם (וואס מ'וועט פארענדיקן די עבודה וואס צוליב דעם איז מען איצטער אין גלות) - וועט בדרך ממילא בטל ווערן דער גלות, און נאכמער - גולה וועט נהפך ווערן צו גאולה (דורך אריינשטעלן, ע"י מעשינו ועבודתינו, בגלות דעם אל"ף פון אלופו של עולם)[57],

און דעמולט וועט מקויים ווערן בדרך ממילא בנוגע דעם קומענדיקן "צום הרביעי" - אז "כל הצומות האלו עתידים ליבטל לימות המשיח, ולא עוד אלא שהם

57) ראה לקו"ת בהעלותך לה, ג. ס' הליקוטים-דא"ח צ"צ ערך גולה. ושנ. המשך מים רבים תרל"ו פקל"ד.

עתידים להיות יום טוב וימי ששון ושמחה״[58], יהפכו[59] ימים אלו לששון ולשמחה ולמועדים טובים[60],

און עס וועט בטל ווערן דער ענין פון טומאת מת און מיתה בכלל, און נאכמער - עס וועט נתהפך ווערן לטוב מאד[61] - נאר זען די מעלה ועילוי וואס איז אין דעם פאראן - די עליות מדרגא לדרגא עד אין קץ[62] (וואס בין כל עלי׳ ועלי׳ גיט מען דורך אן עמוד וכו׳[63]), והקיצו ורננו שוכני עפר[64],

און מ׳וועט אלע צוזאמען גיין אין ארץ הקודש, וועלכע איז ״מקודשת מכל הארצות״[65], ויש לומר דער פירוש פנימי בזה, אז איר קדושה יתירה נעמט זיך פון ״כל הארצות״, פון דער עבודת הבירורים אין חוץ לארץ[66] [וי״ל אז דערפאר איז עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות[67]],

און דארטן גופא - אין ירושלים עיר הקודש, אין בית המקדש השלישי, אין קדש הקדשים, און דארט וועט נתגלה ווערן דער ארון ולוחות הברית (החקוקות) שנגנז במטמוניות עמוקות[68],

וע״פ כלל הנ״ל פון ירידה צורך עלי׳ י״ל, אז נוסף צו גילוי הארון, וועט אויך צוקומען דער חידוש פון יתרון האור מן החושך (פון מטמוניות), בחי׳ ישת חושך סתרו[69],

און מ׳וועט ברענגען די פרה העשירית וועלכע ״יעשה מלך המשיח״[70], וועלכע האט אין זיך פון (אפר) פרת משה (וועגן וועלכער ס׳רעדט פרשתנו) און פון אלע ט׳ פרות שלפנ״ז (מעשינו ועבודתינו[71] לפני הגאולה),

במהרה בימינו ממש, אמן כן יהי רצון.

---

58) רמב״ם סוף הל׳ תעניות.
59) ע״פ ירמי׳ לא, יב.
60) זכרי׳ ח, יט.
61) כמו שנאמר בתורתו של רבי מאיר ״טוב מות״ (ב״ר פ״ט, ה).
62) ראה אוה״ת פרשתנו ע׳ תתטז ואילך. ד״ה זאת התורה עטר״ת. ועוד.
63) ראה תו״א כב, ד. פא, ג. צב, א. צו, א. ועוד.
64) ישעי׳ כו, יט.
65) רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ז הי״ב.
66) וכן הוא בנוגע לארץ ישראל עצמה, שגם לאחרי כיבוש הארץ וקביעת קדושתה נקרא גם בשם ״ארץ כנען״, ויש לומר הטעם - כי קדושת ארץ ישראל נעשית גם ע״י העבודה דכנען מלשון סוחר כו׳, שמורה על בירור התחתון כו׳ (תו״א ר״פ וישב).

67) יל״ש ישעי׳ רמז תקג. פסיקתא רבתי פ׳ שבת ור״ח. וראה לקו״ת מסעי פט, ב.
68) רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ד ה״א.
69) תהלים יח, יב.
70) רמב״ם הל׳ פרה אדומה ספ״ג.
71) ראה תניא רפל״ז.
72) סיום הרמב״ם בהל׳ פרה אדומה שם.

*

בס״ד. שיחת ש״פ חוקת, י׳ תמוז ה׳תשמ״ח.

הנחת התי׳ בלתי מוגה

השלמות לשיחות הראשונות

[סיום שיחה ראשונה]:

א. און פון דער גאולה פון י״ב תמוז קומט מען צו דער גאולה האמיתית והשלימה, און ״בנערינו ובזקנינו גו׳ בבנינו ובבנותינו״[1] קומט מען אין ארצנו הקדושה, ווי זי איז בשלימות - ארץ עשר עממין[2] [ויש לקשר זה דערמיט וואס היינט איז עשירי בתמוז], וארץ ישראל תתפשט בכל הארצות וירושלים תתפשט בארץ ישראל[3],

און דארטן גופא - אין ביהמ״ק השלישי און קדש הקדשים, וואו ס׳איז דא דער ארון הברית על אבן השתי׳[4], שממנו הושתת כל העולם כולו[5],

ויש לומר נאכמער, אז ניט נאר וואס ער איז דער יסוד פון כל העולם, נאר ווען ער ווערט אויפגעהויבן - הויבט זיך אויף דער גאנצער בנין שלמעלה ממנו, כמבואר[6] דער משל לזה (פארבונדן אויך מיט ״שקל בפלס הרים״[7]), אז בשעת מ׳הויבט אויף א בנין מיסודו - ווערט אויפגעהויבן כל הבנין כולו,

און אזוי איז עס אויך אין סדר השתלשלות, אז דורך דער עבודה אין עוה״ז התחתון שאין תחתון למטה ממנו, וואס עיקר שכינה בתחתונים היתה[8], ועד״ז בכחות האדם - אין כח המעשה, וואס המעשה הוא העיקר[9] - הויבט מען אויף דעם גאנצן בנין פון סדר השתלשלות, פון למטה מטה ביז למעלה מעלה, ביז דאס וואס איז העכער פאר גדר מטה ומעלה.

ויה״ר אז פון דעם דיבור בכל ענינים אלו - זאל מען בפועל קומען צו דער גאולה האמיתית והשלימה, והיתה לה׳ המלוכה[10], והי׳ למלך על כל הארץ ביום ההוא יהי׳ ה׳ אחד ושמו אחד[11], כשם שאני נכתב כך אני נקרא[12], דער שם העצם ושם המופרש ושם המיוחד[13] - נעמט דורך כל המציאות כולה.

און דאס ווערט אלץ אויפגעטאן באופן פון לא עכבן אפילו כהרף

1) בא י, ט. 2) ירושלמי קידושין פ״א ה״ח. 3) יל״ש ישעי׳ רמז תקג. 4) רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ד ה״א. 5) יומא נד, ב. 6) תו״א בראשית ד, א. לקו״ת נצבים מה,, א. וראה שיחת מוצאי ש״פ חיי שרה תשל״ט בהערה. 7) ישעי׳ מ, יב. 8) ראה שהש״ר פ״ה, א. 10) עובדי׳ א, כא. 11) זכרי׳ יד, ט. 12) פסחים נ, א. 13) סוטה לח, א. סנהדרין ס, א. רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״ו ה״ב. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 234. וש״נ.

עין[14], תיכף ומיד ממש.

* * *

ב. פון דעם שבת ווערט מתברך דער חג הגאולה, כידוע אז פון שבת מיני' מתברכין כולהו יומין[15].

ד.ה. אז אע"פ וואס שבת קדש איז בבחי' קדש מלה בגרמי'[16], מיקדשא וקיימא[17] - האט זי ביחד עם זה אין זיך אויך דער ענין וואס זי איז מברך די טעג שלאחרי זה.

ונוסף צו קדושת שבת וואס ווערט נמשך מלמעלה, האט א איד בכח צו מוסיף זיין אין דעם, כמאחז"ל[18] "כל האומר ויכולו כו' מעלה עליו כאילו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית", ויש לומר, אז דאס איז ניט נאר "כאילו", ווארום "בשבילי נברא העולם"[19], במילא איז ער א שותף צו אויפטאן במעשה בראשית, ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן עניני גאולה.

דאס גיט צו נאכמער אין דעם "והחי יתן אל לבו" בנוגע צו די כחות וואס מ'האט אין דעם שבת וועלכע בענטשט דער חג הגאולה,

און ניט נאר בנוגע צו "לבו" אליין, נאר ער געדענקט אויף וועגן אנדערע אידן (ביז אז ער פארגעסט גאר לכתחילה ניט וועגן זיי) - לב כל ישראל, ווארום די גאולה איז פון אלע אידן, "לא אותי בלבד גאל כו' כי אם את כל כו'", ביז אויך אזא וואס "בשם ישראל יכונה".

ובפרט אז דערצו האט מען געלייענט דעם שבת "זאת חוקת התורה" (כפי שיבתאר לקמן הענין בזה), חוקה מלשון חקיקה, און דאס טוט אויף בכל התורה כולה ("חוקת התורה"), און אין אן אופן פון "זאת", מראה באצבעו ואומר זה[20],

אנהויבנדיק בא א איד אליין, אז תורה איז ביי אים חקוק מיני' ובי' ביז באופן אז מ'קען דאס זען בגלוי ("זאת"),

ועד"ז ווערט אזוי אויך אויפגעטאן אין וועלט - אז אלקות נעמט איר דורך און דורך באופן גלוי, ביז אז מ'מאכט די וועלט פאר א דירה לו יתברך בתחתונים, א דירה לעצמותו, וואס אין א דירה געפינט זיך עצמות הדר בה בגלוי ("זאת").

ועד"ז איז אויך בנוגע צו א אידן, אז די גאולה איז מגלה עצמותו ("זאת"), וואס דורך דעם ווערט נמשך דער עצם שלמעלה בגלוי.

---

14) מכילתא ופרש"י בא יב, מא. 15) זח"ב סג, ב. פח, א. 16) זח"ג צד, א. צה, א. 17) ביצה יז, א. 18) שבת קיט, ריש ע"ב. 19) סנהדרין לז, סע"א. 20) שמו"ר ספכ"ג.

ג. ויה״ר אז די גאולה זאל קומען נאך אין דעם שבת , ובפרט בשבת פ׳ זאת חוקת התורה, און דעמולט גופא - בזמן רעוא דרעוין,

אזוי אז מראה באצבעו ואומר זה - אט איז די גאולה, ביז ב׳ פעמים זה (כפליים לתושי׳[21]) - ״הנה אלקינו זה קוינו לו ויושיענו זה ה׳ קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו״[22], ע״ד ווי ״נגילה ונשמחה בך״[23], בך בעצמותך,

וכן תהי׳ לנו, ובמהרה בימינו ממש.

* * *

ד. מאמר (כעין שיחה) ד״ה זאת חוקת התורה.

ה. כאן המקום צו דערמאנען אן ענין אין פרש״י בריש פרשתנו [וואס מ׳האט וועגן דעם שוין אמאל גערעדט און ס׳איז געדרוקט[24], וועט מען רעדן אן ענין וואס מ׳האט דעמולט ניט גערעדט (עכ״פ - ניט געדרוקט)]:

אויף די ווערטער (בריש פרשתנו) ״זאת חוקת התורה״ איז רש״י מפרש: ״לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חוקה גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחרי׳״.

דארף מען פארשטיין - די הוספה פון ״ואומות העולם״: בשלמא בנוגע צו דעם בלבול פון דעם ״שטן״ (״מונין״) - איז דאס תלוי בבחירתו פון א אידן (צי ער וועט נתבלבל ווערן פון טענת השטן), אבער דער ״מונין״ פון אוה״ע איז ניט תלוי בבחירתו, ווארום א איד געפינט זיך אין גלות בין הגוים ניט בבחירתו נאר ברצון ה׳?

איז דער ביאור אין דעם:

בעצם האט א איד קיין שייכות ניט מיט אוה״ע (אפילו ווען ער געפינט זיך אין גלות בין העמים) - אידן און אוה״ע געפינען זיך אין באזונדערע ״עולמות״ - ווארום ״אתה בחרתנו מכל העמים״[25], און ״המבדיל כו׳ בין ישראל לעמים״[26].

נאר דורך דעם שטן הוא היצר[27] ווערט א שייכות צווישן אידן מיט אוה״ע, דורך דעם וואס אידן הערן זיך צו צו דעם יצר - ״אל

---

21) איוב יא, ו. שמו״ר רפמ״ו. 22) ישעי׳ כה, ט. 23) שה״ש א, ד. 24) לקו״ש ח״ח ע׳ 123 ואילך. 25) נוסח תפלת עמידה דשלש רגלים. 26) נוסח ההבדלה. 27) ב״ב טז, א.

זר אשר בקרבך״[28] - גיט עס אן אפשריות אז אומות העולם זאלן זיין ״מונין את ישראל״ [אומות אויך פון לשון גחלים עוממות (ווארום אות אל״ף איז זיך מתחלף מיט אות עי״ן, כמבואר בכ״מ און אויך בפרש״י), ובפרט אומות העולם מלשון העלם והסתר].

ו. דערנאך איז רש״י ממשיך אין וואס באשטייט טענת השטן ואוה״ע - ״מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה״:

זייער טענה איז א צווייענדיקע - ומן הקצה אל הקצה:

ממה-נפשך - טענה׳ן זיי: אויב תומ״צ זיינען (״חוקת״ מלשון חקוק אין דעם מציאות פון א אידן מיני׳ וביה׳) - איז ״מה מצוה יש בה״, צוליב וואס דארף ער האבן א מצוה אויף דעם, דאס איז דאך כל מציאותו?!

ועפ״ז איז אויך מובן דער לשון ״מצוה״ [דלכאורה האט דא מער געפאסט אן אנדער לשון, ווארום ״מצוה״ גייט אריין אין די פרטיות׳דיקע סוגים שבמצוות עדות חוקים ומשפטים (כמבואר בספרים) - ווואלט דאך דא מער געפאסט א לשון כללי - ווי ״מה הציווי הזה״, אדער נאך בעסער - ״מה האמירה הזאת״ (אדער ״הדיבור״ אדער ״הדבר״) וכיו״ב] - ווייל מצוה איז מלשון צוותא וחיבור [ווי דער בן חמש פארשטייט פון זיך, אז ער ווערט פארבונדן מיט הוריו אדער מורו דורך דעם וואס ער איז מקיים זייערע ציוויים], וואס דאס איז מדגיש די קשיא פון שטן כו׳: צוליב וואס דארף מען אנקומען צו א מצוה מלשון צוותא וחיבור - ווען ער איז שוין בלאו הכי מחובר לזה באופן של חקיקה?

און אויב מ׳רעדט וועגן די כחות גלויים פון א אידן (ניט וועגן זיין עצם) - איז ״מה טעם יש בה״ [ווארום בנוגע צו זיין עצם מציאות - אז ער איז פאראן - דארף א מענטש ניט האבן קיין טעם, ווי דער בן חמש למקרא פארשטייט, אז אויף דעם וואס ער איז א מציאות נמצא בעולם דארף ער ניט קיין טעם; טעם איז שייך נאר בנוגע צו זאכן וואס זיינען נוסף אויף זיין עצם], דער אויבערשטער האט דאך אים באשאפן א בר דעת, ועאכו״כ א איד - ״עם חכם ונבון״[29] - דארף ער דאך נוצן זיין שכל, איז וואס האט פאר אן ארט א מצוה שאין לה טעם (״מה טעם יש בה״)?

דערפון האט מען א לימוד אין ״והחי יתן אל לבו״ פאר יעדער איד, אויך פאר א בן חמש למקרא:

---

28) ראה שבת קה, ב.

דורך דעם וואס מ׳לערנט אין **תורה** וועגן דעם וואס השטן ואוה״ע מונין את ישראל באקומט יעדערער כח בעבודתו בסור מרע, אז ער זאל לכתחילה ניט האבן אזוינע בלבולים פון דעם שטן (הוא היצר) און אוה״ע - ווייל א איד ווייסט אז ער זוכט ניט קיין טעם אויף א מצוה של הקב״ה; אויב מ׳זאגט אים א טעם - נעמט ער דאס אן, אבער ער דארף דערצו ניט אנקומען - און דורך דעם (וואס ער לערנט וועגן דעם אין תורה) ווערט אינגאנצן נתבטל די טענות פון שטן און אומות העולם , ווארום כל מציאותם נעמט זיך און ווערט נשתלשל פון זייער מציאות אין תורה (כמדובר כמ״פ).

ז. דובר כאן ההוראה אודות עריכת התוועדויות בקשר עם חג הגאולה, ובענין זה נזכר גם שבודאי יעריכו התוועדות בד׳ אמות אלו (כאטש אז כו׳ וועט זיך ניט משתתף זיין, מ׳וועט זיין אויפן אוהל וכו׳).

און בא די התוועדויות זאל מען רעדן וועגן דעם אז ״לא אותי בלבד גאל הקב״ה בי״ב תמוז כי אם את כל כו׳ וגם את אשר בשם ישראל יכונה״, און נאכמער: יעדער איד איז נגאל געווארן אין דער זעלבער גאולה מיט ״אותי״ [אלס הכנה צו דעם גילוי פון ״כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם״[30]].

און כאטש אז די אלע התוועדויות קומען פאר אין פארשידיענע ערטער (בכל אתר ואתר לפי ענינו) - ווערן זיי אלע נתאחד אין א ״קהל גדול״, ווארום מ׳פארוועט אלע די זעלבע גאולה - וואס איז א גאולה סיי פאר ״אותי״ און סיי פאר כאו״א מישראל, כנ״ל.

ובפרט אז דאס קומט אויך פאר אין א מקום גדול, א בית גדול - א ביהכנ״ס וביהמ״ד[31].

וואס דאס אלץ טוט אויף אז אידן זאלן שטיין אין אן אופן פון גדלות, און צוזאמען דערמיט - בתכלית העניוות, ע״ד ווי עס שטייט בנוגע דעם אויבערשטן (וואס צדיקים דומים לבוראם[32]) במקום גדלותו שם אתה מוצא ענוותנותו[33].

ח. ויה״ר אז נאך אין דעם שבת פ׳ חוקת שנה זו, שנת תישמח ותשמח, בזמן רעוא דרעוין, קודם סיום ההתוועדות, זאל שוין קומען די גאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, אמן כן יהי רצון,

---

29) ואתחנן ד, ו. 30) ירמי׳ לא, לג. 31) מגילה כט, א. 32) ב״ר פס״ז, ח. ובכ״מ. 33) מגילה לא, א (ע״פ הגירסא ביל״ש תהלים רמז תשצד. פיה״מ להרמב״ם אבות פ״ד מ״ד. ועוד). וראה הערה בסה״מ ת״ש ע׳ 40. וש״נ.

און מ׳וועט פראוועז חגיגת הגאולה מיט א התוועדות גדולה אין דעם אמת׳ן בית גדול - דער ביהמ״ק השלישי, וואו ס׳איז דא דער קדש הקדשים, וואס דארטן איז מאיר גדלות אמיתית - תכלית שלימות הגדלות והקדושה, על הר הקודש, הר הגדול, בירושלים עיר הקודש, בארץ הקודש, וועלכע איז ״מקודשת מכל הארצות״,

ויש לומר דער פירוש פנימי בזה, אז קדושת ארץ ישראל נעמט זיך ״מכל הארצות״ - די עבודה אין חוץ לארץ. ועד״ז אין ארץ ישראל עצמה - קומט צו אין איר קדושה דורך דעם וואס פריער איז זי געווען ״ארץ כנען״.

וואס דאס איז איינער פון די טעמים פארוואס אויך לאחרי כיבוש וקביעות קדושת הארץ ווערט זי אמאל אנגערופן ״ארץ כנען״ - צוליב די מעלה וואס קדושת ארץ ישראל ווערט אויך דורך דער עבודה פון ״כנען״, בפירושו סוחר כו׳[34], וואס גייט אויף בירור התחתון וכמ״ש[35] ״כנען בידו מאזני מרמה״, די עבודה פון מרמה דקדושה,

[ע״ד המבואר בחסידות[36] אז עס זיינען דא מצוות וואס קומען דוקא באופן של מרמה, ווי מצות שכחה - וואס קומט דורך דעם וואס עס ווערט מרמה בשכל וזכרון בעל השדה; ועד״ז בנוגע לענין הכבוד, וואס דוקא כל הבורח מן הכבוד הכובד רודף אחריו[37], דוקא בשעת ער אנטלויפט מיט אן אמת פון כבוד - דעמולט זאגט מען: ווילסט עס ניט - אט דערפאר גיט מען עס דיר!].

ט. וכן תהי׳ לנו תיכף מיד ממש ממש, אז עס זאל קומען די גאולה למטה מעשרה טפחים, ומתוך שמחה וטוב לבב, וואס עבודת ה׳ בתומ״צ מתוך שמחה איז אן ״עבודה גדולה״ (בלשון הרמב״ם[38]), ביז די שמחה פון דוד מפזז ומכרכר בכל עוז[39],

און וויבאלד אז ״ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ״[40] (ניט נאר טומאה, נאר אויך ״רוח הטומאה״) - וועט בטל ווערן דער גאנצער ענין המיתה, ואדרבה - עס וועט נהפך ווערן ונתגלה ווערן ווי כל ענינה איז צוליב ״הקיצו ורננו שוכני עפר״[41], און ס׳וועט נאר זיין מיתה למעליותא - עליות מדרגא לדרגא,

והלך וגדל ואור עד א״ס ממש.

* * *

---

34) תו״א ר״פ וישב. 35) הושע יב, ח. 36) לקו״ת ברכה צט, ב ואילך. 37) עירובין יג, ב. 38) סוף הל׳ לולב. 39) ש״ב ו, יד; טז. 40) זכרי׳ יג, ב. 41) ישעי׳ כו, יט.

י. דובר כאן אודות ענין של עשרה (שמודגש בשבת זו), והקשר ל״מלה חדתא״ שבזהר פרשתנו - שהרי עשרה הוא ענין של חידוש (במספרים) כו׳.

וכידוע בענין אי״ק בכ״ר כו׳, אז א׳ איז אחד ביחידיות, עשרה איז אחד בעשיריות, און מאה איז אחד במאות [משא״כ בנוגע צו אלף (וואס איז עשר מאות) - האט דאס אויך דער פירוש פון ״אל״ף״ (איינער), ועד״ז רבבה (עשר אלפים) - איז אויך פון לשון ריבוי בכלל, משא״כ מאה ועשר ווערן גענוצט נאר בנוגע למספר זה (עשרה און מאה)].

יא. ויש לומר הקשר צווישן רשב״י (און ר׳ אלעזר בנו) מיט דעם ענין פון ״מלה חדתא״ וואס ער האט געזאגט:

כללות ענינו של רשב״י איז א חידוש, כמובן פון דעם מאחז״ל[42] אז ״ראיתי בני עלי׳ והן מועטין אם שנים הן אני ובני הן״, אם חד הוא - ״אנא הוא״[43].

און אויך בנוגע צו פעולת רשב״י בעולם - האט ער אויפגעטאן א חידוש - דער ענין פון ״תורתו אומנתו״[44] [כידוע אז די דוגמא אין גמרא וכו׳[45] אויף ״תורתו אומנתו״ איז פון רשב״י וחברייא], ווארום עולם מצד עצמו איז באשאפן געווארן אין אן אופן פון ״ששת ימים תעשה מלאכה״[46], און ״שש שנים תזרע שדך גו׳״[47], און רשב״י האט אויפגעטאן אז אויך בעולם קען זיין דער סדר פון ״תורתו אומנתו״[48].

און אויך בנוגע צו עולם **עצמו** - האט רשב״י אויפגעטאן א חידוש, ווי רשב״י האט געזאגט ״יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין״[49]. ובהכרח לומר אז דער כח פון רשב״י איז ניט געבליבן נאר **ביכלתו** של רשב״י בלי שום פעולה בעולם (ווארום דעמולט איז ניטא קיין תועלת אין דעם ״יכולני לפטור כו׳״), נאר זיכער האט דאס אויפגעטאן א פעולה ושינוי וחידוש אין וועלט[50].

ווי מ׳זעט עס אויך אין דעם וואס לאחרי יציאתו מהמערה איז ״כל היכא דהוו מחי ר׳ אלעזר הוי מסי ר׳ שמעון״[51].

---

42) סוכה מה, ב. 43) זח״א רנה, סע״א. 44) שבת יא, א. 45) שבת שם. טושו״ע ושו״ע אדה״ז או״ח סו״ס קו. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד ס״ד-ה. 46) ויקהל לה, ב. 47) ר״פ בהר. 48) ראה בארוכה קונטרס משיחות ט״ו אייר וכו׳ שנה זו. 49) סוכה מה, ב. 50) ראה קונטרס משיחת ש״פ אחו״ק שנה זו ס״י. 51) שבת לג, ב.

[בהמשך להנ״ל - באה ההצעה לקשר חגיגת י״ב תמוז עם ״מלה חדתא״, ובענין זה אמר]:

יב. וואס בשעת מ׳איז מציע אן ענין מסויים ופרטי - האט עס די מעלה אז מ׳האט א זאך מיט וואס מ׳קען אנהויבן בפועל טאן (משא״כ בשעת מ׳רעדט נאר אין אותיות כלליות, קען מען אמאל אוועקגיין און ניט וויסן וואס מ׳זאל אנהויבן טאן).

אבער לאידך גיסא: די כוונה פון אנהויבן מיט א פרט מסויים - איז בכדי עס זאל דערנאך זיין ״ופרצת״[52] און ״פרזות תשב ירושלים״[53], כטבע האדם אז מי שיש לו מנה רוצה מאתיים, ומי שיש לו מאתיים רוצה ד׳ מאות כו׳[54], ביז מ׳זאל צוקומען צו בלי גבול.

און ביי א אידן קומען צוזאמען ביידע זאכן - גבול און בלי גבול. כמבואר בכ״מ בנוגע צו ברכת ה׳, אז פון איין זייט זאגט מען אז אין הברכה שורה אלא בדבר הסמוי מן העין[55], וביחד עם זה שטייט בא יצחק[56] ״ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים (**שאמדוה** כו׳) ויברכהו ה׳״.

ויש לקשר זה אויך מיט דעם בעל הגאולה פון י״ב תמוז, וואס שמו השני איז ״יצחק״, וואס באדייט די עבודה פון צחוק ושמחה, וואס איז באופן שלמעלה ממדידה והגבלה; און דאס קומט לאחרי דער עבודה בזמן הזה פון ״יוסף״ מלשון הוספה, ביז באופן פון ״יוסף ה׳ לי בן אחר״[57], אז מ׳מאכט א ״בן״ פון ״אחר״[58], וואס אין דעם באשטייט כללות מעשינו ועבודתינו בזמן הזה (באופן של מדידה והגבלה).

און די ביידע נעמען קומען צוזאמען, און א שטר דארף מען זיי שרייבן אין איין שורה, אבער לאידך גיסא - מיט א הפסק ביניהם, ווייל זיי זיינען צוויי באזונדערע עבודות, נאר - זיי ווערן מחובר.

און די עבודה פון ״יוסף״ בזמן הזה ברענגט גלייך די גאולה העתידה, וואס דעמולט וועט זיין יקרא ליצחק כי אתה אבינו[59], דער גילוי שלמעלה מכל מדידה והגבלה.

יג. וואס דאס ווערט אלץ נאכמער צוגעאיילט דורך דער עבודה איצטער.

דערפאר איז כאן הזמן אז די וואס האבן צוגעשטעלט משקה צוליב פעולות אין תורה עבודה וגמילות חסדים, אדער אין בתי חב״ד,

---

52) ל׳ הכתוב - ויצא כח, יד. 53) זכרי׳ ב, ח. 54) ראה קה״ר פ״א, יג. פ״ג, י. ועוד. 55) תענית ח, ב. וש״נ. 56) תולדות כו, יב ובפרש״י. 57) ל׳ הכתוב - ויצא ל, כד. 58) ראה אוה״ת עה״פ שם. 59) שבת פט, ב.

חכמה בינה דעת, וואס איז כנגד די דריי קוים פון תורה עבודה וגמ״ח (כמדובר כמ״פ) - זאלן איצטער ארויפגיין און זאגן ״לחיים״, און מכריז ומזמין זיין די מסובים כאן זיי זאלן זיך אין דעם משתתף זיין בנשמתם, בממונם ובגופם.

און עס זאל מקויים ווערן די ברכה פון ״והריקותי לכם ברכה עד בלי די״[60], וביחד עם זה - האט עס אויך די מעלה פון ״די״, כמבואר בכ״מ[61] דער ענין פון ״די״ און ״בלי די״, ביז אז עס ווערט חיבור שניהם יחד, ע״ד ווי אין ברכת כהנים, ויש לומר - נאכמער דערפון.

און עס ווערט דער חיבור פון ״יוסף״ און ״יצחק״, אז מ׳גייט גלייך אריין פון ״יוסף״ (די עבודה בזמן הזה) אין ״יצחק״ - דער גילוי דלעתיד לבוא, בסמיכות ממש בלי שום הפסק בינתיים, נאר בזה גופא - זיינען זיי צוויי תקופות (דערפאר זיינען זיי צוויי נעמען און מ׳שרייבט זיי מיט א הפסק בינתיים, כנ״ל).

ובפשטות - אז נאך אין דעם שבת קומט משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה, באופן כזה אז מ׳וועט קענען זאגן אז כבר בא, ווארום בודאי ובודאי בלי שום ספק אז ״לאלתר לגאולה״, און א ספק בזה קומט פון ספק בגימטריא עמלק[62], וואס ער קילט אפ - ״קרך בדרך״[63] - פון יעדער דבר של קדושה, און מ׳דארף אים מבטל זיין ביז מהפך זיין לגמרי,

ומתוך שמחה וטוב לבב, ביז ווי ס׳איז געווען בא דוד גואל אחרון - מפזז ומכרכר בכל עוז, ותיכף ומיד ממש.

[לאחרי חלוקת המשקה וההכרזות - התחיל כ״ק אדמ״ר שליט״א לנגן ״והריקותי לכם ברכה״].

* * *

יד. ע״ד ווי מ׳האט גערעדט פריער פון דעם ביאור אין ״דער חסיד׳ישער פרשה״ אז פרה אדומה איז ״זאת חוקת התורה״ ווייל אין דעם שפיגלט זיך אפ כל התורה כולה וועלכע טיילט זיך אויף די צוויי ענינים פון רצוא ושוב - עד״ז איז אויך בנוגע דער היינטיקער שיעור רמב״ם [דער מורה נבוכים שבכל הדורות, ״לקטן ולגדול״] בהל׳ מנחות, אז ע״פ המבואר אין חסידות אין דעם ענין פון קרבן מנחה - (בארוכה לפי ערך) אין תורה אור פ׳ וישלח[64]

---

60) מלאכי ג, י. 61) המשך תער״ב ח״א ע׳ רנח ואילך. ע׳ ערב ואילך. 62) כש״ט הוספות סצ״ג. ועוד. 63) תצא כה, יח. 64) כה, ג ואילך.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

(ד״ה ויקח מן הבא בידו מנחה לעשו אחיו), ובדרושי רבותינו נשיאינו שלאח״ז - איז מנחות אן ענין כללי בכל התורה כולה ובעבודת האדם.

ווארום התורה היא נצחית[65], ועאכו״כ דיני קרבנות שבתורה, וואס תפלות במקום קרבנות תקנום[66], ועאכו״כ קרבן מנחה, וואס ״כל הקרבנות נק׳ בשם מנחה״[67] [כמובן מזה גופא וואס יעקב האט געשיקט עשו׳ן כמה סוגי קרבנות, און כולם נקראים בשם ״מנחה״].

טו. דער כללות התוכן שבזה איז:

מנחה (וואס גייט אויף כל הקרבנות) האט בכח צו אויפטאן א קירוב מן הקצה אל הקצה ממש. ווי מ׳זעט עס בא שילוח המנחה פון יעקב לעשו, אז אע״פ וואס עשו שנא את יעקב כו׳, איז דורך שילוח המנחה געווארן א קירוב ביניהם, ביז אז עס האט גע׳פועל׳ט אויף עשו אז ״וישקהו״[68].

וואס כאטש אז ס׳איז דא א פירוש אין דעם[69] אז דער ניקוד (אויף דעם ווארט ״וישקהו״) קומט לערנען אז ״לא נשקו בכל לבו״, ד.ה. אז די נשיקה איז געווען ניט אן אמת׳ע - פונדעסטוועגן איז פארשטאנדיק, אז וויבאלד דער ״וישקהו״ שטייט אין תורת אמת, איז בשעת מ׳האט די ברירה, איז מער מסתבר אויסקלייבן דעם צווייטן פירוש[69] אז ״נשקו בכל לבו״.

והגם אז אויך דער ניקוד שטייט אין תורת אמת, איז יש לומר אז דאס קומט מוסיף זיין (לויט דעם פירוש אז נשקו בכל לבו), אז די נשיקה איז למעלה ווי ע״ד הרגיל. ע״ד ווי די מעלה פון עבודת התשובה וואס טוט אויף אז זדונות נעשו לו כזכיות, ״כזכיות״ מיט א כ״ף הדמיון, ווייל די זכיות (וואס ווערן פון די זדונות) זיינען העכער פאר סתם זכיות. און דערפאר טוט עס אויף, אז במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד שם, ניט נאר וואס ״אין עומדים שם״ בפועל (וואס דאס איז ווי ״וישקהו״ ע״ד הרגיל), נאר ״אין **יכולים** לעמוד שם״ (״וישקהו״ בניקוד - שלמעלה מנשיקה הרגילה).

והענין הוא:

---

65) ל׳ התניא - רפי״ז. 66) ברכות כו, ב. 67) תו״א שם. 68) וישלח לג, ד. 69) פרש״י עה״פ.

עשו הוא הבכור, ווייל מצד שרשו איז ער העכער פאר סדר השתלשלות, העכער פאר יעקב. און דערפאר האט יעקב אים געשיקט א מנחה, מנחה ר״ת מזל נוצר ח׳ (דער מזל השמיני), וואס איז למעלה מסדר השתלשלות - בכדי עס זאל נמשך ווערן צו אים (צו יעקב) די אורות שלמעלה מהשתלשלות (שרשו של עשו), און דורך דעם אויך אויפטאן דעם בירור ואתהפכא ותשובה פון עשו שלמטה.

דער ענין אין עבודה:

יעקב גייט אויף דער נשמה און עשו גייט אויף דעם גוף. און תכלית ירידת הנשמה בגוף איז בכדי צו מברר זיין דעם גוף און דורך דעם מגלה זיין אין גוף ווי ער איז מצד שרשו למעלה, וואס מצד דעם איז ער העכער פאר דער נשמה, כמבואר אין ביאורי הזהר פון דעם מיטעלן רבי׳ן אז דער יש הנברא איז איין זאך מיט דעם יש האמיתי [וואס הגם אז דאס איז אזוי בנוגע צו מציאות היש בכלל, איז דאס אבער בעיקר בנוגע צו גוף ישראל, וואס גופא דילהון קדישא, ואדם אתם, על שם אדמה לעליון (וואס דאס גייט בעיקר אויפן גוף)], אז דער עצם פון גוף (וואס איז חקוק אין גוף) איז איין זאך מיטן יש האמיתי.

און דורך דעם וואס די נשמה איז מגלה אין גוף דער שרש הגוף (ווי ער איז איין זאך מיטן יש האמיתי) ווערט אן עלי׳ אין דער נשמה, ווי ס׳וועט נתגלה ווערן לע״ל, אז הנשמה ניזונית מן הגוף.

און דורך דעם טוט זיך אויך אויף דער בירור ואתהפכא פון דעם העלם הגוף ועוה״ז (עשו) - וואס דאס איז דאך א חידוש (״מלה חדתא״), און צוליב דעם איז געוועון די גאנצע בריאה וסדר השתלשלות, אז דורך דעם זאל זיך אויפטאן א חידוש פון עבודת התשובה - ״וישקהו״ בכל לבו.

[אין זהר פרשתנו שטייט אז רפב״י האט געבעטן בא רשב״י א ״מלה חדתא״ בקשר מיט פרה אדומה; אבער ע״פ חסידות חב״ד איז פארשטאנדיק אז כללות כל הבריאה וסדר השתלשלות איז צוליב אויפטאן א ״מלה חדתא״].

ואילו זכו וואלט דאס אויפגעטאן געווארן דורך יעקב בשעתו; עכ״פ - אויך ער האט דעמולט אויפגעטאן דורך שילוח המנחה אין מזלייהו פון עשו,

וואס דערמיט האט מען נאך א הסברה פארוואס יעקב האט געשיקט

הנחת הת׳ בלתי מוגה

די מנחה לעשו, כאטש אז ער האט געהערט פון די ״מלאכים ממש״ אז עשו איז נאך ניט נתברר געווארן און ניט מוכן צו דער גאולה ווי יעקב האט געמיינט[70], איז וואס האט ער זיך ״געשטופט״ שיקן די מנחה? איז (נוסף צו דעם ביאור דלעיל, אז דאס איז בכדי ממשיך זיין פון אורות דשרשו של עשו) דער ביאור אין דעם, אז יעקב האט אויפגעטאן אין מזל ושרש עשו, אז מזלייהו חזי, און דאס האט אויפגעטאן א ביטול אין עשו למטה[71].

אבער דאס איז אלץ בנוגע צו שילוח המנחה; משא״כ בנוגע צו גיין מיט עשו צו דער עצם גאולה, אל ארץ שעירה (ווי עשו האט געזאגט יעקב) האט יעקב געזאגט עשו׳ן ״יעבר נא אדוני לפני עבדו ואני אתנהלה לאטי גו׳ עד אשר אבוא אל אדוני שעירה״ (בגאולה האמיתית והשלימה ווען עס וועט זיין ״והיתה[72] לה׳ המלוכה״)[73] - ווארום בנוגע צו גיין צו דער גאולה און בויען דעם ביהמ״ק איז ״לא לכם ולנו לבנות בית לאלקינו״[74];

משא״כ איצטער, בסוף זמן הגלות, לאחרי גמר כל הבירורים, איז שוין זיכער געקומען די צייט אויף שלימות בירור עשו דלמטה, און מגלה זיין שרשו של עשו - דער שרש הגוף, ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, און דעמולט וועלן נאר זיין עליות מדרגא לדרגא [ויש לקשר זה מיט רשב״י וואס ער איז געווען פון די ״בני עלי׳״ און אם חד הוא כו׳, אז דורך די עליות (״בני עלי׳״) דערגרייכט מען צו בחי׳ ״חד״].

ובפשטות - אז פון די לעצטע רגעים אין גלות טאנצט מען גלייך אריין אין דער גאולה האמיתית והשלימה, ולא עכבן אפילו כהרף עין, כמדובר לעיל בנוגע צו די צוויי תקופות פון ״יוסף״ און ״יצחק״.

טז. כאן המקום צו דערמאנען אויף א ״קלאץ ניגון״, וואס הגם אז מ׳זינגט כו״כ ניגונים - האט מען מפני סיבות שונות ומשונות פארגעסן אויף דעם ניגון (בקשר מיט גאולה) פון דעם שיעור תהלים וואס מ׳האט היינט געזאגט.

און מ׳האט דערביי געזאגט ״יהי רצון כו׳ שתהא נחשבת לנו אמירת מזמורי תהלים אלו כאילו אמרם דוד מלך ישראל בעצמו״, וואס וויבאלד מ׳זאגט דאס אין א תפלה איז פארשטאנדיק אז דאס איז ניט מעשה נסים (ווארום מ׳איז ניט מתפלל אויף נסים), נאר

---

70) תו״א ר״פ וישלח. 71) תו״א שם כו, רע״א. 72) עובדי׳ א, כא. 73) וישלח לג, יד ובפרש״י שם. 74) עזרא ד, ג.

אן ענין וואס יעדערער קען דערגרייכן בדרך הטבע, סיי א גדול און סיי א קטן, וואס ער זאגט אויך תהלים, כולל אין היינטיקן שיעור - דער פסוק ״פדה בשלום נפשי״,

וואס כאטש אז ניט יעדער קינד פארשטייט דער פירוש המילות, אבער ער ווייסט אז ער זאגט די ווערטער ״פדה בשלום נפשי״, און ער ווייסט אויך דעם ניגון אויף די ווערטער!

ואעפ״כ האט מען זיך ניט געכאפט אז מ׳זאל זינגען דעם ניגון!...

וואס דעריבער - לאחרי וואס מ׳רעדט און מ׳רעדט און מ׳רעדט זיך אויס, און עס זיינען שוין דא די וואס קוקן אויפן זייגער ווען וועט מען שוין ענדיקן, און מ׳וועט גיין צו קריאת התורה, און דערנאך גיין עסן שלש סעודות, און דערנאך זיך אויך אפרוען... - וועט מען ארייכנאפן מיט מרה לבונה און זינגען (וכ״ק אדמו״ר שליט״א התחיל לנגן) פדה בשלום נפשי.

אח״כ צוה כ״ק אדמו״ר שליט״א לנגן ״הבינוני״. ואח״כ התחיל לנגן ״ניעט ניעט ניקאווא״.

אח״כ אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א ״לחיים״ לכל הקהל, ולאחרי שתיית הכוס אמר (בחיוך): הלואי אז ממנו יראו וכן יעשו רבים!

לאחרי אמירת ״לחיים״ של הקהל, אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

----- * -----

הנחת הת׳ בלתי מוגה

לזכות

החתן הרה״ת **אליעזר** שיחי׳ **האלאן**

והכלה **טויבא** תחי׳ **ווילענסקי**

לרגל ה״וואורט״ שלהם בשעטומו״צ

יום א׳ פ׳ בלק, אור לי״ב תמוז תשמ״ח - הקהל

*

נדפס ע״י הוריהם

הרה״ת ר׳ **דוב** וזוג׳ מרת **שולמית** שיחיו **האלאן**

הרה״ת ר׳ **יהושע** וזוג׳ מרת **נחמה** שיחיו **ווילענסקי**

זקניהם

מרת **פייגא** תחי׳ **האלאן**

מרת **הינדא** תחי׳ **ראפאפארט**

הכתובת להשיג ה״הנחות״

באה״ק: ועד הנחות התמימים (אצל מכון לוי״צ) ת.ד. 23 כפר חב״ד טל. 03-9606887

בחו״ל: **VAAD HANOCHOS HATMIMIM 788 EASTERN PARKWAY BKLYN N.Y. 11213**

TEL. (718) 774-6448

לזכות

הרה״ח **יוסף יצחק** בן **אלטע נחמה גיטל**

וזוגתו **רבקה** בת **מתי׳ה**

וב״ב

בלה ובעלה **חיים זאב** בן **יהודית**

וילדיהם **חנה, שלמה מרדכי ואפרים צבי בלוי**

מנחם מענדל דוב, חנה ורחל

יוזביץ

לזכות

יוסף יצחק בן **הינדא מלכה**
שטערנא שרה בת **רבקה בלימא**
חי׳ מושקא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **מנחם מענדל** בן **מארייאשא באדאנע שרה** גראנער
ובתם **חנה** בת **חי׳ מושקא**
ובנם **לוי** בן **חי׳ מושקא**
ובתם **דבורה לאה** בת **חי׳ מושקא**
שלום דובער בן **שטערנא שרה**
חנה בת **שטערנא שרה**
ובעלה **שניאור זלמן** בן **אסתר הדסה** ראסקין
ובתם **חי׳ גנעשא בת חנה**
דוד בן **שטערנא שרה**
פייגא בת **שטערנא שרה**
ובעלה **אליהו צבי** בן **פערל** גורעוויטש
דבורה לאה בת **שטערנא שרה**
מנחם מענדל בן **שטערנא שרה**
נעכא רייזל בת **שטערנא שרה**
שניאור זלמן בן **שטערנא שרה**
פנינה יהודית בת **שטערנא שרה**

לו

לברכה והצלחה רבה בכל מעשה ידיהם
למעלה מן המשוער
ושיזכו לגרום רק נחת רוח
לכ״ק אדמו״ר נשיא דורנו

לזכות

שלום דובער הלוי בן **אסתר** ומשפחתו

שליט"א

לזכות

מושקא בת **דבורה לאה**

מנחם מענדל בן **דבורה לאה**

אליעזר בן **דבורה לאה**

מוקדש

לחיזוק ההתקשרות

להוד כ"ק אדמו"ר זי"ע